STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06506

FISH-FANG

Abe Goldstein

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פיש־פּאַנג

אב. גאָלדשטיין

פיש-פּאַנג

פאַרצייכענונגען

פון אַ פיש־פּאַנג ליבהאָבער

ניו־יאָרק — 1951

ABE GOLDSTEIN

FISHING

NOTES OF A FISHERMAN

NEW-YORK, 1951

COPYRIGHT, 1951

PRINTED IN THE UNITED STATES OF AMERICA
BY MARSTIN PRESS, INC., NEW YORK CITY
438

דאָס בוך איז געווידמעט
מיין געטרייער לעבנס-באַגלייטערין,
מיין פרוי ח נ ה



דער מחבר ביים פיש־פאַנג

איך ווייס ניט, צי אַ בוך דאַרף בכלל האָבן אַ הקדמה. אָבער אין דעם פאַל איז עס גאָר אַנדערש, מחמת עס איז אַ יוצא מן הכלל. ווי מיר איז באַקאַנט, איז אין דער גאַנצער, רייכער יידישער ליטעראַטור ניטאָ גאָרניט וועגן פיש־פאַנג, הגם מיר יידן האָבן דווקא יאָ אַ נאָענטן שייכות צו פיש, ווי צו אַ נאַציאָנאַלן מאַכל.

ביי אונז אין אַמעריקע, ווי אויך אין אַנדערע לענדער, זיינען פאַראַן טויזנטער און צענער טויזנטער מאַחינו, וועלכע גיבן זיך אָפּ מיט דעם פיש־פאַנג־ספאָרט. איך וואָלט דעריבער וועלן מיט מיין איצטיקער זאַמלונג ביישטייערן מיין באַשיידענעם חלק צו דעם מין ליטעראַטור אין יידיש און אפשר אויך פאַרשטאַרקן ביי אונזערע לייענער דעם אינטערעס צום פאַרצווייגטן פיש־פאַנג־ספאָרט.

אין דעם בוך זיינען מערסטנס פאַרצייכנט מיינע איינדרוקן, דער־פאַרונגען און אויספירן, צו וועלכע איך בין געקומען אין דער צייט פון לאַנגע יאָרן פאַרברענגען אויף די וואַסערן. דאָ האַנדלט זיך דער עיקר וועגן פיש, וועלכע געפינען זיך אין די זיסע וואַסערן און דאָס אויך ניט וועגן אַלע מינים, נאָר וועגן די יעניקע, וואָס לעבן אין די קליינע טייכן איבער דער לענג און ברייט פון אַמעריקע.

איך וואָלט געוועזן שטאַרק צופרידן, ווען מיר זאָל געלונגען, אַ דאַנק מיין בוך, אַוועקצורייסן דעם לייענער פון שטאָטישן טומל און אים ברענגען צום טייכל, נאָענט פון גאָטס נאַטור.

איך האָב מיין גאַנץ לעבן געווידמעט דער אידייע פון ציוניזם, און איצט, האָבנדיק דערלעבט די יידישע מדינה, לעב איך מיט דער האָפענונג, אַז אפשר וועט דאָס דאָזיקע בוך מיינס מיטהעלפן צו דער אַנטוויקלונג פון דער פיש־אינדוסטריע אין מדינת ישראל. ביים אַרויסגעבן דאָס דאָזיקע בוך האָב איך שטאַרק אין זינען אונזערע קינדער אין די שולן, זיי זאָלן דורך אונזער יידישער שפּראַך קומען צו דעם ספּאָרט פון פיש־פאַנג, וואָס האָט אַזאַ שטאַרקע ווירקונג אויף דער אַנטוויקלונג פון דעם קינדס כאַ־ראַקטער.

איך דריק אויס מיין דאַנק צו דער „יו־עס פיש און וואַלד סער־וויס" פאַר זייער מיטהילף ביים באַזאָרגן מיר די בילדער פאַר דעם בוך.

אב. גאָלדשטיין



פיש־פאַנג איז פאַר קליין און גרויס

דער מחבר מיט זײַן עלטסטן אייניקל

מיין טייכל

קוקט אויף די וואַסערן פון מיין טייכל אין אַ מיטן זומער־טאָג. אַלץ אַרום איז שלעפעריק. פליגעלעך, אויסגעפּוצטע אין זומערדיקע בגדים פון העלע קאָלירן, טראָגן זיך אַרויף און אַראָפּ, אָן אַ ציל און אָן אַ תכלית, אָן אָפּרו און אָן אויפהער.

די גאַנצע מלוכה וואָס שווּבלט און גריבלט אַרום מיינע וואַסערן כאַפּט אַ דרימל. די היץ האָט זיך אין פאַרשידענע ווינקלען אַראָפּגעלאָזט אַזוי ווי אַ טוי. אין מיינע וואַסערן קאָן מען זיך שפּיגלען. אויך דער וואַלד אַרום מיר שלאָפט שטייענדיק אָן דער מינדסטער באַוועגונג.

ביי אַ ברעג, אונטערן שאָטן פון אַ גרויסן בוים, זיצן אין אַ שיפל צוויי פישערלייט. זייערע אויגן זיינען אָנגעשטרענגט. זיי פאָלגן נאָך מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט די קאָלירטע קאָרקעס, וואָס ליגן אָן באַוועגונג אויף דעם רוקן פון טייך. זיי רויכערן ליולקעס, פון וועלכע עס זעט זיך קוים דער רויך, און וואַרטן ביז דער קאָרק וועט זיך אַ ריר טאָן. טאָמער אָבער גיט זיך דער קאָרק אַ טונק און הויבט אָן שווימען אין וועלכער נישט איז ריכטונג, איז עס פאַר זיי אַן אָנזאָג, אַז עמיצער טיף אין די וואַסערן פאַרמעסט זיך צו פאַרזוכן זייער מאכל.

אומזיסט זייער וואַרטן! די פיש זיינען אין אַזעלכע טעג ניט קיין בעלנים אויף עסן. אין הייסע טעג באַזאָרגן זיי זיך מיט זייער שפּייז גאַנץ פרי, באַגינען, איידער די זון הויבט זיך אויף הויך אויף דעם הימל. ערשט ווען די שטראַלן פון דער זון ווערן קילער און לאַנגע שאָטנס פאַלן אויף די וואַסערן, לאָזן זיך די פיש נאָכאַמאָל אַרויס זוכן חיונה און פּרנסה... ניט איינמאָל שמייכל איך, ווען איך זע ווי אומגעדולדיקע פאַרשווינען ווילן כאַפּן פיש דווקא ווען זיי גלוסט זיך, און ווילן זיך גאָר ניט רעכענען מיט דעם, אַז די פיש האָבן זיך זייער אייגענעם לעבנס־וועג.

אַנדערע, וועלכע זיינען שוין באַקאַנט מיט דעם לעבנס־שטייגער פון די פיש און ווען זיי קומען שוין יאָ פאַנגען אין אַ מיטן העלן טאָג, זוכן זיי אויס די טיפע ערטער, וואו פרישע קוואַלן שלאָגן פון טיפן אָפּגרונט; זיי פאַרשטייען אויך, אַז אין אַזאַ צייט פון טאָג מוז דער פישפאַנג צוגיין זייער פּאַמעלעך און אַז די צוציאונג־שפּייז, אויף וועלכער מיינע פיש קוואַפּען זיך, ווי אויף אַ גרינגן פאַרדינסטל, מוז זיי גרייכן אין די טיפע וואַסערן, ניט ווייניקער ווי אַ פוס פון סאַמע גרונט.

גליטשן זיך די שיפֿלעך פֿון די פֿיש־פֿאַנגער אויף די גלאַטע וואַסערן און שפּיגלען זיך אָפּ אין זייער גאַנצער לענג און ברייט. מיינע אַלטע און געטרייע פֿריינט, די בוימער, זעען אויס ווי וועכטער, וואָס באַשיצן דעם טייך ניט נאָר פֿון דרויסן, נאָר אויך פֿון אינעווייניק, מחמת זייערע קאָנ־טורן שפּיגלען זיך אָפּ אין די וואַסערן.

פּלוצלינג איז עפּעס געשען: אַ וואַסער־שלאַנג איז אַריין אין אַ בהלה. זי האָט זיך דערשראָקן. פֿון צווישן די דרימלענדיקע, קליינע קוס־טעס איז גיך אַרויסגעשוואומען אַ שיפֿל מיט אַ פֿיש־פֿאַנגער. דאָס שיפֿל שלייכט זיך אויפֿן טייך און שניידט די וואַסערן, וואָס זיינען קלאָר און דורכזיכטיק ווי קרישטאָל. אַ לאַנגע סטעזשקע פֿון אומרו שלענגלט זיך נאָך דער שלאַנג. פּאַמעלעך פֿאַרשווינדן זיי ביידע: אי די שלאַנג, אי די סטעזשקע נאָך איר. אויף די ליפּן פֿון דעם פֿיש־פֿאַנגער באַווייזט זיך אַ שמייכל: אומזיסט זיך די שלאַנג געשראָקן, ניט איר האָט ער גע־מיינט...

די וואַסער־שלאַנג איז ניט פֿון מיינע וויכטיקע שונאים. סיי ווי האָט זי ניט קיין גיפֿט אין זיך, אויף צו טאָן חלילה שאָדן, אָבער קיין גרויסער חסיד פֿון איר בין איך אויך ניט, מחמת זי פּירט זיך גאָר ניט לייטיש מיט מיינע ליבע פֿיש.

ניט איינמאָל קומט מיר אויס צו זיין אַן עדות פֿון אַ געראַנגל אויף לעבן און טויט צווישן אַ לאַנגער, דאַרער וואַסער־שלאַנג מיט אַ גאַנץ היפּשן פֿיש, פֿון וועלכן די שלאַנג קומט אָפּט אַרויס די זיגערין איבער דעם גרויסן און שטאַרקן פֿיש. אַזאַ מין קאַמף און געראַנגל איז דאָך אַ נאַטירלעכע דערשיינונג אין דער נאַטור פֿון באַשעפֿער. אָבער מיין אומחן צו דער שלאַנג נעמט זיך דערפֿון, וואָס אָפֿט פֿאַרמעסט זיך אָט די גרויסע העלדין מיט איר חכמה, ניט נאָר אויף גרויסע פֿיש, נאָר אויך אויף פּיצינקע פֿישעלאַך, וואָס זיינען נאָר וואָס פֿון זייערע אייערלעך אַרויס, קוים די וועלט דערזען און ערשט אָנגעהויבן באַוועגן זיך אין מיינע וואַסערן, ווי שטיקלעך ברעקלעך פֿאָדים. אויף די פֿעט־בייכיקע און האַרטקעפּיקע פֿיש, וואָס זיינען אויסגעוואַקסן אין קאַמף־און געראַנגל און קענען שוין לאַנג זייער שטעטל באַשטיין, טוט מיר ניט אַזוי ווי, ווייל אַזוי איז שוין דער דרך העולם אין וואַסער, פּונקט ווי אויף דער יבשה. ווען אָבער די חכמה הייבט אָן באַווייזן איר גבורה אויף אָט די קליינטשיקע, וואָס האָבן נאָך דאָס ליכט פֿון דער וועלט

ניט דערזען און דעם טעם פון די וואַסערן ניט פאַרזוכט, פאַרדריסט עס מיך טאַקע אויף אַ רעכטן אמת. און דעריבער איז באַרעכטיקט דער ווידערווילן פון די פישערלייט צו דער שלאַנג, אָדער אפשר איז עס גאָר דער ירושה־געפיל, וואָס מיר טראָגן אין זיך צו דער שלאַנג פאַר איר אַראָפּפירן פון וועג די מוטער חוה? — ווער ווייסט...

אויך די טשערעפּאַכעס, וואָס זיצן באַלעבאַטיש אויף די צווייגן פון אַ צעפוילטן בוים, וואָס שטעקט אַרויס פון וואַסער, וואַרימען זיך אויף דער זון און דרימלען מיט זייערע קעפּלאַך באַהאַלטן אונטער זייער אייגענעם פּאַנצער. בלויז געציילטע פון זיי שווימען אַרום אין וואַסער, אַרויסשטעלנדיק די קעפּלאַך און באַלד ציענדיק זיי צוריק אונטערן וואַסער, פּונקט ווי זיי וואָלטן ניט קענען באַשליסן, וואו ס'איז אין אַזאַ טאָג באַקוועמער — אויבן אויף דער פלאַך, אָדער אונטן אין וואַסער. דערהערנדיק דעם שאָרך פון אַ וועסלע, דאָס קומען פון אַ שיפל, דעם הויך פון אַ מענטשן, כאַפּן זיי זיך אויף און דערשראָקענע גליטשן זיי זיך אַרונטער און פאַרשוואונדן אין די וואַסערן.

אויך זיי זיינען ניט שטאַרק באַליבט ביי די פיש־פאַנגער. זיי זיינען באמת גרויסע פרעסערס און פאַרניכטן מער פיש, ווי אַלע פישפאַנגער צוזאַמען קענען ווען עס איז כאַפּן. ניט מער, וואָס זיי ברענגען גרויס נוצן דערמיט, וואָס זיי האַלטן די וואַסערן ריין און ציכטיק. אויף אַלץ, וואָס פאַלט אַריין אין מיין טייך, זיינען זיי בעלנים און גיבן גוט אַכטונג, אַז קיין איבעריקע זאַכן זאָלן זיך ניט אָנזאַמלען און אַז די שטייענדיקע וואַסערן זאָלן ניט באַשמוצט ווערן.

דאָס שיפל מיט דעם פיש־פאַנגער זוימט זיך ניט לאַנג אין דער געגנט פון דער וואַסער־שלאַנג. אַ שאָד די צייט... ער פאַרקירעוועט זיך גיך צו אַן אַנדערן פּונקט, וואָס איז ווי אַ בוכטע — אַ מלוכה אין אַ מלוכה.

דאָס וואַסער דאָ איז ניט טיף. די ברעגן זיינען באַדעקט מיט גרינע גרעזלעך, וועלכע וואַקסן אונטער דעם וואַסער און שטעקן אַרויס אָפּגעזונדערט. אַ גרויסע מחנה וואַסער־פליגן שווימט דאָ אַרום, אַזוי ווי זיי וואָלטן געפירט אַ געהיימען שפּיל. ס'קען זיין, אַז זיי פירן דורך אַ וויכטיק שטיקל אַרבעט. זיי טראָגן זיך אומרואיק, בהלהדיק, פלינק און ענערגיש און דרייען זיך אין קרייזן האַרט ביים וואַסער. אָן אַ זייט שווימען אַרום עטלעכע גרעסערע פליגן, וואָס זעען אויס ווי שפּינען.

זיי האַלטן זיך גאַנץ ווייט פון דער מחנה אַנדערע פֿליגן, און מאַכן דעם איינדרוק פֿון אינזשיניערן, וועמענס אויפֿגאַבע עס איז, צו מעסטן די לענג און די ברייט פֿון דער בוכטע.

אָט אָ דאָ איז דער שטילסטערווינקל פֿון די ברעגן. דאָס וואַסער איז דאָ שטענדיק רואיק, קיין ווינט דערגרייכט ניט אַהער און די כוואַליעס וואַשן ניט די ברעגן, ווי אין די אַנדערע טיילן פֿון מיין מלוכה. דערפֿאַר שווייבלט און גריבלט דאָ מיט אַלערליי פֿליענדיקע באַשעפֿענישן — פֿון די קליינע מאָסקיטאָס ביז די אויסגעפּוצטע קאָלירפֿולע פֿליגן. אַ וועלט פֿון כּל־ערליי קאָלירן אַנטפּלעקט זיך פֿאַר אייערע אויגן: ווייסע מאַי־פֿליגן, וואָס קומען אַרונטער צום אָוונט, דראַגאָן־פֿליגן, וואָס זעען אויס ווי קליינע מאָדעלן פֿון אַן עראָפּלאַן; פֿליגן ברוינע, געלע, רויטע; פֿליגן אויסגעפּוצטע האַלב גרין, האַלב שוואַרץ און אויך אַזעלכע, וואָס אויף יעדן אבר זייערן איז פֿאַראַן אַן אַנדער קאָליר.

די דאָזיקע פֿאַרביקע אויסשטעלונג קומט פֿאַר אויף מיינע וואַסערן סיי בייטאָג, סיי אין אָוונט. אָבער ווער עס וויל זיך צוקוקן צום אויסטער־לישן קאַמף פֿון מיינע פֿיש מיט די פֿליגעלעך, דער זאָל קומען צו מיין טייכל אין אַ בין השמשות, ווען די שאָטנס הויבן אָן פֿאַלן און די נאַכט רוקט זיך אָן. דערמאָלט לאָזן זיך אַרויס מיינע פֿיש אין געיעג נאָך אָוונט־ברויט, פּונקט ווי אַ גלאָק וואָלט זיי אָנגעזאָגט די ריכטיקע צייט. אָוונט נאָך אָוונט לאָזן זיך די פֿליגעלעך אַראָפּ צום וואַסער און אין דער אייגענער צייט הויבן זיך אויף די פֿיש פֿון דער טיפֿעניש, כּדי זיי צו באַגעגענען. און אויף דעם רוקן פֿון מיין טייכל הויבט זיך אָן דער טאַנץ פֿון לעבן און טויט. לעבן און פֿאַרגעניגן פֿאַר איינע; אומקום און טויט — פֿאַר די אַנדערע. מיט אויגן אויסגעשפּיצטע, מיילער אָפֿענע, שפּרינגען די פֿיש צו דער הויך, פֿון טייכל, און זשומענדיק דרייען זיך די פֿליגעלעך אין קרייזן, נעענטער און נעענטער צום וואַסער, לעכצנדיק נאָך אַ רגע, נאָך אַ טראָפּן פֿייכטקייט. אַ רגע — און עס באַגעגנט זיך דער פֿאַנגער מיט זיין קרבן, דער שטאַרקער מיט דעם שוואַכן. אַ שפּרונג, אַ צוק, און — אַ רינג אויף מיינע וואַסערן דערציילט וועגן דעם טרויעריקן סוף.

יאָ, ניט אַלע פֿליגעלעך, וואָס לאָזן זיך אַראָפּ, זיינען קרבנות פֿון די פֿיש. אַ גרויסער טייל פֿון זיי לעבט ניט מער ווי אַ מעת לעת און ווען זייער לעבנס־צייט ענדיקט זיך, בלייבן זיי במילא ליגן אויף דעם

וואַסער. די פיש, אָבער, רירן זיך צו זיי ניט צו. אויף צו דערהאַלטן זייער חיות זוכן זיי בלויז לעבעדיקע און באַוועגלעכע ברואימלעך. די ניט באַוועגלעכע און אָן אַ סימן פון לעבן לאָזן זיי ליגן אויפן וואַסער.

דאָ און דאָרטן אין דער בוכטע וואַקסן אויך וואַסער־ליליעס. זייערע ברייטע בלעטער ליגן ווי דיוואַנען אויף מיין טייכל. אַ טייל פון זיי מיט ברייט צעעפנטע קווייטן און טייל בלויז מיט קעפלעך גרייט צו עפענען זיך. דאָ, אונטער די וואַסערן, ליגן אויך ברייטע שטיינער; צעוואָרפענע איבער דער בוכטע באַלייכטן זיי דאָס וואַסער אַרום. אין אַזאַ מין העלן טאָג קען מען זיך גאָר נאָענט באַקענען מיט די יונגיטשקע פון מיין פיש־משפחה. מיט אַ נאַקעטן אויג קען מען אַ סך זען פון דעם לעבן און געוואוינהייטן פון מיינע ליבע פיש.

קאָרעסלאָד

אָט בלייב איך שטיין פֿאַר אַ בילד וואָס לאָזט מיך ניט זיך אָפּרייסן. איך קאָן זיך ניט געגנוג אָנזעטיקן מיט דעם וואָס איך זע דורכן וואַסער: גאָרניט ווייט פֿון איינעם פֿון די שטיינער שווימט אַרום אַ ברייט ביינער־דיק קאָרעסל. ער דרייט זיך אַרום ווי אין אַ ראָד, בלייבט פּלוצלינג שטיין אין אַ מאָדנער, אומנאַטירלעכער פּאָזע, און שטעלט זיך ווערטיקאַל, ווי ער וואָלט וועלן שטיין אויף זיין ברייט ווײַדעלע, אַנשטאָט צו שווימען אויף זיין בייכל. און אַז ער בלייבט שטיין אין דער מאָדנער פּאָזע, איז גאָרניט שווער צו באַמערקן, אַז דאָס ווײַדעלע באַוועגט זיך ווי אַ בעזעם, גיך, הין און צוריק. און עס הייבט זיך טאַקע אַ שטויב ווי מען וואָלט געקערט מיט אַ בעזעם. אַזוי דויערט אַ פּאָר געציילטע מינוטן, ביז דער קאָרעסל לאָזט זיך צוריק שווימען אויף זיין קאָלירטן בייכל; ער רוט זיך אָפּ אַ ווײַל און נעמט ווידער זיין פֿריערדיקע פּאָזיציע פֿון קערן דעם שטויב הין און צוריק. מען קאָן זען, אַז ער טוט עס גערן, מיט אַ סך פֿלייס און חשק. אַלץ אַרום איז רואיק, אַלץ אַרום דרימלט אין דער וואַרעמער לופֿט. אָבער ניט דער קאָרעסל. ער בויט, ער אַרבעט.

דאָס זיינען ניט קיין קונצשטיק, ניט גלאַט אַ שפּיל, וואָס דאָס שיינע פֿישל וויל באַווייזן אין קלאָרן זון־באַלויכטענעם וואַסער; דאָס בויט דאָ דער קאָרעסל, ביים ברעג צווישן די גרויסע שטיינער, אַ צייטווייליקע היים, אַ נעסט פֿאַר זיך, פֿאַר זיין באַשערטער און פֿאַר זייערע קומענדיקע דורות, וועלכע וועלן דאָ צום ערשטן מאָל דערזען די נאַסע וועלט פֿון טייכל.

אָט אַזוי וועט ער קערן מיטן ווײַדעלע און גראָבן מיט זיין מויל, און זוכן אויסצוגעפֿינען, ווי ווייט דער שטויב, די בלאָטע, די בלעטער זיינען שוין אויסגעקערט. ער וועט ניט רוען אַזוי לאַנג, ביז ער וועט זיך דערגריבלען צום לויטערן זאַמד, צום באָדן, אויף וועלכן עס ליגן קליינינקע, קוים באַמערקבאַרע שטיינדעלעך. ווען ער ווערט פֿאַרטיק מיט זיין שווערער אַרבעט, קענט איר דאַן זען, אַז זיין היים איז גרויס און קיילעכיק ווי אַ ראָד, שיינענדיק פֿון ריינעם זאַמד און טאַקע קלאָר און ציכטיק.

גאַנצע געגנטן אונטער דעם וואַסער ווערן פֿאַרפֿלייצט מיט אַזעלכע היימען. בפֿרט ווערן פֿאַרוואַנדלט אין גאַנצע קאָרעסלעך־קאָלאָניעס יענע

ערטער, וואו דער גרונט איז זאַמדיק און באַדעקט מיט קליינע שטיינ־דעלעך. די קאָרעסלעך, נעמען אַראָפּ דעם צודעק, וואָס קלויבט זיך אָן פון יאָר צו יאָר, רייניקן עס אַזוי לאַנג ביז זיי דערגרייכן צום גרונט, און כּל זמן זיי וואוינען דאָרט אין די היימען, וועלן זיך קיין שטויב, קיין בלעטער און קיין צווייגן דאָרט ניט אָנקלייבן.

די קאָלאָניעס אונטערן וואַסער זעען אויס, ווי קליינע שטעטלעך. מען קאָן זיי באַלד באַמערקן אין אַ זוניקן טאָג. אין יעדן „הויז", געבויט לויט דער זעלבער אַרכיטעקטור, קיילעכיק ווי אַ ראָד, געפינט זיך אַ קאָרעסל וואָס פאַרלאָזט עס זעלטן. טיילמאָל לויפט ער אַרום אין דעם ראָד אין מאָדנער איילעניש און כאַפּעניש, און איר זעט ממש זיין נערוועזיטעט; ער יאָגט אַלץ און אַלעמען, וואָס קומט נאָענט צו זיין היים און טרייבט עס פון זיך אַ ברוגזער, ווי ער וואָלט געוואָלט זיין אַליין. אַמאָל אָבער שטייט ער אויף איין אָרט שעהן לאַנג, אָן דער מינדעסטער באַוועגונג, ווי אַ פאַרגליווערטער, רירנדיק בלויז פון צייט צו צייט מיט די אונטערשטע פליספעדערן. מען קאָן צו אים צוקומען מיט דעם שיפל גאָר נאָענט, באַטראַכטן זיין שטייגער, זיינע וועגן און אויפפירונגען. מען קאָן זיצן אין שיפל, זיך וואַרעמען אויף דער זון, און אַפילו זינגען הויך אויפן קול — דאָס אַלץ וועט אים ניט אַפּשרעקן און ניט פאַרטרייבן. פּרוּווט, אָבער, אַמאָל אַ מאַך טאָן מיט דער האַנט, אַזוי אַז דער שאָטן פון האַנט זאָל זיך באַווייזן איבער אים; אָדער פּרוּווט אַ ריר טאָן מיט אַ פוס, אָדער אַ קלאַפּ טאָן אין שיפל, און ער וועט פאַרשוואונדן ווערן ווי אַ פייל פון בויגן.

ניט נאָר דער קאָרעסל צו וועלכן איר זייט אַזוי נאָענט, נאָר די פישלעך פון גאַנצן געגנט ווערן פאַרציטערט און דערשרעקן זיך פון דעם וויברירנדיקן קלאַפּ. עס געדויערט ניט לאַנג און זיי קומען צו זיך פון זייער איבערשרעק. זיי קערן זיך אום צוריק און גייען אָן מיט זייער אַרבעט ווי עס וואָלט גאָרניט געשען.

אויב עס וואונדערט אייך, למאי דאָס זינגען שטערט זיי ניט, נאָר אַלץ וואָס מאַכט וויברירן דאָס וואַסער שטערט זיי יאָ, איז דער ענטפער אויף דעם אַ פּשוטער: פיש זיינען טויב. אָבער שאַרן מיט די פיס, אַ קלאַפּ אין שיפל, דערפילן זיי דורך דעם וויברירנדיקן וואַסער. ביים קאָרעסל, ווי ביי אַ סך אַנדערע פיש, באַמערקן מיר אויף ביידע זייטן אַ ליניע וואָס ציט זיך איבער זייער גאַנצער לענג. דורך דער אָ

ליניע פילט דער פיש, ווי דורך אַ נערוו, די מינדעסטע וויברירונג, און ער ווערט פילבאַר, פּונקט ווי איר וואָלט זיך צו אים צוגערירט מיט אַ האַנט אָדער עפּעס אַנדערש. מען קאָן זאָגן, אַז דער פיש הערט דעם קלאַנג פון יעדער זאַך, וואָס מאַכט דאָס וואַסער ציטערן. אַלע אונזערע געשרייען, געזאַנגען, ווער שמועסט פון פירן אַ געוויינלעכן שמועס, גייט זיי ניט אָן. דאָס זעלבע איז אויך ווען ער דערזעט דורך דעם שאָטן פון האַנט אַ באַוועגונג. דאָס געפיל פון זעלבסט־פאַרהיטונג זאָגט אים אָן, אַז אפשר געפינט זיך אַ שונא נאָענט, און ער לאָזט זיך דעריבער לויפן לויט זיין אינסטינקטיוון אימפּולס.

אויב איר זייט שוין באַקאַנט מיט דעם וואָס איר דאַרפט ניט טאָן אויף צו קענען ווייטער נאָכפאָלגן די מעשים פון קאַרעסל — פּרואוווט יעצט אַרונטערלאָזן אַ קליין, דין, ווערימל גלייך איבער זיין וואוינונג. פּאַמעלעך, פּויל, קוים זיך רירנדיק, וועט דאָס ווערימל אַרונ־טערפאַלן צום גרונט. מיט די אויגן, מיט וועלכע דער פיש קאָן אויך זען וואָס עס טוט זיך אין דער הויך, ניט דאַרפנדיק פאַררייסן דעם קאָפּ ווי מיר מענטשן טוען, — וועט דער קאַרעסל דערזען דעם גאַסט. וועט ער זיך נעמען הייבן פון גרונט, באַטראַכטן דעם נייעם אורח, גרייט אים מקבל פּנים זיין. שרעקט זיך ניט. ער וועט זיך ניט אַרויפוואַרפן און ברוטאַל פאַרניכטן דאָס ווערימל. ניין. ער וועט עס פריער לאַנג באַטראַכטן מיט אָן אָפן מיילעכל, שטייענדיק אויף איין אָרט. און אַלע זיינע פליס־פליגעלעך וועלן פאָכען, ווי ער וואָלט וועלן פאַרטרייבן די היץ אין ברענענדיקן זומער־טאָג. דאַן ערשט, פּאַמעלעך, פאָרזיכטיק און ציטערנדיק, וועט ער זיך צורירן צום ווערימל און עס אַ ביס טאָן, ווי אַ יידענע אויפן מאַרק, וואָס פאַרזוכט אַן עפּל איידער זי באַשליסט אים צו קויפן. ער טוט עס אַ ביס און לאָזט עס באַלד צורו; בלייבט שטיין אַ רגע ווי צו וועלן באַשליסן וואָס פאַר אַ טעם עס האָט און ערשט דאַן כאַפּט ער דאָס ווערימל און לאָזט זיך מיט אים צום גרונט אין „הויז” אַריין. דאָרט שלינגט ער איין דעם מאכל און נעמט זיך זוכן נאָך אַזעלכע געשמאַקע מתנות.

ניט שטענדיק, אָבער, האַנדלט אַזוי דער קאַרעסל. עס זיינען אויך פאַראַן צייטן, ווען ער געפינט זיך אין זיין באַהעלטעניש און ער וועט זיך צו קיין שום מאכל ניט צורירן. וועט איר אפשר מיינען, אַז ער באַמערקט עס ניט, איז נישט דאָס די סיבה. ער זעט עס שוין גאָר. נאָר ער פילט

ניט ווי צום עסן. ער לעבט דעמאָלט דורך די טעג פון חבלי לידה, פון געבורטס־ווייטאָגן.

אין אַזעלכע טעג קאָנט איר וואַרפן איין ווערימל נאָכן צווייטן, און ער וועט זיך ניט צורירן, ניט צו דעם און ניט צו קיין אַנדער מאכל. ניט קיין עסן ליגט אים אין קאָפּ. דערפאַר אָבער זיינען פאַראַן פילע טעג, ווען דאָס ווערימל האָט ניט אַפילו קיין צייט זיך גוט איינגעצן און עס ווערט באַלד איינגעשלונגען פון דעם קאָרעסל. דאָס זיינען די טעג ווען זיי זוכן עסן, ווען זיי זיינען הונגעריק. ווען זייערע מאָגנס זיינען ליידיק; דאַן קלייבן זיי ניט איבער, זיינען זיי ניט פאָרזיכטיק. וואָס נאָר עס שווימט, באַוועגט זיך, זעט אויס ווי אַ מאכל, שלינגען זיי איין מיט אַ ווילדער גיכקייט.

אין אַזעלכע טעג איז אַמבעסטן צו פאַנגען די קאָרעסלעך. געוויס איז עס אַ גרויסע פרייד פאַר די יעניקע, פאַר וועלכע דער גאַנצער ספּאָרט פון פיש־פאַנג ווערט געמאָסטן לויט דעם זאַק וואָס זיי פילן אָן מיט אַ סך פיש. דאָס קען אָבער נישט געזאָגט ווערן וועגן די, ביי וועמען דער זאַק און די געפאַנגענע פיש זיינען דער קלענסטער טייל פון דעם גאַנצן ספּאָרט. נאָך אַלעמען איז אין דעם גאַנצן שפּיל פאַראַן אַ סך, אַ סך מער, פיל וויכטיקערס און אינטערעסאַנטערס, ווי דער אָנגעפּאַקטער זאַק מיט פיש. דער אָנגעפולטער זאַק רופט אָפּט אַרויס אָפּשטויסנדע געפילן און אַ ווייט ניט געהויבענע באַציאונג צו אַזאַ מין פיש־כאַפּער, וועלכער איז אַ קנאַפּער ספּאָרטסמאַן, גאָר אַ קליינער קינסטלער, און איז אַליין ניט בעסער פון דעם הונגעריקן פיש.

אַן אמתער פישערמאַן פאַרהיט און באַשיצט די פיש ווי ווייט נאָר מעגלעך; ער באַנוצט זיי פאַר דעם שפּיל, פאַר דעם ספּאָרט פון פיש־פאַנג; ער געברויכט זיי בלויז פאַר דעם אייגענעם טיש, פאַר אַן אייגענעם מאָלצייט, אָבער ניט צו פּאַקן אין זאַק. נאָך מער, די געכאַפּטע, איבעריקע פיש דאַרף מען פאָרזיכטיק אַרונטערנעמען פון האַקן, איינגעצן די הענט, און זיי לאָזן צוריק אין וואַסער. ווייל אויב ניט, וועט עס לאַנג ניט דויערן און עס וועלן ניט זיין קיין פיש, ניט פאַר דעם טיש און ניט פאַר דעם שפּיל, און אַוודאי ניט פאַר אַ זאַק, מיט וועלכן דער ביליקער פיש־פאַנגער זאָל זיך קענען באַרימען און בלאָזן פון זיך מיט פוסטער גאַווה.

איז עס טאַקע אַ גרויס פאַרגעניגן צו באַטראַכטן פון שיפל דאָס לעבן פון די קאָרעסלעך. עס איז אַ שפּיל פאַר זיך; אַ ספּאָרט, וואָס

מיינט גיין צום טייך און פארברענגען מיט די פיש, אזוי, אז זיי זאל עס ניט שאטן און אונז זאל עס פארשאפן גרויס תענוג, -צוזאמען מיט אן אינטערעסאנטער באקאנטשאפט. עס איז א שפיל אן כלי זין, אן שום מכשירים און מיטלען, וועלכע מען נוצט כדי זיי צו פאנגען. דעם ערשטן מאל וועט עס ניט זיין גרינג פאר די אויגן. עס וועט זיך אייך אפילו אויסדוכטן, אז ס'איז אוממעגלעך עפעס צו זען דורכן וואסער, אבער אויף דעם איז בלויז נויטיק א ביסעלע גדולד און אנגעשטרענגטע אויגן. עס דויערט ניט לאנג, כדי דאס אויג אייערס זאל ווערן צו־געוואוינט צו זען קלאר, טיף און דייטלעך. עס איז כדאי צו באמערקן, אז די אויגן פון א פיש־פאנגער ווערן מיט דער צייט אזוי אנטוויקלט, אז זיי זעען און באמערקן א סך דערשיינונגען אויף דער פלאך און אין דער טיף פון וואסער, וואס ווערן זעלטן באמערקט פון אנדערע.

קאן מען טאקע זען, ווי אין דער וואסער־טיף, אין „הויז" ביי זיך, מאכט די פיש־„פרוי" דורך די שוועריקייטן פון ברענגען פישלעך אויף דער וועלט. דא מאטערט זי זיך, ביז זי באפרייט זיך פון דעם רויג און בלייבט אין גאנצן אן אפגעשוואכטע. די פליכט צו באשיצן די נייגעבוירענע נעמט דאן איבער דער „מאן"־פיש און פירט עס דורך מיט גרויס פארזיכט און פאראנטווארטלעכקייט.

ווען דער „מאן" איז פארטיק מיט דער נייער היים, נאך דער שווע־רער ארבעט פון רייניקן און באפוצן, לאזט ער זיך ארויס זוכן אונטער די גרויסע שטיינער די „פרוי"־קארעסל און טרייבט זי פון דארט ארויס צו זיך אין נעסט. עס איז אינטערעסאנט צו באטראכטן מיט וויפל מי דער „מאן" ארבעט ארייננצוברענגען די „פרוי", וואס איז לויטן קאליר א סך טונקעלער פון אים. זי לאזט זיך ניט. זי דרייט זיך און זוכט ווי ווייט מעגלעך אים ניט נאכצופאלגן. עס זעט אויס אז זי וויל ניט אריין אין נעץ אזוי גרינג. אבער זי ווערט געטריבן פון דעם מאנספערשוין. אט איז זי, דאכט זיך, שוין אין מיטן פון נעסט, און פלוצלינג לאזט זי זיך פון דארט אוועק מיט אזא אימפעט, ווי זי וואלט חרטה געהאט, אדער געזוכט זיך ארויסצורייסן פון א שווערער שטראף. זי וואלט וועלן זיין פריי און ניט ווערן געשטערט פון קיינעם. אבער ער, דער מאן־קארעסל, איז שוין גארניט קיין שלעפעריקער. מיט דעם זעלבן אימפעט און שנעלקייט לאזט ער זיך נאך איר, פארלויפט איר דעם וועג, שטעלט זי אפ, פארקערעוועט זי צוריק און טרייבט זי אריין אין זייער ציכטיק



Credit: U. S. Fish and Wildlife Service

אַ קאָרעסל

און ליכטיק היים־נעסט וואָס איז פון אים מיט אַזויפיל מי צוגעגרייט געוואָרן.

דאָ אין נעסט הייבן זיי אָן ביידע שפּאַצירן הין און צוריק, ווי אָן ערשט איבערגעבעטן פּאָרל. ער האַלט אין איין צורירן זיך צו איר, ווי ער וואָלט זי געקושט און געגלעט, און מען קאָן זען ווי זי ווערט אַזוי אָפּגעשוואַכט, אַז זי שווימט פּאַראַלעל צום גרונט, ניט ווי געוויינלעך, נאָר אין גאַנצן אויף אַ זייט. ער בלייבט אין זיין נאַטירלעכער פּאָזיציע, אָבער זי ציטערט מיט איר גאַנצן קערפּער, נאָכדעם ווי זי האָט געלייגט אירע אייערלעך אויף דעם גרונט פון דעם ריינעם נעסט.

דאָס אַלץ קומט פאָר אונטער דער השגחה פון איר געטרייען מאַן, וועלכער טרעט ניט אָפּ פון איר אויף אַ שפּאַן און לאָזט זי ניט אָפּ אויף אַ רגע. אַ ווײַלע בלייבן זיי ביידע שטיין גאָר רואיק, ווי זיי וואָלטן זיך אָפּגערוט און באַלד הויבט זיך ווידער אָן דער פּראָצעס פון שפּאַצירן צוזאַמען און אַלץ ווערט פּינקטלעך ווידערהאָלט, ווי פריער. נאָך עטלעכע טעג ווערט די „פרוי"־פיש באַפרייט און לאָזט זיך אַרויס צוריק אונטער די שטיינער אָדער צו די וואָרצלען.

עס איז מאָדנע, וואָס קיינמאָל האָב איך ניט באַמערקט, אַז אַנדערע קאָרעסלאַך, וואָס שווימען אַרום אין דעם געגנט, זאָלן אַמאָל אַריינשווימען אין איינעם פון די ראָד־הייזער פון זייערע שכנים און דאָרט פאַרבלייבן אַפילו פאַר איין רגע. אָדער זיי ווילן ניט שטערן דעם שלום בית, אָדער זיי האָבן מורא, אַז דער „מאַן"־פיש וועט זיי במילא פאַריאָגן. זיי שווימען פאַרביי די שיינע, ריינע היימען, ווי זיי וואָלטן שפּאַצירט אין גאַס וואָס איז אַ רשות הרבים. זיי אָנערקענען, ווי עס ווייזט אויס, די הייליקייט פון פּריוואַטן אייגנטום און אפשר אויך דאָס רעכט פון די, וואָס האָבן אַזוי שווער געאַרבעט אויף זייערע אייגענע היימען. אגב איז מיר אויסגעקומען צו האָבן די מעגלעכקייט צו לערנען, אַז ניט שטענדיק און ניט יעדעס קאָרעסל אַרבעט שווער פאַר אַזאַ היים. גאַנץ אָפט קלייבן זיי זיך אַריין אין אַ פאַרטיקער און גרייטער היים, אָבער נאָר דעמאָלס, ווען דער פּלאַץ ווערט אויסגעליידיקט. ווי נאָר עס ווערט ליידיק אַ „היים", ווערט זי גיך פאַרנומען פון אַן אַנדער קאָרעסל. ניט אַנדערש, אַז אויך דאָרט איז, אָדער אַ דוחק אויף דירות, אָדער עס פעלן ניט קיין בעלנים אַריינצוכאַפּן זיך אין אַ פאַרטיקער און גרייטער היים.

די פֿיש פֿאַרלאָזן זייערע היימען דעמאָלס, ווען זיי ווערן פֿאַרטיק מיט ברענגען דאָס קליינוואַרג אויף דער וועלט און ווען דער „מאַן״־פֿיש דאַרף זיי שוין מער ניט היטן פֿון אַלערליי אָנפֿאַלער. זאָל דאָ באַמערקט ווערן, אַז עס איז גענוג פֿאַר דעם שומר פֿון נעסט זיך אָפּרוקן אויף אַ רגע, ווי אַלערליי אַנדערע פֿיש זיינען גלייך גרייט אַריינצושווימען און מאַכן אַ חורבן פֿון אַלץ וואָס דאָס פֿאָר־פֿאָלק האָט געבראַכט אויף דער וועלט. דער „מאַן״ וואָס היט דעם נעסט פֿאַרמאָגט אין זיך אַזוי פֿיל קאַמפֿס־גבֿורה, אַז ער וואַרפֿט זיך צו פֿאַרטרייבן פֿון נעסט פֿיל גרעסערע און שטאַרקערע באַשעפֿענישן, וואָס וואָלטן זיך וועלן צוכאַפּן צום נעסט. מיר איז אויסגעקומען צו זען, ווי אַ קליינער מאַן־פֿיש יאָגט און פֿאַרטרייבט גאָר גרויסע פֿיש, אַלץ אַ דאַנק זיין געטריישאַפֿט צו זיינע אויף דער וועלט געבראַכטע יונגע פֿישעלאַך.

בכלל האַלטן אָן די קאָרעסלעך זייערע היימען אַ געוויסן פּעריאָד — גראָד אַ גאַנץ לאַנגן: פֿון די וואַרעמע פֿרילינגס־טעג ביז אין טיפֿן זומער. און פֿון דאַן אָן ווערן די „הייזער״ צו ביסלעך פֿאַרלאָזט און מיט דער צייט ווערן זיי ווידער פֿאַרדעקט מיט שטויב און בלעטער, גראָז און בלאָטע, וואָס זאַמלט זיך אָן אויפֿן גרונט. דערפֿאַר לאָזן זיי אָבער איבער אין די געגנטן, אונטער שטיינער און וואָרצלען, גאַנצע מחנות קליינוואַרג, וואָס פֿאַשען זיך אין דעם וואַסער פֿון טייכל, און די גרויסע פֿיש מיט שאַרפֿע אויגן, שעמען זיך ניט צו שווימען נאָענט צו די ברעגן נאָך אַ געשמאַקן מאָלצייט פֿון קליינע, יונגע קאָרעסלעך. קיין עסנוואַרג פֿאַר די קליינע פֿעלט ניט. דאָס טייכל טראָגט אין די וואַסערן גענוג שפּייז פֿאַר די פֿיש פֿון גאָר קליין ביז גאָר גרויס.

אָט אַזוי ציען זיך די טעג און די יאָרן פֿון זייער לעבן. אָט אַזוי קאָן מען זען און באַטראַכטן אַ סך פֿון זייערע פּירונגען. און עס איז ווערט זיך לאָזן אויף אַזעלכע רייזעס, גלאַט אַזוי אָנצוקוקן די וועלט פֿון קאָרעסלעך. אַגבֿ זאָל מען ניט פֿאַרגעסן, אַז דאָס זיינען די זעלבע פֿיש, וועלכע זיינען אַזוי גוט באַקאַנט געווען ביים שבת־טיש אין דער אַלטער היים און וועלכע האָבן געהאָלפֿן צו שאַפֿן אַן אמתן עונג שבת פֿאַר אידישע פֿאָלקס־מאַסן. ניט מער, וואָס דאָ זעט מען זיי לעבעדיקע, אַנשטאָט געפּרעגלטע, אָדער געקאָכטע.

„פּערטש"
(אָקוניעס)

איך ווייס ניט פון קיין איין טייך (אחוץ די, אין וועלכע עס פליסט געזאַלצן ים־וואַסער), וואָס פאַרמאָגט ניט דעם מין פיש, וואָס הייסט „פּערטש", אָדער אָקון, ווי מען פלעגט אים רופן אין דער אַלטער היים.

די „פּערטש" זיינען די פּאָפּולערסטע, נאָענטסטע און אַממייסטנס באַקאַנטע פיש צו אַלע פיש־פאַנגער; זיי זיינען ווייט פון פאַררעכנט צו ווערן צווישן די שפּיל־פיש, וועלכע פישערלייט זוכן און זיינען אַזוי גערן צו פאַנגען, אָבער זעלטן וועט איר עמיצן טרעפן פון דער פישער־משפּחה, וואָס זאָל ניט געווען האָבן דורכגעמאַכט זיין באַקאַנט־שאַפט און דערפאַרונג מיט אָט דעם מין שיינעם פיש.

די „פּערטש" טרעפט מען אָן אומעטום און דערצו זיינען זיי ניט קיין איבערקלייבער אין עסן. אַלץ איז ביי זיי אַ מאכל, און פאַנגען קען מען זיי אויף אַלע אופנים און צו יעדער צייט פון יאָר. מען קען מיט רעכט זאָגן, אַז אויף זיי האָבן אַלע פישערלייט געלערנט די חכמה פון פיש־פאַנג.

ווען עס טרעפט איינער פון יענע טעג, ווען אַלץ גייט מיט דער פּוטער אַראָפּ און עס העלפן ניט קיין שום מיטלען אויף כאַפּן אַ סימן פון אַ פיש (עס זאָל אַזוי ניט טרעפן, ווי עס טרעפט), דעמאָלט לאָזן זיך די ספּאָרטלייט אַרום נאָך די „פּערטש", כּדי כאָטש צו ברענגען עפּעס פאַרן טיש אַהיים.

די „פּערטש" איז ניט שווער צו געפינען; זיי שווימען קיינמאָל ניט איינציקווייז, נאָר שטענדיק מחנותווייז און דערצו פון דעם זעלבן וואוקס. עס מאַכט דעם איינדרוק, ווי זיי וואָלטן זיך געהאַלטן צוזאַמען פון זייער געבוירן אָן, געשפּייזט און געלעבט אונטער די זעלבע אומ־שטענדן. אויב איר כאַפּט איינעם פון זיי, קענט איר זיין זיכער, אַז איר וועט שוין אָנטרעפן אַ גאַנצע משפּחה פון דעם מין. ווען מען שרעקט זיי אָבער איבער, פאַרשוואונדן זיי און דעמאָלט איז אומזיסט אייער אַרבעט.

די „פּערטש", אָדער די היימישע אָקוניעס, ווערן אויך גערופן „געלע פיש". ס׳קען זיין צוליב דעם, אַז מען זאָל זיי קענען אונטערשיידן



Credit: U. S. Fish and Wildlife Service

פּערטש

פון די „ווייסע פערטש", וואָס זיינען באמת גאָר אַן אַנדער מין און פון אַן אַנדערער משפחה. זיי, די „ווייסע פערטש", געפינען זיך אין געוויסע געגנטן פון לאַנד און זיינען ווייט ניט אַזוי פאַרשפּרייט, ווי די אָקוניעס, וועגן וועלכע עס רעדט זיך דאָ.

אָט די צוויי מינים האָבן צווישן זיך קיין שום קרובהשאַפט ניט, מחמת די „ווייסע פערטש" קומען גאָר פון די ים־וואַסערן און קערן זיך אָן מיט די מינים פיש, וואָס קענען זיך צופּאַסן און לעבן אויך אין ניט געזאַלצענע וואַסערן, ווי למשל, דער „סעמען" פון דעם מעין־שטאַט, וועלכער איז געקומען פון ים און זיך צוגעפּאַסט צו די טייכן.

די „ווייסע פערטש" זיינען טאַקע זילבער־ווייס, אָבער די „געלע פערטש" האָבן אַחוץ געל, אויך רויטע, גרינע און שוואַרצע קאָלירן, וואָס מאַכט זיי פילפאַרביק און שיין אין זייער אויסזען.

אין מיין טייכל זיינען די „געלע פערטש" פון צווישן די גאָר ערשטע אימיגראַנטן. מיט יאָרן צוריק זיינען ניט געווען קיין שום באַגרענעצונגען פון געזעץ און מען האָט געמעגט זיי פאַנגען אַפילו קליינערהייט. לויטן היינטיקן געזעץ טאָר מען ניט כאַפּן קיין „פּערטש" אונטער זיבן אינטשעס די גרויס. אַזוי ווי זייער הויט איז אַ גאַנץ שטאַרקע, און בכלל זיינען זיי אויסהאַלטעוודיקע, פלעג איך זיי נוצן ווי צוציאונג־שפּייז אויף צו פאַנגען די גרעסערע פיש. יעדעס מאָל, נאָכן פאַרענדיקן אַ פיש־פאַנג רייזע, פלעג איך אַריינוואַרפן אין טייך די לעבן־פאַרבליבענע קליינע „פּערטשעלעך", האָפנדיק, אַז זיי וועלן אויסוואַקסן. במשך פון דריי יאָר האָט זיך מיר קיין איין מאָל ניט איינגעגעבן צו טרעפן אַ „פּערטש", ניט קיין קליינעם און ניט קיין אויסגעוואַקסענעם. איך האָב שוין גע־מיינט, אַז די גרויסע העכט, אָדער „בעס", האָבן זיי איינגעשלונגען; אַז די קליינע „פּערטשעלעך" זיינען געווען מאַכטלאָז קעגן די גרויסע שפּיל־פיש פון טייך.

איך בין אָבער אַמאָל איבעראַשט געוואָרן: אין אַ שיינעם פרילינג־פרימאָרגן, באַלד נאָכן ווינטער, ווען די פישערלייט הויבן אָן דעם פאַנג־סעזאָן אין געיעג נאָך „טראַוט", האָב איך זיך אַראָפּגעכאַפּט צום טייכל. ווי אויף אַ שפּאַס, האָב איך אַרויסגעלאָזט אין וואַסער אַ ווערימל אויף אַ האָקן — גלאַט אַזוי. פּלוצים האָב איך דערפילט עטלעכע קליינע ביים און דאָס ווערימל איז טאַקע פאַרשוואונדן פון האָקן. מער פון אַלץ האָט מיך אינטערעסירט, וואָס פאַר אַ מין פיש דאָס קאָן זיין אַזוי פרי

אין סעזאָן. שפּילנדיק אַזוי עטלעכע מינוט, האָב איך מיט אַמאָל אַרויס־געבראַכט אַ שיינעם, געל־גרינעם און גאַנץ היפּשן „פּערטש״. דאָס איז געווען איינער פון יענע אַמאָל אַריינגעלאָזענע קליינע פישלעך אין מיין טייך. און עד היום הזה, האָב איך פון דאָרט, במשך פון פיל יאָרן, אַרויסגענומען זייער אַ סך פיש פון דעם מין, און עס קומט מיר פאָר, אַז וואָס מער מען פאַנגט זיי, אַלץ מער קומען צו. זיי פאַרמערן זיך אַ סך און גיך, און מען איז אין דער מיינונג, אַז זיי ברענגען צוויי מאָל אין יאָר נייע דורות.

די „פּערטש״ דערגרייכן ניט צו קיין גרויסער וואוקס. אַ פונטיקער „פּערטש״ הייסט שוין אַ היפּשער פיש. מיר איז שוין אַפילו אַמאָל אויסגעקומען צו זען אַ פיר פונטיקן „פּערטש״, אָבער דאָס איז אַ זעלטנ־הייט. איר ווערט פאַרכאַפּט פון דעם שפּיל פון קאָלירן אויף אַ גרויסן „פּערטש״.

די „פּערטש״ געפינען זיך ניט אין קיין ספּעציעלע געגנטן פון טייך. וואו נאָר עס זיינען פאַראַן אויפן גרונט גראָזן, שטיינער, זומפּן, ליליעס, וואָרצלען, קאָנט איר זיי אָנטרעפן; זיי טאַנצן אויף אַלע חתונות. בעת איר „טראָלט״, דעקנדיק אַ לאַנגע שטרעקע אויפן טייך, זיינען די „פּערטש״ פון די ערשטע צו כאַפּן אייער צוציאונג־שפּייז. דאָס זעלבע אויך ביים שטיל פישן. מיט איין וואָרט — זיי זיינען שטענדיק אויף דער וואַך צו זוכן אַכילה. זיי זיינען די שווערסטע אַרבעטער פון דער פיש־באַפעלקערונג אין טייך; זיי זוכן ניט קיין ספּעציעלע באַדינגונגען און זיינען גרייט פאַר אייך, סיי בייטאָג, סיי ביינאַכט, זומער און ווינ־טער, אין טיפע און אין פלאַכע וואַסערן; זיי נעמען אַלץ אָן פאַר ליב, אַבי צו געפינען עסנוואַרג. אגב זיינען די „פּערטש״ גאָר געשמאַק פאַר אַ מאָלצייט.

אינטערעסאַנט איז צו פאַנגען „פּערטש״ דורכן אייז, מיט דער הילף פון קליינע פישעלעך אַלס צוציאונג־שפּייז. מען דאַרף דורכהאַקן פיל לעכער אין אייז אויף צו טרעפן זיי, אָבער אַז מען טרעפט זיי שוין יאָ אָן, קומען זיי איינס נאָך איינס. אויב מען לאָזט זיי ליגן אין וואַסער אויפן אייז, ווערן זיי פאַרפרוירן און הארט ווי שטיין און איר וועט קיינמאָל ניט קלערן, אַז זיי זיינען לעבעדיק. ווי נאָר אָבער איר ברענגט זיי אַהיים און לאָזט זיי אַריין אין פרישן וואַסער, נאָכדעם ווי זיי זיינען שעהנווייז געווען פאַרפרוירן, הויבן זיי ווידער אָן שווימען

און לעבעדיק צו שפּרינגען, פּונקט ווי זיי וואָלטן ערשט וואָס פון וואַסער אַרויס.

בכלל זיינען די „פּערטש"־אָקוניעס פון די ליבע און היימישע פיש און פאַרדינען אַ וואַרעמע באַציאונג פון יעדן פיש־פאַנג ספּאָרטסמאַן, מחמת זיי דערנעענטערן אַ סך מענטשן צו דעם ספּאָרט פון פיש־פאַנג.

„בולהעדז"

נאָכדעם, ווי איר האָט געהאַט דעם כּבֿוד זיך צו באַקענען מיט דער שיינער משפּחה פֿאַלקספֿיש, די אַזוי אינטערעסאַנטע און פּשוטע קאַרעסלעך, ווײַל איך, אַז איר זאָלט אויך וויסן, אַז זיי זײַנען ניט די איינציקע וואָס באַוואוינען מײַן טײַכל. פֿאַראַן דאָ אַ פּאַרצווייגטע באַפֿעלקערונג פֿון כּלערליי מינים פֿיש, פֿון גאָר גרויסע ביז גאָר ווייט ניט קיין מיוחסדיקע. עס פֿעלן ניט אַפֿילו די מיאוס־אויסזעעוודיקע „בולהעדז" — פֿיש, וועלכע ניט נאָר יידן עסן זיי ניט, נאָר קאָנען אַפֿילו גלייכגילטיק ניט קוקן אויף זיי.

ווען איך דערמאָן זיך אין שייכות מיט די „בולהעדז" אָן די יידישע קאַרעסלעך, די היימישע העכט, די שיינע „פּוירטש", און די אַריסטאָ־קראַטישע „בעס" — דוכט זיך מיר, אַז מײַן טײַכל איז געגליכן צו אַ קליין שטעטל אין דער אַלטער היים, וואו די שיינע און אָנגעזעענע באַלעבאַטים האָבן ווי אַ סימן גלות געמוזט אַרומגערינגלט זײַן מיט אַ דאָרף פֿון פּראָסטע פּויערים. אין משך פֿון יאָר פֿלעגן זײַן אַ סך טעג, ווען די פּויערים פֿלעגן פֿאַרפֿלייצן דעם מאַרק און פֿאַרגוויישן דאָס שטעטל, אַזוי, אַז די יידן פֿלעגן אָפּאָטעמען פֿרייער, ווען זיי פֿלעגן אַוועקגיין צוריק צום דאָרף. אַזעלכע טעג טרעפֿן אויך זומער־צײַט אין מײַן טײַכל. וואו מען זאָל ניט גיין און אין וועלכן געגנט פֿון טײַכל מען זאָל זיך ניט אָפּשטעלן, כאַפּט מען אַזויפֿיל „בולהעדז", פּונקט ווי עס וואָלטן גאָר קיין אַנדערע פֿיש אין טײַך ניט געווען.

למען האמת זאָל דאָ געזאָגט ווערן, אַז די „בולהעדז", זײַנען פֿון די ערשטע אײַנוואוינער אין מײַן טײַכל. אָט די מיאוס אויסזעעוודיקע פֿיש מיט גרויסע קעפּ, ברייטע מײַלער, מיט וואָנצעס וואָס הענגען ווי שטריקלעך, פֿעטע בײַכלעך ווי זיי וואָלטן ערשט פֿון עפּעס פֿעטס אַרויס־גענומען געוואָרן, גליטשיק און שטעכעדיק, — זײַנען עס געווען די איינציקע וואָס מײַן טײַכל האָט פֿאַרמאָגט יאָרן לאַנג. אַלע איבעריקע מינים זײַנען ערשט שפּעטער מיט דעם שטראָם פֿון אימיגראַציע געבראַכט געוואָרן אין דעם טײַכל.

איך קאָן מיט זיכערקייט זאָגן, אַז ביז דאַן האָבן די וואַסערן פֿון טײַכל ניט געוואוסט, ווי אַזוי אַן אַנדער פֿיש זעט גאָר אויס אויף דער וועלט. הײַנט שעמען מיר זיך ניט אַרומצוטראָגן מיט פֿלענער און צו זוכן

מיטלען, ווי אַזוי אַט דעם אַלטן איינוואוינער אין גאַנצן משלח זיין, מחמת צום כאַפּן איז ער ניט פון די געהויבענע פיש, און ביים עסן קוויקן זיך מיט אים נאָר גויים. זיינען הייסט עס, די „בולהעדז״, נאָר שותּפים צו דער אכילה און שטערן בלויז אַנדערע פיש צו האָבן מער שפּייז פאַר זיך. זיי זיינען, הייסט עס, פּשוט איבעריקע.

בלייבט טאַקע די אַלטע קשיה: ווי אַזוי ווערט מען פון זיי פּטור? זיי מעגן טאַקע ביי מיר נישט זיין קיין גאָר אַנגעלייגטע געסט, אָבער אַ דעה אויף זיך האָבן זיי דווקא יאָ. אדרבא, פאָלגט מיך אַ גאַנג און ווערט פּטור פון אַ גאַנצן דאָרף גוישע פיש! צוריק גערעדט, וואָס האָב איך צו זיי? זיי זיינען גאַנץ רואיקע, שטייען קיינעם ניט אין וועג, שטערן ניט, פאַרמעסטן זיך ניט מיט קיינעם אין גבורה, יאָגן ניט, שלאָגן ניט, טרייבן ניט קיינעם, האָבן אין זינען די אכילה, ליגן מערסטנס אויפן גרונט אין בלאָטע און וואָס מער בלאָטע אַלץ באַקוועמער פילן זיי זיך, עסן וואָס עס מאַכט זיך, און רירן זיך בלויז ביינאַכט, ווי נאָר עס ווערט טונקל ביז עס ווערט גאָר ליכטיק. זיי ווייזן זיך ביי די ברעגן, אין די ניט טיפע וואַסערן, און זוכן עפּעס מיט וואָס זיך צו דערקוויקן. אויב אַזוי, טאָ וועמען אַרט עס? — זאָלן זיי זיך אויסלעבן די יאָרן אין די זיסע וואַסערן פון טייך.

איז אָבער די צרה מיט די חברה־לייט, וואָס גראָד דאָ פירן זיי זיך אַ ביסל אַנדערש ווי אין אַנדערע טייכן. זאָל עס זיין דערפאַר וואָס זיי זיינען ביי מיר די עלטסטע תּושבים, אָדער אפשר וואָס זיי ווייסן, אַז אין דעם טייכל קאָן מען אַלץ פּועלן; אָדער אפשר דערפאַר, וואָס אין אַ סך ערטער פון טייכל איז אַזוי פינצטער צוליב די איינגעפאַלענעביימער און פאַרגראָבענע וואָרצלען, אַז אפילו בייטאָג איז טונקל און די אויסגעשפּרייטע שאָטנס פאַרווישן דעם אונטערשייד צווישן טאָג און נאַכט. קומען דעריבער אויף די „בולהעדז״ אין מיטן בייטאָג, כאָטש מען וויל זיי ניט און מען דאַרף זיי ניט; זיי הענגען זיך אָן אויף דער ווענטקע, איינס נאָך איינס, און עס איז שוין ניטאָ מיך מיט וואָס מקנא צו זיין. וואָס דאָס איז אַזוינס? — ווינטש איך אייך, אַז איר זאָלט דערמיט ניט געפּרוּווט זיין. ערשטנס, איז ניט גוט אָנצוקוקן דעם גאַנצן פאַרשוין מיט זיין אויסזען. צווייטנס, איז עס גאָר אַ קנאַפּער פאַרגעניגן אים צו נעמען אין האַנט; ער איז אי גליטשיק, אי שפּיציק. ער פאַרמאָגט אויף זיין קערפּער דריי פליגלען, וואָס זיינען שפּיציק ווי נאָדלען און שאַרף ווי אַ מעסער, און אויב מען ווייס ניט ווי אַזוי זיך


Credit: U. S. Fish and Wildlife Service

בולהעד

מיט אים צו באַגיין און אין וועלכער פּאָזיציע אים צו האַלטן, וועט מען עס אַזוי גיך ניט פאַרגעסן. ניט איין מענטשן האָבן זיי גוט צעבלוטיקט, צעשניטן און צעשטאָכן.

עס איז אָבער פאַראַן אַ ספּעציעלע טעכניק ווי אַזוי דעם פאַרשווין אַראָפּצונעמען פון האָקן. לערנט מען זיך ניט אויס די טעכניק, בלייבט בלויז איין וועג: אָפּשניידן די „לאַין" און לאָזן אים גיין מיטן האָקן צוזאַמען. מילא, אויב מען דאַרף עס טאָן מיט אַ גרויסער טשערעפּאַכע, ווען זי טשעפּעט זיך צו ניט גבעטענערהייט — איז ניטאָ קיין אַנדערער וועג, ווי זי לאָזן גיין מיטן האָקן, מחמת עס איז אַ געפאַר פון צורירן זיך נאָענט צו איר געפערלעכן מויל. אָבער וואָס שייך דעם פאַנג פון „בולהעדז" — דאַרף מען זיך טאַקע גוט אויסלערנען די טעכניק.

איר דאַרפט זיין אַ בעלן און זען, וויפל מענטשן (אָפט גאַנצע פאַמיליעס), עס קומען אין די אָוונטן צו פּלערליי טייכן, כּדי צו כאַפּן אָט די מיוחסים, די „בולהעדז". זיי קוויקן זיך מיטן כאַפּן און נאָך מער מיטן עסן, ווייל נאָכדעם ווי מען קען די טעכניק פון אַרויסנעמען דעם האָקן, — איז זעלטן ווען, אַז מען צעשטעכט זיך אָדער מען צעשניידט זיך.

אין די ערשטע יאָרן פון מיין באַקאַנטשאַפט מיט די „בולהעדז", האָב איך אויף זיי געטראָגן אַ שרעקלעכע שנאה און בין געווען שטאַרק אומצופרידן, וואָס אַזעלכע באַשעפענישן גייען אַריין אַלס קרובים אין דעם יחוס פון מיין ליבן טייכל. אָבער מיין כּעס אויף זיי איז שוין לאַנג אָפּגעגאַנגען. מער שטעכן זיי מיך ניט און שניידן פון זיי לאָז איז זיך אויך ניט. לעצטנס האָב איך נאָך אויסגעפונען אַ זכות אויף זיי. איך האָב זיך איבערגעצייגט, אַז זיי ברענגען גרויסע נוצן צו די אַריסטאָקראַטישע גרויסע „בעס", ווי אויך צו אַנדערע פיש, וואָס שלינגען זיי לעבעדיקערהייט, און ניט נאָר די קליינע, נאָר אויך די גאָר היפּשע.

עס איז מיר אויסגעקומען אַ סך מאָל צו געפינען האַלב און דרייפערטל פונטיקע פיש פון דעם מין, אין מאָגן פון אַ צוויי, דריי, אָדער פיר פונטיקן „בעס". איך האָב אויך געכאַפּט „בעס", ביי וועלכע די ערשט איינגעשלונגענע „בולהעדז" זיינען נאָך האַלבע ניט אַרונטערגעשלונגען געוואָרן, און איך קאָן שווערן, אַז דער „בעס" האָט טויטערהייט אויסגעזען אַ צופרידענער מיט אַזאַ מאכל. האָב איך טאַקע אָנגעהויבן האָבן אַ ביסל מער דרך ארץ פאַר דער נאַטור אַליין, וואָס ווייסט בעסער וואָס פאַראַ נוצן יעדעס באַשעפעניש ברענגט אויף דער וועלט. און

אויב אַזוי, אויב די „בולהעדז" ברענגען נוצן, איז דאָך ניט שייך, ווייל זיי דערפילן אויך אַ גוטע אַרבעט. זיי זיינען, ווי וואָלט איר געזאָגט, די רייניקער פון טייכל. זיי האַלטן עס ריין און צוזאַמען מיט די טשער־רעפּאַכעס, רייניקן זיי אויס דעם שמוץ און אָפּפאַל, וואָס אַנדערע פיש וועלן זיך דערצו ניט צורירן. און עס ווייזט אויס, אַז זייערע מאָגנס קאָנען עס אויך פאַרדייען.

די חברה „בולהעדז" זיינען פאַראַן אין אַ גאָר היפשער צאָל און דערגרייכן צו אַ גאַנץ גרויסן וואוקס. און גלויבט מיר, אַז ווען איך ברענג אַמאָל אויף מיין טייכל צו גאַסט אַ פּאָר געהויבענע קריסטלעכע פריינט, זיי זאָלן זיך אָפּרוען אויף די זיסע וואַסערן און פאַרזוכן דעם טעם פון פיש־פאַנג, — זיינען זיי ממש אויפן זיבעטן הימל פון אָט די „בולהעדז". איר הערט, אַ כפּרה אַלע פיש מיט זייערע פּלעריי טעמים, פאַר דעם פאַרגעניגן צו כאַפּן אָט די מנובלים. געווים טוט מיר הנאה ווען מען לויבט מיין טייכל, און דווקא צוליב אָט די פיש, אָבער אפילו היינט־צו־טאָג וואָלט איך זיך אויך שטאַרק ניט גענומען צום האַרצן, ווען מען כאַפּט זיי אויס אין גאַנצן.

איין מעלה האָבן זיי: מען קאָן זיך פון זיי אויסהיטן, ווען מען באַנוצט זיך מיט גוטע ספּאָרט־מיטלען. דהיינו, קיין „פלאָג" נעמען זיי ניט, נאָך קיין פליג גייען זיי ניט, אָבער אַ וואָרים אָדער אַ פישל, לעבעדיק אָדער טויט, וועלן זיי ניט פאַרביילאָזן. דאָס אַליין איז שוין דעריבער גוט, וואָס מען ווייסט, ווי אַזוי פון זיי זיך אויסצוהיטן. דערווייל טאַקע, וואַקסן די אַנדערע פיש, ווערן גרעסער, שטאַרקער, און געזונטער, ווייל זיי האָדעווען זיך אויף די „בולהעדז" און דורך דעם זיינען זיי אין דער לאַגע צו פאַרשאַפן אַזוי פיל פאַרגעניגן צו די וואָס זוכן אַ קאַמף אין דעם שפּיל פון פיש־פאַנג.

העכט

א.

איך האָב דעם כּבֿוד אייך יעצט פאָרצושטעלן איינעם פון די גאָר אָנגעזעענע בעלי בתּים פון טייכל: אַ מיטגליד פון דער גרויסער און באַקאַנטער „פּייק" פאַמיליע, וואָס וואַרפט אָן אַ שרעק אויף זיינע שכנים; אַ פיש וואָס שווימט אין אַלע טייכן איבער דער גאַנצער וועלט; אַ נאָענטער און אָפטער גאַסט צום טיש אויף יידישע שבתים און ימים טובֿים אין דער אַמאָליקער היים און אויך אין דער היינטיקער וועלט. און דער דאָזיקער פיש איז נישט קיין אַנדערער, ווי טאַקע דער העכט אַליין.

הגם דער העכט איז אין מיין טייכל ניט קיין סך לענגער פון די אַנדערע אימיגראַנטן, דאָך האָט ער גיך געלאָזט וויסן, לויט די גע־וואוינהייטן פון זיין משפּחה, אַז כּל זמן ער שווימט אין טייכל דאַרפן אַלע וויסן און געדענקען, אַז אָדער ער הערשט און ווערט אַלס הערשער אַנערקענט, אָדער מען וועט באַלד דערפילן דעם טעם פון זיין פולן מויל ציין, ווי שטעכיקע נאָדלען.

די גאַנצע משפּחה פון וועלכער ער שטאַמט שפּילט ביי די פיש די זעלבע ראָל, וואָס די טיגער־פאַמיליע שפּילט ביי די חיות. די העכט זיינען טאַקע דאָ אין מיין טייכלס מדינה אין אַ גאַנץ היפּשער צאָל, פירן זייער ממשלה מיט אַ שטאַרקער האַנט און האַלטן זיך ווי בעלי בתּים און הערשער.

פאַרנאַרט מען נאָר איינעם פון זיי אויף דער ווענטקע, ווען ער לאָזט זיך אָפּנאַרן פון דעם פישערמאַן, איז די מלחמה מיט אים גאָר ניט קיין לייכטע. ער לאָזט זיך ניט אַזוי גיך באַזיגן. גאַנץ אָפט, אין די הענט פון ניט גאָר קיין געניטן פישערמאַן, וועט ער אַרויס דער זיגער, אַפילו ווען ער דאַרף איבערביסן די „לאַין" מיט זיינע שאַרפע ציין, אָדער זי איבעררייסן מיט זיין כּוח און שנעלן שווימען. דערפאַר, טאַקע, באַזאָרגן זיך געניטע פישערלייט מיט אַ גאַנץ לאַנגן דראָט צווישן דעם „לאַין" און האָקן, כּדי ניט צו לאָזן דעם חבֿרהמאַן גרינג איבער־ביסן און זיך באַפרייען.

עס איז אַפילו שווער צו גלויבן, אַז אַ העכט איז פּעאיק אויף אַזוינע זאַכן, ווייל ווען מען זעט אים אַמאָל אין וואַסער אונטער דעם שאָטן

פון אַ בוים, ניט ווייט פון ברעג, מאַכט ער דעם איינדרוק ווי ער וואָלט געווען דער רואיקסטער, קאַלט בלוטיקסטער און שטילסטער פון צווישן אַלע פיש. שטיל, ווי אַ קעצעלע, וואָס דרימלט, קיין אבר באַוועגט זיך ניט, די גאַנצע לענג פון זיין קערפּער פאַרגליווערט, קיין סימן אַז ער איז דאָ, אַזוי שעהן־לאַנג אויף דעם זעלבן פּלאַץ, אין דער זעלבער פּאָזיציע. ער מאַכט דעם איינדרוק ווי ניט ער האָט אין זינען אַנדערע און ניט ער וויל, אַז אַנדערע זאָלן אים אין זינען האָבן.

אָבער דאָס איז נאָר לפּנים, דאָס וויל נאָר דער העכט מאַכן אַזאַ אָנשטעל. ווי אַ גזלן וואָס באַפאַלט זיין קרבן פון אַ באַהאַלטענעם פּלאַץ, אַזוי אויך דער העכט. ער ליגט אין באַהעלטעניש און וואַרט אַז עפּעס אַן אומבאַהאָלפן לעבעדיק באַשעפעניש זאָל פאַרביישווימען. ווי אַ טיגער, פייל פון בויגן, באַפאַלט ער און באַזיגט זיין קרבן. ער איז ניט קיין איבערקלייבער, אַבי עס באַוועגט זיך, אַבי עס שווימט, אַבי עס רירט זיך אין וואַסער. ווי נאָר זיינע שאַרפע אויגן באַמערקן עס, אַטאַקירט ער גלייך. אַ פליג, אַ וואָרים, אַ שטיקעלע חזיר־פעטס, ווער שמועסט אַ לעבעדיק פישל, ווערט באַלד פאַרהאַלטן צווישן זיינע שאַרפע ציין. מיר דוכט, אַז ער איז דער שנעלסטער שווימער אין זיסע וואַסערן. באַמערקט ער אייך, דערפילט ער די נאָענטקייט פון אַ מענטשן, שרעקט איר אים מיט וואָס עס איז איבער, שווימט ער אַוועק מיט אַזאַ שנעלקייט, אַז דאָס מענטשלעכע אויג קאָן עס גאָר ניט באַמערקן.

אַ סך פון זייער צייט פאַרברענגען די העכט אין די ניט טיפע געגנטן פון טייך, אין דעם טייל וואָס איז באַוואָקסן מיט פאַרשיידענע גראָזן און וואַסער־בלומען. זיי האָבן ליב צו ליגן אונטער דעם שאָטן פון גרויסע ביימער, וועמענס בלעטער גרייכן ווייט איבערן וואַסער. בפרט קומען זיי אַריין אין די וואַסערן גאָר פרי און פאַרנאַכט. אין די הייסע טעג געפינען זיי זיך אין די טיפענישן פון וואַסער.

אין די פרימאָרגנס און אָוונטן איז טאַקע די בעסטע צייט זיי צו כאַפּן, אָבער ניט ווען עס ווערט פינצטער, מחמת זיי פאַרשווינדן דעמאָלס, ווי זיי וואָלטן אַוועק שלאָפן ביינאַכט. העכט קאָן מען באמת כאַפּן במשך דעם גאַנצן יאָר, סיי אין די היצן, סיי אין די פרעסט דורכן אייז, און דערצו, אָן אויסנאַם, מיט אַלע מיטלען און מעטאָדן וואָס זיינען פאַראַן אין דעם ספּאָרט פון פישן. עס זיינען אָבער דאָ געוויסע פעריאָדן, ווען זיי יאָגן זיך נאָך דער אַכילה מיט מער אַפּעטיט ווי אין אַנדערע

צייטן, אָט ווי למשל אָנהייב פרילינג און סוף זומער. יש אומרים, אַז אין מיטן זומער מאַכן זיי דורך אַ צייט ווען זייערע ציין זיינען זייער שוואַך און זיי באַוועגן זיך ניט אַזוי שנעל און לעבעדיק ווי אַ גאַנץ יאָר.

די העכט זיינען אין אַלע וואַסערן די זעלבע, אָבער אין אַ סך טייכן זיינען זייערע קאָלירן גאָר פאַרשיידן. פאַראַן אַ סך וואָס האָבן אַ גרינעם אויסזען. טייל, בפרט די גרעסערע, האָבן אַ געלבלעכן קאָליר; אַנדערע זיינען טונקל, און אייניקע כּמעט העל־ווייס. אָבער אַלע טראָגן אויף זיך ווי אויסגעמאָלענע פלעקן וואָס קייטלען זיך אויף ביידע זייטן, מיט אַ שוואַרצן רוקן פון אויבן און אַ שניי־ווייסן בייכל אונטן. ווייזט אויס, אַז דער קאָליר פון העכט הענגט אָפּ פון דעם טייך אין וועלכן ער געפינט זיך. דאָס מאַכט מיך חושד זיין, אַז אויך פיש, פונקט ווי חיות למשל, בייטן זייערע קאָלירן לויט דעם קאָליר פון זייער סביבה, ווי אַ מיטל פון אַליינפאַרהיטונג.

עס האָט זיך מיר אַמאָל איינגעגעבן צו ברענגען אין מיין טייכל, אַ פיש, וואָס איך האָב געהאַט געכאַפּט אין אַן אַנדערן טייך. ער איז געווען איינער פון אַ משפּחה, וואָס אַז נאָך דאַן ניט געווען אין מיין טייך. דער פיש איז געווען אַ קלאָר ווייס־זילבערנער און האָט ממש געשיינט מיט זיין העלער ליכטיקייט. ווען מיט אַ צייט שפּעטער ס'האָט זיך מיר איינגעגעבן דורך אַ צופאַל, צו כאַפּן דעם זעלבן פיש, איז ער געווען שוין אַ היפּש ביסל גרעסער, אָבער שוואַרץ ווי די ערד, נישט צו דערקענען. נעבעך פאַרשוואַרצט געוואָרן. דאָס באַווייזט, אַז ער האָט זיך צוגעפּאַסט צו די קאָלירן פון דער געגנט אין טייכל, וואו ער געפינט זיך מערסטנס. דאָס זעלבע, ווייזט אויס, איז נוגע די קאָלירן פון העכט, וואָס זעען אויס אַנדערש אין פאַרשיידענע וואַסערן. עס איז, וואָס מען רופט, דער צופּאַסונגס־ אָדער באַשיצונגס־קאָליר.

דאָ, אין אונזערע וואַסערן, דערגרייכן ניט די העכט צו קיין גרויסן וואוקס. דער דורכשניט פון זיין וואָג איז קוים אַ פונט. דאָך טרעפט גאַנץ אָפט אַז מען כאַפּט אויך ביז דריי און פיר פונטיקע. איך האָב אַפילו איינמאָל אַריינגעכאַפּט אַ פיר און אַ האַלב פונטיקן העכט. אָבער דאָס טרעפט זייער זעלטן. דערפאַר אָבער וואַקסן די העכט גאָר גרויס אין די קאַלטע צפון־געגנטן. איך האָב אַפילו אויף מיין רעקאָרד אַ פיש וואָס וועגט איבער זעכצן פונט, און וועלכער איז באמת ניט מער ווי אַן אויסגעוואַקסענער העכט, הגם ער גייט אונטער דעם נאָמען פון



Credit: U. S. Fish and Wildlife Service

אַ העכט

אַ נאָרדישן „פּייק". ביז היינט צו טאָג, באַפּוצט דער דאָזיקער פיש, אין זיין גאַנצער גרויס און פּראַכט, די וואַנט פון מיין זומער־היים ביים טייך. די גרויס פון העכט הענגט אין גאַנצן אָפּ פון דעם קלימאַט און דער אַכילה. ווייזט אויס, אַז וואָס קעלטער די געגנט, אַלץ געזונטער איז פאַר זייער וואוקס. פּונקט דער היפּוך פון „בעס", וואָס וואַקסן גרעסער אין די וואַרעמע געגנטן, ווי למשל אין פלאָרידאַ.

לויט אַלע סימנים, זיינען די העכט אין מיין טייכל פון די גאָר גרויסע פיש. זיי האָבן אָבער זיך ניט וואָס צו באַקלאָגן אויף זייער גזלנישער פּרנסה... איך דאַרף זיי בלויז פאַרגלייכן מיט אַ סך אַנדערע פון דער זעלבער משפחה אין פאַרשיידענע טייכן, כּדי זיך צו איבערצייגן, אַז אין אַזאַ געזונטן און פעטן צושטאַנד טרעפט מען זעלטן די פיש אין אַנדערע וואַסערן.

ניט אומזיסט איז דער געיעג נאָך זיי אַזוי פאַרכאַפּנדיק און אינ־טערעסאַנט. ערשט ווען מען קריגט שוין דעם העכט אריין אין שיפל, נאָך אַ מלחמה מיט אים וואָס האָט געפאָדערט גענוג געשיקטקייט און פאַרנוצט ניט ווייניק ענערגיע, — ערשט דאַן דאַרף מען זיין זייער פאָרזיכטיק. מען דאַרף פּשוט היטן די אייגענע פינגער, ווייל אַ פינגער אין מויל פון אַ צאַפּלדיקן העכט טאָר מען אַפילו דעם ערגסטן שונא ניט ווינטשן. ווען מען זאָגט, אַז דער העכט באַלאַנגט צו דער פאַמיליע, וואָס טראָגט דעם נאָמען דער „טיגער פון די וואַסערן", זאָל מען גלויבן און טאַקע זיין אויך פאָרזיכטיק. דאָס אָבער מאַכט אים טאַקע פאַר איינעם פון די אָנגעזעענסטע „שפּיל־פיש" פון טייכל און מיט אַלע מיטלען זוכט מען אים אַרויסצורופן אין אַ מלחמה.

אַ „זיי געזונט" צום טייכל, נאָך אַ טאָג פישן, מיט אַ צאָל העכט אין פיש־זעקעלע, איז פאַרעכנט צווישן די דערפאַלגרייכע פיש־רייזעס. ער, דער העכט, לאָזט ניט אַזוי שנעל פאַרגעסן, אַז גרינג און אָן אַ קאַמף איז עס ניט אָנגעקומען, און דעריבער בלייבט שטענדיק דער איינדרוק פון קאַמף לעבעדיק און די באַציאונג צום העכט אַ בכּבודיקע.

די גרייטקייט פון העכט צו אַטאַקירן יעדן מאָל וואָס זיינע אויגן דערזען, מאַכט אים פאַר איינעם וואָס לאָזט זיך ניט לאַנגווייל̈ן ביים פישן. מען דאַרף נאָר קומען אין די געגנטן וואו זיי זיינען פאַראַן און וואו זיי וואַרטן אויף זייערע קרבנות, כּדי זיי באַלד צו דערפילן אויף דער „לאַין", אין זייער געיעג נאָך דער צוציאונגס־שפּייז. איך

האָב זיי צו פאַרדאַנקען אַ סך שיינע, לעבעדיקע און העכסט אַמוזירנדע טעג, אונטער פאַרשיידענע אומשטענדן. איך האָב צו געדענקען פיל פון זיי, וואָס האָבן ניט געשאַנעוועט מיינע בעסטע וועקטעס און טייעסטע „פישינג״-געצייג און האָבן עס געבראָכן און געריסן, און מיך געלאָזט אַ באַנאַרישטן, אָבער אָן דעם מינדסטן פאַרדרוס; ניט מער, וואָס אין אַזעלכע פאַלן פלעג איך אַנאַליזירן, למאי איך האָב די שלאַכט פאַרשפילט.

איך האָב מיט זיי ניט איינמאָל אין די זומערדיקע פרימאָרגנס באַגעגנט די אויפגייענדיקע זון און זי אין די פאַרנאַכטן באַגלייט, אַ רויטע, פייערדיקע, צו איר נאַכט־רו.

ניט איינמאָל, האָבן מיר אַליין און אונזערע געסט זיך געקוויקט מיט דעם טעם פון געפילטע און מאַרינירטע העכט, מיט וועלכע קיין אַנדער מין פיש קאָן זיך ניט פאַרגלייכן. העכט זיינען, בכלל, די מער פּאָפּולערע און באַקאַנטע פיש איבער דער גאַנצער וועלט, מחמת זיי זיינען דאָ אין אַלע זיסע וואַסערן אָן אויסנאַם. דער בעסטער וועג ווי אַזוי זיי צו כאַפּן, איז דורך דעם מעטאָד וואָס איז באַקאַנט אַלס „טראָ־לינג״. דאָס הייסט, אַז דאָס שיפל אין וועלכן מען פישט האַלט זיך די גאַנצע צייט אין באַוועגונג. עס ווערט אָפט געמאַכט דורך צוויי שותּפים. איינער פירט דאָס שיפל און דער צווייטער האַלט די „לאַינס״. די „לאַין״ דאַרף זיין גענוג שטאַרק און קאָן אַרויסגעלאָזט ווערן פון 70 ביז 100 פוס אין דער ווייט. צו דער ענד פון „לאַין״ ווערט צוגעטשעפּעט אַזאַ מין לעפעלע, וואָס דרייט זיך די גאַנצע צייט ווען דאָס שיפל באַ־וועגט זיך, און ערשט אויף דעם האָקן, וואָס איז באַפעסטיקט צום לעפעלע, טוט מען אָן די צוציאונג־שפּייז — אַ לעבעדיק שיינענדיק פישל, אַ לאַנגן, פעטן וואָרים, אַ שטיקל חזיר־פעטס, אָדער גאָר אַ קאָרעסל מיט אַ געל בייכעלע. כּל זמן דאָס לעפעלע דרייט זיך, באַוועגט זיך די שפּייז און גרייכט דעם העכט אויף די וועגן, וואו ער וואַרט אויף זיינע קרבנות. און דאָס רייצט אים אַזוי אויף, אַז איר קאָנט זיין זיכער, אַז איר וועט שוין לאַנג ליידיק ניט זיצן... בכלל גיט דער דאָזיקער מע־טאָד די געלעגנהייט גרינגער צו טרעפן די העכט אין די פּלעצער וואו זיי זיינען, מחמת דאָס שיפל שווימט דורך פאַרשידענע פּלעצער, און אַזוי שנעל ווי עס ווייזן זיך סימנים אַז עס זיינען פאַראַן העכט, דאַן האַלט מען אין פירן דאָס שיפל הין און צוריק איבער דעם געגנט.

עס איז שטאַרק וויכטיק צו טרייבן דאָס שיפל מיט אַזאַ שנעלקייט, אַז עס זאָל זיין צוגעפּאַסט צו דער טיפעניש וואָס דאָס לעפּעלע מיט דער שפּייז גרייכט. וואָס גיכער דאָס שיפל גייט, אַלץ העכער שווימט די „לאַין" מיטן גאַנצן קלאַפּער־געצייג, און עס איז זייער מעגלעך, אַז די פיש זיינען טיף אונטן ביים גרונט און דאָס מאכל איז כמעט אויף דער פלאַך, מחמת דאָס שיפל גייט צו שנעל, און דאָס מאכל גרייכט זיי ניט. דאָס זעלבע, ווען דאָס שיפל גייט זייער לאַנגזאַם זאָל זיך דער האָקן האַלטן אין איין פאַרטשעפּען אָן אַלץ, וואָס ליגט אויף דעם גרונט. אגב, איז דאָס ניט שווער צו באַווייזן. מען דאַרף נאָר עטלעכע מאָל פּרוּוון ביז מען כאַפּט דעם שניט.

די צוציאונג־שפּייז דאַרף שווימען לכל הפּחות אַ פוס איבער דעם גרונט פון דעם טייך. דאַן זייט איר אין דער בעסטער לאַגע צו האָבן אַ סך צוזאַמענשטויסן מיט דער חברה העכט. אויך איז כדאַי צו גע־דענקען, אַז ווען די „לאַין" לאָזט וויסן, ווי דורך אַ טעלעגראַף־דראָט, אַז עפּעס דאָרט טיף אין וואַסער טשעפּעט זיך, שלעפּט און פאָרעט זיך; אָדער גאָר אַ פּלוצלינגער ווילדער שלעפּ פון וואַסער גיט אַ גוטן טרייסל די „לאַין", די ווענטקע, און אַמאָל אויך דעם פישערמאַן, — דאַן כאַפּט זיך ניט צו שלעפּן די „לאַין", כאַפּט זיך ניט צו כאַפּן דעם פיש. דאָס איז ניט מער ווי אַ סיגנאַל, צו זיין גרייט. וואַרט צו אַ ביסל. די טבע פון העכט איז, ערשטנס צו כאַפּן דעם קרבן און דאַן ערשט אים אָפּטראָגן אין אַ פּלאַץ וואו ער נעמט זיך צו דער אכילה. אַנשטאָט צו שלעפּן די „לאַין", גיט בעסער נאָך מער „לאַין". זאָל דער העכט גיין פריי, און ערשט ווען איר פילט אַז ער האָט שוין געהאַט גענוג צייט די אכילה גוט צו באַפעסטיקן צווישן זיינע ציין, דאַן גיט עס אַ נעם מיט כח, אַזוי אַז דער האָקן זאָל זיך באַפעסטיקן, און פאַנגט אָן דעם שפּיל פון ברענגען אים צום שיפל.

וואָס לענגער די „לאַין", אַלץ ערגער איז עס פאַר דעם העכט; זיינע שאַנסן זיך צו באַפרייען זיינען קלענער, אויב דער פישערמאַן האַלט די „לאַין" שטייף און אָנגעצויגן. וואָס נעענטער אָבער דער העכט קומט צום שיפל, וואָס קורצער עס ווערט די „לאַין", אַלץ קלענער ווערן די שאַנסן פון פישערמאַן. בפרט דאַרף מען זיך ניט איילן אַריינצוכאַפּן וואָס שנעלער. פון איילעניש קומט קיין גוטס ניט אַרויס. אַלץ טרעפט אין איילעניש. מען דאַרף שפּילן מיט דעם פיש ביז ער ווערט אויס־

געמאַטערט. מען דאַרף זיך אויסלערנען צו געדענקען, אַז אָט דער שפּיל איז דער עיקר און ניט דער העכט.

כאַפּט מען זיך, איילט מען זיך, ווייל מען וואָס גיכער אַריינבאַ־קומען דעם פּיש אין שיפל, האָט מען ניט קיין שפּיל און ניט קיין פּיש... נאָך אַלעמען, איז דאָך ניט דער פּיש דער עיקר אין דעם גאַנצן ספּאָרט פון פיש־פאַנג; ניט דער פּיש און ניט אפילו דער געשמאַקער טעם פון פּיש איז עס, וואָס צינדט אָן אַ ברענענדיק פייערל פון חשק צום ספּאָרט און ברענגט פאַרגעניגן פון פיש־פאַנג. וויכטיק איז דער שפּיל בכלל, די סטראַטעגיק, די קונסט פון געראַנגל, די צופאַלן און טרעפּעניש, די טעותן און די דערפאָלגן, וואָס קריצן זיך איין אין זכרון. אין דעם באַשטייט דער טרייבנדער כּוח, וואָס וועקט יאָרן־לאַנג דעם פאַרלאַנג און חשק צו גיין פישן ביי יעדער געלעגנהייט, און צו וואַרטן מיט אומגעדולד אויף דעם מאָמענט צו טאָן דאָס נאָך אַמאָל און אָבעראַמאָל.

צו פאַרשפּילן די הויפּט־מאָמענטן צוליב כאַפּעניש און איילעניש, הייסט פאַרלירן דעם גאַנצן שפּיל. דאָס איז עס, אגב, וואָס מאַכט דעם אונטערשיד צווישן פיש־כאַפּערס און אמתע ספּאָרטסלייט. סתּם פיש־כאַפּערס דערקענט מען באַלד לויט זייערע באַנעמונגען צום גאַנצן ענין.

אָפט דוכט מיר, אַז די אַזוי גערופענע פיש־כאַפּערס פאַרלירן אומ־זיסט אי צייט, אי געלט. זיי קענען אויפן פיש־מאַרק, מיט דער הילף פון טעלעפאָן, כאַפּן מער פיש און ביליקער, ווי זיי פאַנגען אין געיעג מיט זייער ווענטקע אין טייך...

דער פיש־פאַנג־ספּאָרט ווערט אינטערעסאַנט און פאַרכאַפּט אייך אַ דאַנק דעם שפּיל גופא; אַ דאַנק די ביימער, בלומען, גראָז, בלעטער, פייגל, בלויע הימלען, ריח פון גרינער פּאַשע, וואַרעמקייט פון דער זון, נו, און צולעצט אויך דער פאַנג אַליין. אָפט לעבט מען זיך אַזוי איין אין דעם, אַז מען פילט ניט דעם מאַגנעטישן כּח וואָס האַלט צוגע־שמידט, און איר מוזט זיך פּשוט ראַנגלען מיט דעם געדאַנק פון איבער־רייסן דעם שפּיל. די נאַטור־וועלט אַרום, מיט אַלע אירע חנען און שיינ־קייטן, שפּילט גאָר אַ גרויסע ראָל אין דעם פאַרכאַפּענדן ספּאָרט פון פיש־פאַנג. ניט דער „פּיש", נאָר דער „פאַנג" איז דער עיקר. פאַנגען און אַליין געפאַנגען ווערן קאָן מען זאָגן איז דער תּמצית פון גאַנצן

שפּיל. אויב מען באַגרייפט דאָס ניט, הייסט קיינמאָל נישט דערפילן די באַדייטונג און דעם אמתן זין פון פיש־פאַנג ספּאָרט. בלויז אָנפילן אַ זאַק מיט פיש און ניט דערפילן די אַרומיקע אַטמאָספערע — הייסט פאַרשפּילן דעם גאַנצן שפּיל. דעריבער איז וויכטיק ניט צו איילן דעם פיש, נאָר שפּילן אים, ביז עס קומט די צייט, ווען ער גיט אויף דעם קאַמף. וואָס גרעסער דער העכט, אַלץ לענגער דער שפּיל.

ב.

עס איז אויך כּדאַי צו באַמערקן, אַז דער העכט איז ניט איבער־קלייבעריש אין וועלכע וואַסערן ער שווימט, ווי למשל אַנדערע פיש. אָפט טרעפט מען זיי אין טייכלאַך וואָס קיינער איז אַפילו ניט חושד אַז פיש געפינען זיך דאָרט. אַבי עס זיינען דאָ גראָזן און אַרום דעם געגנט צו עסן, פילט זיך אַ העכט ווי אין דער היים. אין לויפנדיקע טייכן, אַזעלכע, „לייקס״, שטייענדיקע טייכלאַך — אומעטום פּאַסט ער זיך צו, לעבט זיך איין, און עלטערט זיך.

אין די קעטסקיל־בערג, וואו איך האָב אַמאָל פאַרבראַכט, איז ניט ווייט פון מיין זומער־וואוינונג געווען אַ קליין טייכל, אין וועלכן דאָס וואַסער אַרום די ברעגן איז געווען אַזש גרין פון שטיין אויף איין פּלאַץ אָן שום באַוועגונג. שפּאַצירנדיק אַרום, האָב איך באַמערקט אין וואַסער, אין שאָטן פון אַ בוים, אַ היפּשן העכט. ניט קלערנדיק, אַז דאָרט זיינען פאַראַן פיש, האָט עס מיך אי איבערראַשט, אי פאַראינ־טערעסירט. איך האָב באַלד גענומען מאַכן פאַרבאַרייטונגען צו באַזוכן דאָס טייכל מיט אַ ווענטקע, און זיך צו פאַרמעסטן מיט די העכט, אויב זיי זיינען באמת דאָ. ס׳האָט זיך מיר איינגעגעבן צו קריגן אַ שיפל, וואָס יינגלאַך האָבן פון דעם געבראַכן שטיקלאַך און ברעקלאַך, אָבער איין מענטש האָט זיך נאָך געקאָנט האַלטן אויף אים. אויף צו מאָרגנס, ביים זון־אויפגאַנג, בין איך שוין געווען אויפן גרינעם טייכל, און זיך אַליין ניט געגלויבט, אַז עס איז מעגלעך דאָס וואָס עס האָט גע־טראָפן: ניט איך האָב זיך נאָך די העכט געיאָגט, נאָר פונקט פאַר־קערט, זיי האָבן מיינע קליינע פישלאַך געריסן אַזוי שנעל ווי מיין „לאַין״ האָט דערגרייכט דאָס וואַסער. זיי זיינען זיך צונויפגעלאָפן פון אַלע ווינקלען און אַרומגערינגלט דאָס שיפל. איך בין געווען פאַרנומען מיט די בעלנים אויף מיין צוציאונגס־שפּייז, און זיי זיינען געשפּרונגען פון

וואַסער, געשלעפּט די „לאַין", געבויגן די ווענטקע. און ניט גלאַט קליינוואַרג, נאָר היפּשע בחורים, לאַנגע און דאַרע, האָבן אין אַ קורצער צייט ביי מיר צוכאַפּט מיין פֿרישע סחורה. איך האָב געהאַט אַ צענד־לינג גאָר פֿיינע העכט אין שיפֿל. שפּעטער צו בין איך ווידער געקומען מיט פֿרישע קליינע פֿישלאַך, אָבער די זון האָט שוין שטאַרק געוואַרעמט אויפֿן וואַסער און זיי זיינען זיך צולאָפֿן אין באַהאַלטעניש. איך געדענק, ווי קיינער אין דער געגנט האָט ניט געוואָלט גלויבן, אַז די העכט קומען פֿון דעם קליינעם, גרינעם טייכל, אין וועלכן קיינער וויל אַפֿילו ניט אָפּשווענקען די פֿיס. אָבער אַז די העכט דאָרט האָבן זיך גאַנץ פֿיין איינגעאָרדנט און אַנטוויקלט, איז זיכער צו זען פֿון מיין דערפֿאַרונג.

איך האָב אויך געהאַט גאָר אינטערעסאַנטע דערפֿאַרונגען מיט העכט אין גאָר טיפֿע וואַסערן. עס ווייזט אויס, אַז אין געוויסע צייטן פֿון יאָר, בפֿרט ווען עס דערנעענטערן זיך די קילע נעכט און די טעמ־פּעראַטור פֿון וואַסער הייבט אָן פֿאַלן, דאַן קומען זיי מחנות׳ווייז אין די טיפֿע וואַסערן; אָבער אויך מיט איין באַדינג — אַז אַפֿילו אין טיפֿע וואַסערן מוז דער גרונט זיין באַדעקט מיט גראָז. אין שטיינערנע, אָדער זאַמדיקע געגנטן וועט איר זיי ניט געפֿינען. און דער, וואָס לויערט נאָך העכט, דאַרף זיי טאַקע זוכן אין אַזעלכע געגנטן. דער בעסטער מיטל פֿאַר דעם איז ווידער „טראָלן" מיט אַ לעבעדיק פֿישל צוגעטשע־פּעט צו אַ לעפֿעלע, און ווי נאָר מען כאַפּט איין העכט, דאַרף מען שוין דעם געגנט ניט פֿאַרלאָזן.

מיר אַליין איז אויסגעקומען צו פֿאַנגען די גרעסטע און שטאַרקסטע העכט אין די טעג פֿון „אינדיאַנער זומער". אין אַזאַ מין צייט טאַקע איז מיר געלונגען צו קריגן דעם גרעסטן העכט, וואָס איך האָב ווען עס איז אין מיין לעבן געכאַפּט: אַ פֿיש, וואָס באַפּוצט נאָך היינט־צו־טאָג מיין זומער־וואוינונג און לאָזט מיך ניט פֿאַרגעסן אין יענעם מאָמענט.

דאָס איז געווען אין די ווייטע געגנטן פֿון מינעסאָטאַ, אין אַ דערפֿל, וואָס באַשטייט אין גאַנצן פֿון איין גרויסער אַכסניה און וואָס דינט בלויז פֿאַר פֿישערלייט און זייערע פֿאַמיליעס. די אָרטשאַפֿט גע־פֿינט זיך ביי אַ געוואַלדיק גרויסן טייך, וואו מען זעט ניט דעם צווייטן ברעג, נאָר הימל און וואַסער. אַ גוטער באַקאַנטער מיינער, אַ פֿאַר־ברענטער פֿישערמאַן, האָט זיך צו מיר אָנגערופֿן אין אַ שטילן, וואַרימען, זוניקן טאָג (די נעכט זיינען שוין געווען גאָר קאַלטע, אָבער די טעג

לויטערע און פון דער זון אָנגעוואַרימטע): „אויב איר ווילט באמת הנאה האָבן פון אַ רייזע, דאַן קומט מיט מיר אויף איינעם פון די צען טויזנט טייכלאַך וואָס זיינען פאַראַן אין מינעסאָטאַ. קומט מיט מיר אין אַ פּלאַץ, וואו מען קאָן אויך זען די ברעגן פון וואַסער. אָבער זאָגט ניט קיינעם, ווייל מערסטנס האָב איך ליב צו גיין אַליין, און מער ווי צוויי מענטשן וויל איך בשום אופן ניט האָבן אויף קיין פישינג־רייזע".

עס האָט ניט לאַנג געדויערט און מיר האָבן זיך געטראָגן דורך אַ וואַלד, וואָס, גלויבט מיר, אַן אים וואָלט איך דאָרט קיינמאָל אַליין ניט געקענט דורכגיין. ער האָט געטריבן זיין אויטאָמאָביל דורך באַוואַקסענע הויכע גראָזן, צווישןביימער, ניט האָבנדיק פאַר זיך קיין סימן פון אַ וועג. זעענדיק מיין פאַרוואונדערונג, האָט ער מיך געהאַלטן אין איין באַרואיקן און פאַרזיכערן, אַז פאַר אים איז דאָס ניט קיין נייעס. אים קומט אויס אַ גאַנץ יאָר צו גיין דורך אַזעלכע וועגן.

אַזוי זיינען מיר צוגעקומען צו אַ טייכל, וואָס איז געווען אַרום אַלע ברעגן באַוואַקסן מיט הויכע וואַסער־גראָזן.

ווי נאָר מיר זיינען אָנגעקומען צום באַשטימטן פּונקט, איז ער פאַרשוואונדן געוואָרן, זוכנדיק אַ שיפל. דער פּלאַץ אַרום איז געווען אַזוי ווילד, אַז, גלויבט מיר, ווען ער וואָלט מיך דאָרט איבערגעלאָזט אַליין, וואָלט איך ניט געוואוסט וואוהין צו מאַכן דעם ערשטן שפּאַן, און ווען עס באַווייזט זיך דעמאָלט אַ ווילדע חיה, וואָלט עס מיך זיכער דערשראָקן אָבער ניט איבעראַשט. איין זאַך איז זיכער: עס איז געווען אַ טייך, אויף וועלכן מענטשן האָבן נאָך ניט געלאָזט קיין שום סימן.

נאָך אַ קורצער צייט האָט זיך מיין פריינד באַוויזן אין אַן אַלט שיפל אָן וועסלעס, און טרייבנדיק דאָס שיפל מיט אַן אַלטער ברעט, האָט ער זיך פאַר מיר ווי פאַרענטפערט: „דאָס איז דאָס בעסטע וואָס מען קען דאָ קריגן. דאָס וואַסער רינט טאַקע אַריין, אָבער עס איז ניט קיין סכנה. איינער וועט דאַרפן פישן און דער צווייטער שעפּן דאָס וואַסער פון שיפל. קיין אַנדער וועג איז ניטאָ".

וואָס טוט ניט אַ פישערמאַן צוליב פיש־פאַנג? האָבן מיר זיך טאַקע גיך איינגעשפּאַנט און געלאָזט זיך אויפן וואַסער. פון קענען „טראָלן" איז געווען אָפּגערעדט. ניט מיט אַזאַ שיפל קען מען עס באַווייזן. האָבן מיר

געמוזט זיך באַנוצן מיטן מיטל וואָס הייסט „קעסטן". איינס נאָך איינס האָבן מיר גענומען כאַפּן העכט, קליינע און גרויסע, געכאַפּט און גע־וואָרפן צוריק אין וואַסער. ווען איך זאָג קליינע און גרויסע הייסט דאָס ניט מער ווי דריי און פיר פונטיקע. מיט זייער וואָג און גרויס איז ניט געווען זיך וואָס צו באַרימען, אָבער אָפט זיינען זיי געקומען טאַקע איינס נאָך איינס.

„וואָס דענקסטו וועגן אָנטאָן אַ גרויס לעפעלע מיט אַ שטיקל חזיר־פעטס" ?

„וואָס זאָל איך דענקען ?" — ענטפערט מיר מיין פריינט. „אין דעם וואַסער קענסטו אָנטרעפן אַ בחור וואָס זאָל זיין גרעסער פון דעם שיפל. און מער פעלט אונדז ניט, ווי פאַרפירן אַ מלחמה מיט אַ ריזיקן גרויסן העכט".

מיין חשק איז אָבער געווען גרויס, דער שפּיל־יצר־הרע האָט ניט אָפּגעלאָזט, און אַזוי האָב איך גענומען וואַרפן דאָס לעפעלע ; וואַרפן עס ווייט, און פירן דורכן וואַסער טיף צוריק צום שיפל.

פאַר אַ צייט איז גאָרניט ניט געשען. פּלוצלינג, האָב איך דערפילט, ווי דער האָקן האָט זיך אין עפּעס פאַרטשעפּעט. דאָס טרעפט זיכער אָפט, און קיינער ווערט ניט איבעראַשט פון דעם, הגם אין אַזעלכע טיפע וואַסערן איז דאָס פאַרטשעפּען זיך אַ זעלטנהייט. האָב איך זיך געווענדעט צו מיין פריינט און אים מודיע געווען, אַז איך האָב זיך פאַרטשעפּעט און אויך אויסגעדריקט מיין איבעראַשונג. אָבער איידער ער האָט נאָך צייט געהאַט מיר צו ענטפערן, האָב איך דערפילט ווי די זאַך, אין וועלכער מיין האָקן האָט זיך פאַרטשעפּעט, האָט זיך, דוכט זיך, אָנגעפאַנגען לאַנגזאַם צו באַוועגן. איך האָב אַ גוטן צי געטאָן די „לאַין", צו מאַכן זיכער, צי עס איז טאַקע אַזוי, אָדער איך חלום אפשר. מיין צי איז, ווייזט אויס, ניט שטאַרק געפעלן געוואָרן דעם, אין וועמען ער האָט זיך פאַרהאַקט, און עס האָט זיך אָנגעפאַנגען אַן אמתער קאַמף. מיין פריינט, וועלכער האָט גענוג דערפאַרונג מיט די סאָרטן פיש, האָט באַלד פאַרשטאַנען, אַז איך בין געקניפּט און געבונדן מיט אַ ריכטיקן העכט און גלייך האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ.סדרה פון אויסרופן : „האַלט אים שטייף !" — „גיב אים „לאַין" ! — לאָז אים גיין !" — „גיב אים נאָך !" — „ניט צו פיל !" — „ברענג אים אַריין ! „פאַרזיכטיק !" — „דאָס איז ער !"

און פלוצלינג האָט דער בחור געטאָן אַ שפּרינג אַרויס פון וואַסער, ווי אַ באָמבע וואָלט אויפגעריסן. פּאַר אַ פּאָר סעקונדן האָב איך ניט געוואוסט, צי איז ער נאָך אָנגעטשעפּעט אין דעם „לאַין", צי האָט ער זיך באַפרייט. נאָר באַלד האָט די „לאַין" אָנגעפאַנגען זיך אויסצוציען און צו גראָבן טיפער און טיפער אין וואַסער. אין דעם געראַנגל, ווער וועמען עס וועט שנעלער אויסמוטשען, מוז איך אויסזאָגן דעם אמת, אַז דער פיש, וועמען מיר האָבן ערשט געזען ווען ער איז אַרויסגעשפּרונגען פון וואַסער, האָט מיך שנעלער אויסגעמוטשעט. איך בין גלייך ווי פאַרלוירן געוואָרן פון איבעראַשונג און גיך אָפּגעשוואַכט געוואָרן פון זיין שלעפּן, לויפן, שפּרינגען און רייסן פון די הענט די „לאַין". די ווענטקע אין האַנט האָט זיך געטרייסלט ווי אַ לולב, און אויב דאָס אַלץ איז ניט גענוג געווען, האָב איך דערפילט, אַז דאָס קאַלטע וואַסער האָט שוין דערגרייכט איבער די פּיאַטעס, ווייל בשעת דעם געראַנגל האָט מיין שותף זיך אַזוי פאַרקוקט און דיריזשירט דעם קאַמף, אַז ער האָט פאַרגעסן זיין וויכטיקע אויפגאַבע, צו גיסן דאָס וואַסער פון שיפל אין טייך אַריין. עס איז אַפילו אַ בושה אויסצוזאָגן, אָבער איך האָב דעם גאַנצן קלאַפּער־געצייג, די גאַנצע מלחמה, איבערגעגעבן צו מיין שותף, ווייל איך בין שוין מיד געווען פון קאַמף. „לאָמיר זען וואָס דו קענסט שוין טאָן", — האָב איך געשטאַמלט, און אַליין זיך גענומען פירן אַ נייעם קריג מיט דעם וואַסער אין שיפל, ניט אַראָפּנעמענדיק אויף קיין איין רגע מיינע בליקן פון מיין שותפס מלחמה.

ער, מיט פרישע כוחות, האָט גענומען ווייזן וואָס ער קאָן און נאָך אַ קורצער צייט האָט זיך דער קאַמף פאַרוואַנדלט אין גאָר אַ נייער טאַקטיק: ער ברענגט דעם פיש צום שיפל, און איך בין גרייט אים אַריינצונעמען אין דער האַנט־נעץ. אָבער ווי נאָר דער פיש האָט דערזען דעם נעץ, האָט ער זיך אַ לאָז געטאָן אויף זעכציק, זיבעציק פוס אַוועק פון שיפל, מיט אַ שנעלקייט וואָס איז ניט איבערצוגעבן. מיין שותף איז ניט נתפעל געוואָרן, און ווען דער פיש האָט געענדיקט זיין געלאָף, האָט ער אים ווידער צוריקגעשלעפּט צום שיפל. דער שפּיל פון „אַהין און צוריק" האָט זיך איבערגעחזרט עטלעכע מאָל. מיין פריינט האָט זיך שוין אויך אויסגעשלאָגן פון די כוחות און געביטן מיט מיר די פּאָזיציע. אַנשטאָט אונטערצוליגן אַ נעץ אונטער דעם פיש, ווען מען ברענגט אים צום שיפל, האָט ער אַרויסגעשטעלט אַזאַ גרויסן האָקן, צוגע־

טשעפּעט צו אַ שטעקעלע, וואָס ווערט באַנוצט פאַר דעם צוועק פון אַריינצובערענגען אַ גרויסן פּיש.

אַזוי האָט אונזער קאַמף געדויערט ניט ווייניקער ווי אַ שעה צייט, און ביידע אויסגעמאַטערטע, האָבן מיר דעם בחור אַריינגעשלעפּט אין שיפל און זיך גליך געלאָזט צום ברעג, מחמת לענגער צו פאַרבלייבן אין שיפל איז שוין געווען ניט קיין קליינע סכנה. ווען איין זאַך האָבן מיר צווישן זיך ניט געקאָנט דורכקומען: וועגן דער גרויס און וואָג פון דעם פיש... אויסגעזען האָט דער העכט, ווי ער וואָלט געוואויגן אַמווייניקסטנס פערציק אָדער פופציק פונט. אָבער ווען מיר האָבן זיך באַרואיקט, געקומען בשלום צום ברעג און אַרויסגענומען אַ וואָג, האָט ער געוואויגן אַביסל איבער זעכצן פונט. נישקשה, „גרויס גענוג פאַר דער פאַמיליע פון העכט." גרויס גענוג אין פאַרגלייך מיט די העכט אין אונזערע געגנטן. אַ פאַקט איז, אַז ווען העכט דערגרייכן אַזאַ מין גרויס, ווערן זיי אָנגערופן „פּייק", אָבער דאָס זיינען די זעלבע העכט, וואָס דערגרייכן אַזאַ מין וואָג נאָר אין בעסערע קלימאַטישע באַדינגונגען און אונטער בעסערע אומשטענדן.

איבעריק אייך צו דערציילן, וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן, ווען מיר זיינען צוריקגעקומען אין האָטעל. מען האָט דעם פיש אַרומגעטראָגן צו באַווייזן יעדן איינעם, און טאַקע דאָן, אַנשטאָט הנאה צו האָבן פון דעם מאכל (אַגב צום עסן קענט איר מיר געבן צו יעדער צייט די קליינע העכט, און צום באַפּן — די גרויסע), האָב איך דאָרט באַלד איבער־געגעבן דעם פיש, אַז מען זאָל אים פאַר מיינעטוועגן אויסשטאָפּן. און עד היום הזה, האַלט איך נאָך אין איין ענטפערן אויף פראַגעס, וועגן אָט דעם העכט, וואָס געפינט זיך אויף אַ וואַנט אין מיין זומער־היים.

דאָס אַלץ האָב איך דערציילט, כּדי צו באַגרינדן, אַז צייטנווייז טרעפט מען העכט אין גאָר טיפע וואַסערן און בלויז דאָרט, אין די טיפע און קאַלטע ערטער, קען מען האָבן דערפאָלג מיט זיי.

ג.

איך האָב אַ סך מאָל דערמאָנט וועגן אַ שיינענדיק לעפעלע וואָס ווערט באַנוצט אַזוי אָפט פאַר פאַרשיידענע פיש, בפרט פאַר דעם פאַנג פון העכט. דאָס איז אַ לעפעלע וואָס ווערט צוגעטשעפּעט צו דער

„לאַין" און ווען עס ווערט געפירט דורכן וואַסער דרייט עס זיך און שיינט אַזוי, אַז פיש באַמערקן עס און יאָגן זיך נאָך דעם ווי עס וואָלט געווען אַ גוטער מאכל.

דאָס שיינענדיקע לעפעלע איז אַזוי פּאָפּולער, אַז עס איז ניטאָ קיין איין פישערמאַן וואָס זאָל ניט האָבן אין זיין קעסטעלע עטלעכע קאָלירטע מעטאַלענע לעפעלאַך פון גאָר קליינינקע ביז גאָר גרויסע. ניט אַנדערש, נאָר אַז אַלע פיש ווערן אויפגערעגט פון די פאַרשיידענע לעפעלאַך, אָבער די פאַמיליע פון העכט, פון די קלענסטע אין אונזערע וואַסערן, ביז די גרעסטע „פייק" און „מאַסקעלאָנג", וועלן קיין שיינענדיק לע־פעלע ניט פאַרביילאָזן קאַלט־בלוטיק.

עס ווערט דערציילט, אַז דער ערשטער וואָס האָט זיך דערטראַכט צו אָט דעם שיינענדיקן לעפעלע, איז געווען אַ יונגערמאַן אין דעם סטייט פון ניו־יאָרק. ער איז אַמאָל געזעסן אין אַ שיפל אויף איינעם פון די וואונדערשיינע טייכן וואָס דער סטייט ניו־יאָרק פאַרמאָגט, און גע־האַלטן אַן אויג אויף זיינע ווענטקעס וואָס זיינען מיט צוציאונג־שפּייז געווען אַרויסגעלאָזט פון שיפל. ווען עס איז געקומען די צייט עפּעס אַליין איבערצובייסן, האָט ער אַרויסגענומען זיין עסנוואַרג, און וועלנדיק אויסוואַשן דאָס לעפעלע וואָס ער האָט געהאַט מיט זיך, האָט עס זיך אויסגעגליטשט פון האַנט און איז אַריינגעפאַלן אין וואַסער. דאָס לע־פעלע איז פאַמעלעך זיך דרייענדיק געזונקען צום גרונט. פּלוצלינג האָט ער באַמערקט ווי אַ גרויסער פיש האָט אַריינגעכאַפּט דאָס לעפעלע און איז שנעל דערמיט פאַרשוואונדן. ערשט נאָכדעם, ווי ער האָט זיך באַ־רואיקט פון דער איבעראַשנדיקער דערשיינונג, האָט ער זיך פאַרטראַכט און איז געקומען צום אויספיר, אַז דאָס שיינענדיקע לעפעלע, זיך דרייענ־דיק אויפן וועג צום גרונט, האָט זיכער מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ צו־ציאונג־שפּייז פאַר דעם פיש. ער האָט אָנגעהויבן די זאַך אויסצופאָרשן. ס'האָט לאַנג ניט געדויערט און ער האָט זיך אויף אַזוי פיל איבערצייגט אין דער נוצלעכקייט פון אַ דרייענדיק לעפעלע, אַז ער האָט אָנגעהויבן אַליין מאַכן ספּעציעלע לעפעלאַך צוגעפּאַסט פאַר פישן. מיט דער צייט האָט זיך שטאַרק פאַרשפּרייט די וויכטיקייט פון דעם מין לעפעלע און דער פאַרלאַנג נאָך דעם האָט דעם זעלבן יונגן מאַן געמאַכט פאַר אַ גוט באַקאַנטן פאַבריקאַנט פון אָט דעם מין לעפעלאַך.

מיט דעם לעפעלע באַנוצט מען זיך סיי אין „טראָלינג" און סיי אין „קעסטן", און וואָס די צוציאונג־שפּייז זאָל ניט זיין, אַ פישל, אַ

וואָרים, אַ זשאַבע, אַ פֿליג, ווערן אַלע צוגעטשעפּעט גאַנץ אָפּט צו די לעפּעלאַך, קלענערע אָדער גרעסערע, און עס איז קיין פֿראַגע ניט אַז זיי האָבן אַ גרויסע ווירקונג. גאַנץ אָפּט, ווען מען טרעפֿט אָן אַ פּלאַץ וואו מען איז זיכער אַז די העכט דרייען זיך דאָרט אַרום, איז שטענדיק כּדאַי אָפּצושטעלן דאָס שיפֿל און מיט אַ לעפּעלע צוגעטשעפּעט צו אַ מאכל איז גוט אַרויסצוואַרפֿן דורך אַ לאַנגן „קעסט" און פּאַמעלאַך אַריינדרייען די „לאַין" אויף צוריק.

עס איז גוט ניט צו איילן זיך, אַזוי אַז דאָס לעפּעלע מיטן האָקן, זאָל שווימען גאַנץ נאָענט צום גרונט, און מען קאָן אַזוי אַרום אין אַזעלכע פּלעצער באמת גאָר אַ סך אויפטאָן. די העכט וועלן נאָכגיין נאָך דעם און ביי דער ערשטער געלעגנהייט וועלן זיי זיך אַ וואָרף טאָן, אַ כאַפּ טאָן, און זיך לאָזן מיט דעם שווימען. שרעקט זיך דאָן ניט איבער, נאָר גיט אַ גוטן שלעפּ, אַזוי, אַז דער האָקן זאָל דעם פֿיש גוט אַריינ־כאַפּן, ווייל אַנדערש וועט ער זיך פֿון אים שנעל באַפֿרייען.

הגם מיט דעם לעפּעלע באַנוצט מען זיך כּמעט אַ גאַנץ יאָר, איז עס אָבער אַמבעסטן צוגעפּאַסט פֿאַר דעם פֿאַנג פֿון העכט אין אָנפֿאַנג פֿרילינג אָדער האַרבסט. עס איז מסתּמא דערפֿאַר, ווייל אין פֿרילינג זיינען די העכט אויסגעהונגערט נאָכן ווינטער, און אין האַרבסט גרייטן זיי צו שפּייז פֿאַר די ווינטער־חדשים. באמת איז דאָס אפילו שווער צו פֿאַרשטיין, מחמת עס איז גוט באַקאַנט, אַז די העכט זיינען רירעוו־דיק און גאַנץ לעבעדיק אפילו במשך די ווינטער חדשים. אין אַ גאַנ־צער ריי טייכן ווערן זיי טאַקע אַממערסטנס געכאַפּט אין די קאַלטע ווינטער־טעג דורכן אייז. אין אַ סך געגנטן דערלויבט מען ניט קיין פֿיש־פֿאַנג דורכן אייז, דער עיקר צוליב די העכט. מען וויל ניט דערלאָזן אַז מען זאָל זיי אויסכאַפּן און פֿאַראַרימען די צאָל פֿון זייער באַפֿעל־קערונג. דער דאָזיקער געזעץ אין מערסטע שטאַטן פֿאַרהיט זיי פֿון פֿאַר־ניכטונג און דעריבער, איז באַגרענעצט אי די צאָל, אי די גרויס פֿון העכט וואָס מען דערלויבט צו כאַפּן. אַזוי, למשל, זיינען פֿאַראַן אַ סך געגנטן, וואו מען טאָר ניט אַרויסנעמען פֿון וואַסער אַ העכט וואָס איז קורצער פֿון 12 אָדער 14 אינטשעס. אַזאַ העכט דאַרף מען פֿאָרזיכטיק אַראָפּנעמען פֿון האָקן און אים לאָזן צוריק אין וואַסער. מער ווי אַ געוויסע צאָל אין איין טאָג טאָר קיין פֿישערמאַן ניט נעמען און נאָכדעם ווי ער כאַפּט מער, דאַרף ער זיי צוריקקערן אין וואַסער. עס איז אויך באַקאַנט, אַז אַ העכט ברענגט ניט אויף דער וועלט קיין ניי־געבוירענע,

ביז ער דערגרייכט ניט דעם וואוקס פון 12 אינטשעס. ערשט נאָכן דער־גרייכן אזא מין וואוקס, הויבן זיי זיך אָן פּרוכפּערן. אין פרילינג גע־פינען זיך די העכט נאָענט צו די ברעגן און אין הארבסט — אין די טיפע וואסערן. ווי איך האָב שוין אָנגעוויזן, זיינען זיי אין ביידע פאַלן בלויז דאָרט, וואו עס איז דאָ אַ סך גרינס, גראָזן, ליליעס, וואסער־בלומען און וואו דער גרונט איז באַדעקט מיט גרינס.

העכט זיינען אויך גאַנץ גרויסע בעלנים אויף „פּלאָגס". מען קאָן גאַנץ אָפט זען דורכן וואסער, ווי אַזוי דער העכט גייט נאָך פּאַמעלעך נאָך דעם „פּלאָג" כמעט ביזן שיפל; ער רירט זיך ניט צו צו אים, און אַמאָל טרעפט אויך, אַז ווען מען איז גרייט אַרויסצונעמען דעם „פּלאָג" פון וואסער, זאָל ער זיך מיט אַ מאָדנער שנעלקייט אויף אים אַ וואָרף טאָן. ניט איין מאָל נאַרט מען אָפּ דעם העכט, ווי נאָר מען באַמערקט אַז ער פאָלגט נאָך אַ „פּלאָג". מען גיט צוליב דעם אַ שטאַרקן צי מיט דער ווענטקע, אַזוי אַז דער „פּלאָג" מאַכט אַן אַנדער באַוועגונג, און מערסטנס מאַכט עס אים אַ כאַפּ טאָן דעם „פּלאָג" אין אַ באַזונ־דער איילעניש.

אין מיינע אינטערעסאַנטע דערפאַרונגען מיט העכט, איז מיר בפרט פאַרבליבן אין געדאַנק איין אינצידענט וואָס איז כדאַי צו דערציילן: דאָס האָט געטראָפן אין אַ ווארעמען, קלאָרן זומער־טאָג. ס'איז געווען גאָר פרי, נאָך איידער די זון איז אויפגעגאַנגען. צוזאַמען מיט אַ פריינד זיינען מיר געפאָרן צו אַ טייך, אָנגעלאָדן מיט אַלץ וואָס איז נויטיק צו מאַכן אַ דערפאָלגרייכע „פישינג"־רייזע. די לופט איז געווען קיל, דער טוי פון דער נאַכט איז נאָך געלעגן אין טאָל און בלויז אויף די שפּיציקע בערג האָט מען געקאָנט זען וואָס עס טוט זיך אַרום. דער טוי אין טאָל האָט אויסגעזען ווי מיר וואָלטן געווען אַרומגערינגלט מיט פאַרשיידענע טייכן. מיר זיינען פאַרבייגעפאָרן אַ קליין טייכל, נאָענט צום וועג, וואָס שפּעטער אין זומער ווערט עס אינגאַנצן אויסגעטריקנט, אָבער ווען דאָס וואסער איז הויך אין טייך, דאַן פאַרשפּרייט עס זיך ביז צום סאַמע ברעג פון וועג.

פאַרבייפאָרנדיק האָבן מיר באַמערקט, ווי פיש וואַרפן זיך אויף דער פלאַך פון וואסער: דאָס בלוט פון פישערמאַן האָט אין אונז אַ קאָך געטאָן און מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט צו פאַרמעסטן זיך מיט די פיש און פּרוווּן זיי פאַנגען אין קליינעם טייכל. אַ האַלבע שעה האָט געדויערט די פאַרכאַפּנדיקע און ברענענדיקע ארבעט. מיר האָבן געכאַפּט

גאָר אַ סך, אָבער די מערסטע האָבן מיר געוואָרפן צוריק אין וואַסער, ווייל זיי זיינען געווען צו קליין. פּלוצלינג האָט זיך אָבער גאָר אַ גרויסער העכט אַ לאָז געטאָן נאָך מיין פישל, געכאַפּט עס, און מיט אַ מאָדנער שנעלקייט זיך געלאָזט לויפן, שלעפנדיק די „לאַין" מיט אַזאַ כּוח, אַז די ווענטקע האָט זיך געבויגן אין דרייען, דער „ריעל" האָט געזונגען, און די „לאַין" האָט ממש געקרעכצט פון שטאַרקן שלעפּן פון דעם העכט. איך האָב זיך גענומען ראַנגלען מיט אים און נאָך געציילטע מינוטן האָט ער איבערגעריסן די „לאַין" און איז אַוועק.

עס האָט מיר מער באַנג געטאָן וואָס מיין „לאַין" איז געווען אַזוי שוואַך, אַז דער פיש האָט אים צעריסן, ווי דאָס, וואָס דער פיש איז אַוועק. איך געדענק אַזוי ווי היינט, אַז מיר איז אויסגעקומען דאַן צום ערשטן מאָל זיך צו באַנוצן מיט אַזעלכע האָקנס וואָס זיינען געבראַכט געוואָרן צום ערשטן מאָל אין אונזער געגנט.

נאָך אַ קורצער צייט האָבן מיר פאַרפּאַקט אונזערע מכשירים און זיך אַוועקגעלאָזט צום טייך צו וועלכן מיר זיינען לכתחילה געפאָרן. דאָרט האָבן מיר פאַרבראַכט דעם גאַנצן טאָג. מיר האָבן געכאַפּט פיש, זיך צעלייגט אויפן ברעג אין שאָטן פון די ביימער, אַרומגערעדט און דיסקוטירט פאַרשיידענע פּראָבלעמען וואָס האָבן צו טאָן מיט פיש־פאַנג, און ווען די זון האָט זיך גענומען אַרונטערלאָזן, האָבן מיר זיך איינגעפּאַקט און זיינען געפאָרן אַהיים. פאַרבייפאָרנדיק דאָס טייכל אין וועלכן מיר האָבן געפישט גאַנץ פרי, האָבן מיר זיך ווידער אָפּגעשטעלט, ווי עס וואָלט מיך עפּעס געצויגן צו כאַפּן דעם פאַרלוירענעם העכט, און מיט די פּאָר פאַרבליבענע פישלאַך האָבן מיר ווידער פאַרוואָרפן אונזערע ווענטקעס און געפּרוּווט אַריינצונאַרן אַ פּאָר העכט. שטעלט אייך פאָר מיין איבעראַשונג, ווען אין עטלעכע מינוטן אַרום האָב איך זיך ווידער פאַרטשעפּעט מיט אַ גרויסן פיש, וועלכער האָט ממש געאַרבעט מעשים, געשלעפּט ווי אַ ווילדער.

מיט אַלע מיינע כּוחות האָב איך געקעמפט, ניט צו דערלאָזן, אַז אויך דאָס מאָל זאָל דער פיש מיר ניט אָפּטאָן אויף טערקיש. און איך האָב אים טאַקע אַרויסגעשלעפּט. ער האָט געוואויגן כּמעט 4 פונט און עס איז געווען דער זעלבער פיש, וואָס איך האָב געהאַט פאַרלוירן אין דער פרי... ער האָט געהאַט דעם טייל פון מיין אָפּגעריסענעם „לאַין" און דער האָקן האָט נאָך געשטעקט אין זיין מויל. ווי עס ווייזט אויס,

האָט עס אים גאָרניט געשטערט זיך צו יאָגן נאָך אַ געשמאַק לעבעדיק פישל צום עסן. איבעריק צו זאָגן, אַז דאָס איז געווען אַ פיינער שלום פון אַ פיינער רייזע און האָט נאָך איבערגעלאָזט אַ סך צו טראַכטן און צו לערנען פון דער נאַטור.

אידער איך פאַרענדיק דעם קאַפּיטל, „העכט", וויל איך בלויז דער־מאָנען, אַז דער פיל קאָלירטער העכט איז איינער פון די אויסגעצייכנטע שפּיל־פיש, שטענדיק גרייט זיך צו יאָגן נאָך פאַרשיידענע שפּייזן און גרייט פאַר קאַמף און מלחמה צו יעדער צייט. ער איז אַ ווירדיקער קעגנער פאַר יעדן פישערמאַן; אַ פיש, נאָך וועלכן עס איז כדאַי זיך צו יאָגן. וואָס שייך זיין טעם צום עסן, לאָז איך עס איבער צום געשמאַק פון יעדן איינעם, נאָכדעם ווי עס גיט זיך איין אים צו פאַנגען.

„בעם"

ביסלעכווייז הייבט זיך פאַר אייך אויף דער בלויער צודעק פון מיין טייכל. דאָס אינערלעך פאַרבאָרגענע וועלטל אַנטפּלעקט זיך פאַר אייך און איר דערזעט אַ היפּש שטעטל, באַזעצט מיט פאַרשיידענע איינוואוינער; אַלערליי כאַראַקטערן, באַשטימטע געוואוינהייטן, בכלל אַ באַפעלקערונג ניט קיין פאַרשלאָפענע, נאָר שטענדיק אַ באַוועגלעכע און אַרבעטנדיקע.

ווער סע מיינט, אַז דאָס איבערפירן די באַשעפענישן פון טייכל, פון זייער וועלטל אין אונזערן; ברענגען זיי פון יענער וועלט אויף דער וועלט, איז גאָר אַ גרינגע זאַך, — דער מאַכט אַ גרויסן טעות. די צייטן, ווען מען פלעגט דאָס טאָן אויף אַ פּרימיטיוון אופן, דורך פאַנגען זיי מיט גרויסע נעצן, אויפרייסן מיט דינאַמיט, אָדער פאַרסמען דעם טייך אַזוי, אַז די פיש זאָלן קומען צום אויבערפלאַך קראַנקע, ניט ווייסנדיק וואו זיי זיינען אין דער וועלט, — די צייטן זיינען פאַראיבער. היינטיקע יאָרן זיינען אַלע טייכן און טייכלאַך ניט מער עלנט, ווי אַמאָל. עס איז דאָ ווער עס זאָל אויף זיי אַכטונג געבן. זיי ווערן באַשיצט. מען דערלויבט ניט יעדן איינעם צו קומען, מיט וועלכע מיטלען ער וויל, צו פאַנגען פיש. קיין נעצן באַנוצן טאָר מען ניט. כאַפּן גרויסע צאָלן אָן אַ מאָס, פאַרפלייצן מיט פיש דעם מאַרק, איז פאַרבאָטן. און אַפילו דאָס באַנוצן זיך מיט ספּאָרטישע מיטלען איז דערלויבט בלויז אין באַשטימטע צייטן. אין געוויסע צייטן, איז אין גאַנצן פאַרבאָטן צו כאַפּן געוויסע מינים פיש; און כאַפּט מען יאָ אַזאַ מין פיש, מוז מען אים צוריקוואַרפן אין וואַסער. אויב ניט, איז די שטראָף אַ גאַנץ גרויסע.

פיש־פאַנג איז ווי יעדער אַנדערער מין ספּאָרט — וויל מען פון דעם הנאה האָבן, דאַרף מען די שפּיל קענען. מען דאַרף אַנטוויקלען דעם אינטערעס צו דעם ספּאָרט און פאַך; מען דאַרף זיך אויסלערנען ווי זיך צו באַגיין מיט פאַרשיידענע מכשירים; מען דאַרף צולייגן אַן אויער און אָנשטרענגען אַן אויג צו אַ סך דערשיינונגען אויף און אַרום דעם טייך. מען דאַרף אַנטוויקלען אַ פאַרשטענדעניש פאַר די געוואוינ־הייטן פון די פיש און לערנען די וועגן און מיטלען דורך וועלכע מען רופט זיי אַרויס צום קאַמף. און וואָס מער מען ווייסט וועגן דעם, אַלץ מער קריגט מען אַרויס פון דעם גאַנצן שפּיל און פאַרגעניגן.

צווישן אַלע פיש דאָ אין לאַנד, וואָס שווימען אין זיסע וואַסערן, איז דער געקרוינטער קעניג, דער אָנערקענטסטער צווישן זיי, דער אַמ־מערסטנס באַשיצטער פון אַ בייז אויג — דער מין פיש, וואָס שווימט אונטער דעם נאָמען „בעס״. אייגנטלעך, איז פאַראַן אַ גרויס פאַר־צווייגטע משפחה פון פאַרשיידענע „בעס״. אַלע שטאַמען פון דער משפחה אָרעמע קאָרעסלאַך, מיט וועלכע איר זייט שוין באַקאַנט פון פריער. ניט מער, וואָס דעם קאָרעסל קאָן יעדער אָרימאַן איינהאַנדלען פאַר אַ ביליקן פּרייז, בעת דעם „בעס״ קאָנט איר אין קיין פּלאַץ, איבער דער גרויס און לענג פון לאַנד, ניט קויפן פאַר קיין געלט. און ווען איר זעט יאָ אַ „בעס״ צום פאַרקויפן, זאָלט איר געדענקען, אַז ער קומט ניט פון זיסע וואַסערן, מחמת אויב דער גרויסער מיוחס פאַלט אַריין אין נעץ פון פישערלייט, בעת זיי כאַפּן אַנדערע פיש, מוז מען אים באַלד אַרויסלאָזן פריי און חלילה מיט גאָרניט ניט שעדיקן. דער „בעס״ ווערט פאַרהיט בלויז צוליב דעם ספּאָרט פון די אַמעריקאַנער פישערלייט; ער ווערט באַשיצט און אָפּגעהיט נאָר צוליב דעם, אַז די פיש־פאַנגער זאָלן זיך מיט אים קענען פאַרמעסטן, און ערשט דאַן, ווען זיי גייען אַרויס די זיגער אין קאַמף, איז ער זייערער; דאַן קאָנען זיי אים האָבן, טיילן זיך מיט געסט, איינלאַדן זיי צו אַ געשמאַקן מאָלצייט, אָבער ניט פאַר־קויפן פאַר קיין געלט. אויף דעם מיוחס איז גאָר קיין געלט־פּרייז ניטאָ. די „בעס״ זיינען ניט פון די גרינגע פיש צו כאַפּן. און בייצוקומען זיי, נאָכדעם ווי זיי ווערן שוין אַפילו פאַרנאַרט אויף דעם האָקן, איז אויך ניט גרינג. אַזוי קאָן מען מיט זיכערקייט זאָגן, אַז דאָס איז שוין איין מאָל אַ חברהמאַן. מער ווי איין פישערמאַן האָבן זיי געלאָזט גיין אַהיים פון טייכל שטאַרק אַנטוישטע; זיי האָבן שוין ניט איינמאָל געהאַט דעם „בעס״ אויפן „לאַין״ אָבער אַהיים האָבן זיי אים ניט גענומען; ער האָט געוואָלט בעסער פאַרבלייבן אַלץ קעניג אין טייכל, איידער פאַרשאַפן צום טיש אַ געשמאַקן מאכל.

גאַנץ אָפט אין אַ בין השמשות, ווען דער טאָג איז נאָך ניט אַוועק און די נאַכט איז נאָך ניט געקומען; ווען די פאַרגייענדיקע זון לאָזט איבער אויף איר וועג אַ רויטן הימל וואָס שפּיגלט זיך אין אַ טייל פון טייך; ווען אַ מחנה פליגעלאַך לאָזט זיך אַראָפּ אויפן גלאַטן וואַסער, און פויגלען טראָגן זיך איבערן טייך אַזוי נידעריק, ווי זיי וואָלטן זייער דורשט וועלן שטילן, אָדער גאָר פליגעלאַך כאַפּן; ווען עס ווילט זיך זיצן און שלינגען דאָס גאַנצע בילד אַרום און אַליין איינגעשלונגען ווערן אין דער שטיל־


Credit: U. S. Fish and Wildlife Service

בעס (קליין מויל)

קייט — ווערט פלוצלינג די שטילקייט צעשטערט פון אַ פאַל אין וואַסער, ווי עמעצער וואָלט אַהין געוואָרפן שטיינער. אָבער קיינער וואַרפט ניט קיין שטיינער. קיינער איז גאָר ניטאָ אַרום טייך. דאָס וואַרפן זיך אַזוי די „גרוים־מויליקע בעס". זיי לאָזן וויסן, אַז אויך זיי זיינען פאַראַן אין טייך. בפרט טרעפט עס אין אַ וואַרעמען זומער־אָוונט אין מיטן תמוז, נאָך דעם ווי אַ שטייפער מזרח־ווינט האָט געבלאָזן אַ גאַנצן טאָג און געמאַכט דאָס טייכל אויסזען מלא כּעס און ברוגזדיק ביז צום אָוונט צו. דאַן קומען די „בעס" אַרויס און ברעכן די גלאַטקייט פונעם וואַסער־שפּיגל. זיי האָדעווען זיך אויף דער אויבערפלאַך פון טייך. זייער וועלט איז ניט קיין הונגער און נויט וועלט, זיכער ניט אין דער צייט פון יאָר. די נאַטור האָט זיי באַזאָרגט מיט פאַרשיידענע שפּייזן און זיי קלייבן אויס זייערע מאַכלים פון צווישן שווימענדיקע, פליענדיקע און קריכנדיקע באַשעפענישן. אָט האָט אַ „דראַגאָן"־פליג זיך אַרונטערגעלאָזט צו נאָענט צום וואַסער און שוין פאַרענדיקט אויף אייביק מיטן לעבן... אַ שניי־ווייס פליגעלע האָט זיך אומגערן פאַרפּלאָנטערט צווישן וואַסער און לופט און קאָן זיך ניט אויספּלאָנטערן. אַ „גרוים־מוילקער בעס" מאַכט שוין אַ סוף צום פליגעלע מיטן פּלאָנטער.

עס איז די שעה פון שרעק און געפאַר פאַר קליינע, שוואַכע גאָטס באַשעפענישן. איבער דעם גאַנצן טייך גייט אָן דער קאַמף צווישן שוואַכע און שטאַרקע און פאַר אַ סך באַשעפענישן איז עס אַ שעה פון אַנט־שיידונג. די „בעס" לאָזן אייך ניט דרימלען אין דער שטילקייט. זיי רייצן אייך מיט זייער שפּרינגען און טאַנצן פון וואַסער. עס מאַכט דעם איינ־דרוק, ווי זיי שפּרינגען אין דער לופט זיך אָפּבאָדן. יעדערער שפּרונג זייערער רעגט אויף און רופט דעם פישערמאַן צום פאַנג מיט די הער־שער און רעגירער פון טייך.

עס זיינען פאַראַן צוויי סאָרטן „בעס": די „גרוים־מוליקע" און די „קליין־מוילקע". דער אונטערשייד צווישן זיי איז ניט נאָר אין די מיילער אַליין; זיי זיינען אי אַנדערש איינער פון אַנדערן אין אַ סך הינזיכטן, אי אויך זייער שטאַרק ענלעך, ווייל, נאָך אַלעמען, קומען זיי פון דער זעלבער משפּחה. די געוואוינהייטן, דער אויסזען זייערער, זיינען גאַנץ פאַרשיידן. אָט, למשל, האָבן די „קליין־מוילקע" זייער ליב צו זיין אין וואַסערן, וואָס זיינען טיף, קלאָר, פריש, און שנעל לויפנדיק. די „גרוים־מוליקע" דאַגעגן זיינען גאָר ניט קיין איבערקלייבער; זיי קאָנען לעבן און זיך אַנטוויקלען אין קליינע, ניט קיין זייער טיפע,



Credit: U. S. Fish and Wildlife Service

בעס (גרויס מויל)

און אמאָל אפילו בלאָטיקע וואַסערן. וואָס שייך דעם שפּייז־אָפּקלייב, איז ער דער זעלבער בייביידע מינים. צום פאַנגען זיינען אַ סך לייכטער די „גרויס־מויליקע", און אין קאַמף און שפּיל זיינען די „קליין־מויליקע" פאַררעכנט אַלס בעסערע קעמפער און האָבן אַ שם איבערן גאַנצן לאַנד פאַר זייער ענערגיע און פאַר זייער שטאַרקערן און לענגערן אָנהאַלט אין אַ געראַנגל. פישערלייט זוכן די „קליין־מויליקע" מער ווי די „גרויס־מויליקע", אָבער פאַנגען פאַנגט מען אַ סך מער די „גרויס־מויליקע".

אין מיין טייכל זיינען דאָ נאָר די „גרויס־מויליקע בעס", מחמת פאַר דעם אַנדערן מין „בעס" זיינען די וואַסערן ניט גענוג טיף, און אין די זומער־חדשים, ווען די וואַסערן ווערן וואַרעם, האָבן ניט די „קליין־מויליקע" קיין גענוג טיפע ערטער זיך צו שיצן פאַר דער היץ. פאַר די גרויסע איז דאָס גאָר קיין שטער ניט. ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס מיין טייכל איז גאָר ניט טיף, האָבן זיי זיך אַזוי פיין אַנטוויקלט, אַז מיט יעדן יאָר גיט זיך איין אַרויסצונעמען אַלץ גרעסערע און גרעסערע „גרויס־מויליקע בעס". דער רעקאָרד אין דעם טייכל האָט שוין דער־גרייכט איבער זיבן פונט, און, גלויבט מיר, אויב איר האָט ניט חלילה קיין שוואַך האַרץ און אייערע נערוון זיינען אויך אין גוטער אָרדענונג, ווינטש איך אייך, אַז אויף אייער האָקן זאָל זיך אַמאָל אָנטשעפּן איינער פון אָט די זעקס, זיבן פונטיקע. וואָס מיינט איר וועט פּאַסירן? חלילה גאָרניט. איר וועט אָבער האָבן צו דערציילן קינדער און קינדס קינדער וואָס דער בחור האָט געהאַט צוקערט און צוואַרבעט און ווי ער האָט אייך צוטומלט, אַז איר האָט ניט געוואוסט אויף וועלכער וועלט איר זייט. ווי ער האָט, למשל, אַ צי געטאָן די „ליין" פון דער ווענטקע און זיך געלאָזט לויפן מיט אַזאַ אימפּעט און שנעלקייט, אַז נאָר דורך אַ נס איז די ווענטקע געבליבן אַ גאַנצע אין אייער האַנט. איר וועט האָבן צו דערציילן, ווי פלוצלינג איז ער, מיט אַ כּעס פון אַ צערייצטער חיה, אַרויסגעשפּרונגען פון וואַסער, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ, כּדי זיך צו באַ־פרייען פון דעם האָקן, און איז גיך צוריק אַריין אין וואַסער, מאַכנדיק אַלערליי קונצן צו געווינען זיין פרייהייט, און שלעפּנדיק די „ליין" מיט אַלע כּוחות. איר וועט האָבן צו דערציילן, ווי איר האָט ניט געוואוסט, צי איר שלעפּט אים, אָדער ער שלעפּט אייך. אַ אמתער פישערמאַן אָבער, וואַרט אַמאָל אַ גאַנצן סעזאָן אויף אַזאַ מין געראַנגל.

אין דער אכילה זיינען זיי די גרעסטע פרעסער. ביי זיי איז אַלץ אַ מאכל: קליינע פישעלאַך, גרויסע פיש, פיש פון זייער אייגענעם מין,

זשאַבעס, פֿליגן, „גריפּיש", ווערים, און וואָס נאָר עס לעבט און באַוועגט זיך אין וואַסער. און ווען די „גרויס־מויליקע" זיינען זאַט, דאַן ווערן זיי שפּילעוודיק, פֿול מיט קאַמפּסלוסטיקייט; זיי אַרט ניט דאַן וואָס זיי אַטאַקירן, אַבי נאָר עס איז אויפֿן וואַסער אָדער אין וואַסער. זיי יאָגן און טרייבן, שפּרינגען פֿון וואַסער גאָר הויך צו כאַפּן פֿליגן, און ווען זיי זיינען אין אַזאַ שטימונג, דאַן איז די בעסטע צייט זיי אַרייננאַרן אין זאַק. אין דער זעלבער צייט, זיינען זיי אָבער אויך שטימונגס־פֿיש; אָט אַזוי ווי, להבדיל, שטימונגס־מענטשן. אַז זיי פֿאַלן אַריין אין אַ שלעכטער שטימונג, דאַן זעט מען זיי ניט, דאַן הערט מען זיי ניט, דאַן כאַפּט מען זיי ניט, און מיט קיין מיטל אין דער וועלט וועט איר זיי ניט אַרייננאַרן. איר האָט דאַן דעם איינדרוק, ווי עס וואָלט גאָר פֿון זיי קיין סימן ניט געווען אין טייך.

אינטערעסאַנט איז דער פֿאַרמערונגס־פּראָצעס פֿון די „בעס". אָפּשטאַמענדיק, ווי איך האָב שוין אָנגעוויזן, פֿון דער משפּחה קאָרעסלאַך, איז זייער פֿאַרמער־פּראָצעס שטאַרק ענלעך צו דעם, וואָס איך האָב שוין באַשריבן אין יענעם קאַפּיטל וועגן קאָרעסלאַך. הגם פֿון צייט צו צייט פֿלעגט מיר אויסקומען צו ברענגען קליינע „בעס", כּדי צו באַלאַנסירן די באַפֿעלקערונג פֿון מיין טייכל, איז דאָך די גרעסטע צאָל פֿיש צוגעקומען דורך זייער נאַטירלעכן צואוואוקס. ווי נאָר דאָס וואַסער דערגרייכט אין פֿרילינג אַ וואַרעמע טעמפּעראַטור, קרוב צו 70 גראַד, אַזוי לאָזן זיך די „בעס" אַרויס פֿון די טיפֿע וואַסערן צו די ברעגן, אין די בוכטעס און צו אַנדערע ווינקלען, וואו דאָס וואַסער איז ניט זייער טיף. דער „ער" לאָזט זיך אַוועק זוכן אַ פּלאַץ צו בויען אַ נעסט. ער זוכט, באַטראַכט, ביז ער געפֿינט דעם פּאַסיקן גרונט אויף וועלכן צו בויען זיין נעסט. אונטער דעם צודעק פֿון אָט אַזאַ גרונט געפֿינען זיך פֿלעצער מיט האַרטן זאַמד, קליינע שטיינדעלאַך, אָדער אַפֿילו גלאַט פֿלאַכע שטיינער. דער „בעס" רייניקט אָפּ דעם בלאָטיקן צודעק, ביז די זאַמדיקע אָדער שטיינערנע ערד ווערט ריין. מערסטנס זיינען די פֿלעצער, וואָס זיי קלייבן אויס, אויך לעבן נאַטירלעכע פֿעסטונגען, ווי, למשל, אַ וואָרצל פֿון אַ בוים, אַ גרויסער שטיין, וואָס קאָן די נעסט באַשיצן. ער נעמט זיך ענערגיש צו דער אַרבעט; ער רוט ניט און, פּונקט ווי ער וואָלט דורכגעמאַכט גימנאַסטישע איבונגען מיט אַלע אברים, אַרבעט ער ביז עס ווערט פֿאַרטיק אַ נעסט, גרויס גענוג פֿאַר זיין גאַנצער פֿאַמיליע. ווען ער ווערט פֿאַרטיק, וואַרט ער, אַז „זי" זאָל

אַריינקומען. ווייזט זי זיך ניט, מאַכט ער קורצע רייזעס אין די טיפֿע וואַסערן, כּדי צו געפֿינען און איינלאַדן אַ „זי" אין דער נעסט, וואָס ער האָט מיט אַזוי פֿיל מי געבויט. עס דויערט אַמאָל טעג ביז אַ „זי" באַווייזט זיך. מען קאָן אַפֿילו זען ווי דער „ער" פֿירט זי אין זיין נעסט. ער טרייבט זי. זי שווימט פֿאָרויס און ער נאָך איר. ער האַלט אָן אויג אויף איר און דערלאָזט ניט זי זאָל זיך אָפּקערן אָן אַ זייט, ניט רעכטס און ניט לינקס. זי מאַכט דעם איינדרוק, ווי זי גייט קעגן איר ווילן. אָבער ער טרייבט זי צו דער אויפֿגעבויטער נעסט; דאָרט בלייבן זיי שוין ביידע, ביז זיי ברענגען דעם נייעם דור אין טייכלס וועלט. פּאַמעלאַך שווימען זיי אַרום אין דער נעסט. אַמאָל קאָן מען זיי זען שעהן לאַנג שטיין אויף איין פּלאַץ אָן דער מינדעסטער באַוועגונג. דורך דער צייט, בייטן זיך די קאָלירן פֿון ביידן און דער גאַנצער קערפּער פֿון דער „פֿרוי בעס" ווערט באַדעקט מיט פֿלעקן. דאָס האַלט אָן אַ גאַנץ היפּשע צייט, ביז זי באַפֿרייט זיך פֿון איר רויג און בלייבט אין גאַנצן אָפּגעשוואַכט, אַזוי אַז זי שווימט אויף אַ זייט, ווי אַ פֿיש וואָס איז פֿאַרוואונדעט; עס פֿעלט איר כּוח אָנצוהאַלטן איר נאַטירלעכע פּאָזיציע. דער „ער" היט זי אָפּ, אַז קיין בייז אויג זאָל איר ניט שאַטן. אָבער דאָס דויערט ניט לאַנג. ווי נאָר די פֿלעקן ביי איר פֿאַרשווינדן און זי קומט צוריק צו די כּוחות, באַגלייט זי דער „ער" צוריק צו די טיפֿע וואַסערן און אַליין קערט ער זיך אום צום נעסט און בלייבט דאָרט אַלס שומר אויף זיין פּאָסטן.

עס פֿעלן ניט קיין שונאים אין טייך, וואָס ווילן גיך פֿאַרניכטן זייער גאַנצן צוקונפֿטיקן דור. דער „ער" בעס טראָגט דעריבער אויף זיך די גאַנצע זאָרג פֿאַר די ניי־געבוירענע; ער איז נערוועז, טרעט ניט אָפּ פֿון נעסט אויף אַ רגע, פֿאַלט אָן מיט ווילדע כּוחות אויף יעדן באַשעפֿעניש, וואָס קומט צו אים נאָענט; טרייבט און יאָגט אַלע, וואָס וואַגן אַפֿילו בלויז פֿאַרבייצושווימען זיין נעסט. ער ווייסט ניט פֿון קיין פּחד; ער וועט ניט אַנטלויפֿן פֿון נעסט אַפֿילו ווען מען קומט שוין גאָר נאָענט. ער איז פֿול מיט איבערגעגעבנהייט צו די ניי־געבוירענע און ווילד מיט שנאה קעגן די שונאים. דער פֿעריאָד איז דעריבער באַקאַנט אַלס דער גרינגסטער אים אַריינצונאַרן אויף דעם האָקן. מען דאַרף זיך ניט לאַנג שלאָגן מיט דער דעה דורך וועלכן מיטל אים צו פֿאַרנאַרן. מען קאָן צוטשעפּען אַ האָקן צו וואָס עס איז, אַפֿילו צו אַ ציבעלע, און אַריינוואַרפֿן עס נאָענט צום נעסט, וועט ער זיך וואַרפֿן

אויף דעם. פֿאַרשטייט זיך, אַז אין דער צייט איז אים זייער גרינג צו פֿאַנגען. דאָס איז דעריבער די סיבה, פֿאַרוואָס אין די חדשים פֿון פֿריי־לינג ביז סוף יוני, איז כּמעט אין אַלע שטאַטן איבער דעם לאַנד שטרענג פֿאַרבאָטן זיי צו כאַפּן דורך וועלכן ניט איז מיטל. אָן אַט די באַגרענע־צונגען און אָן די געזעצן וואָלט עס זייער גרינג פֿאַרקלענערט דעם וואוקס פֿון דער נייער באַפֿעלקערונג אין די טייכן, און עס וואָלט נאָך גרינגער פֿאַרניכטעט די אַלטע „בעס".

אַזוי שטייט דער „פֿאָטער בעס" אויף דער וואַך, ביז פֿון אַ קנויל ווערן קליינע פֿעדימלאַך, וואָס שווימען צום ברעג, האַלטנדיק זיך נאָענט איינס צום צווייטן און ווערנדיק אָפּגעהיט פֿון דעם פֿאָטער, וואָס שווימט אַרום און באַשיצט זיי קעגן אַנדערע, וואָס האָבן גרויס אַפּעטיט צו דעם קליינוואַרג. ווען זיי וואַקסן אונטער און לאָזן זיך שווימען אין טיפֿערע וואַסערן, דאַן פֿאַרלאָזט זיי דער „פֿאָטער בעס" און ווי עס ווייזט אויס, פֿאַרגעסט ער זיי אויף אייביק. ווען איר וועט זיך דערוויסן, אַז אי דער געטרייער פֿאָטער, אי די מוטער, וואָס האָבן מיט אַזוי פֿיל מי און כּוחות זיך אָפּגעגעבן צו ברענגען אויף דער וועלט די יונגע בעסלאַך, כאַפּן אַמאָל אַריין אַ געשמאַקן מאָלצייט פֿון זייערע אייגענע קליינוואַרג, זאָלט איר ביי זיך ניט אָראָפּפֿאַלן, ווייל דאָס זיינען סודות פֿון גאָטס נאַטור.

מכשירים

אויב אייך איז אמאָל אויסגעקומען זיך אָפּשטעלן און אַריינקוקן אין שויב פון אַ שיין ספּאָרט־געוועלבל, אָדער זיך אָנשטויסן אין אַ דעפּאַרטמענט־געשעפט אויף דער אויסשטעלונג פון פאַרשיידענע אַר־טיקלען, וואָס ווערן באַנוצט פאַר דעם ספּאָרט פון פיש־פאַנג, זייט איר זיכער פאַרכאַפּט געוואָרן פון די שרייענדיקע קאָלירן און פון אַ גראַנדיעזער קאָלעקציע פון אַלערליי מאָדנע מכשירים. מעגלעך, אַז איר שטייט אַ פּאָר מינוט, איר באַטראַכט די פאַרשיידענע קאָלירטע לעפּעלאַך, פּלעשעלאַך, קעסטעלאַך; כלערליי האָקנס; „פּלאָגס"; באַפּוצטע קלעצלאַך מיט איינגעשרויפטע „האָקנס"; קלייניקע נעצעלאַך; קינסטלעך נאָכ־געמאַכטע פליגעלאַך; געפאַרבטע פעדערן; קאָלירטע האָר; ווענטקעס, לאַנגע, הויכע, פון באַמבו געמאַכטע, קורצע, שטאָלערנע, און פילע אַנדערע אַרטיקלען, ניט אָנהייבנדיק צו וויסן, פאַרוואָס אָדער פאַר וועמען די גאַנצע אויסשטעלונג איז געמאַכט געוואָרן. איר גייט זיכער פאַרביי, כאַפּט אַ קוק, גיט אַ קנייטש מיט די פּלייצעס, און גייט זיך ווייטער אייער וועג.

זאָלט איר טאַקע וויסן, אַז אַט די אויסשטעלונגען איבערן גאַנצן לאַנד, זיינען באַשטימט פאַר דער גרויסער משפּחה פיש־פאַנגער, וועלכע זיינען אַגב די גרעסטע משפּחה דאָ אין לאַנד פון אַלע מינים ספּאָרטס מיט וועלכע די מענטשן אין אונזער מדינה אינטערעסירן זיך. אַז „בייס־באָל" איז פאַררעכנט ווי דער נאַציאָנאַלער ספּאָרט פון דעם אַמעריקאַנער, דאָס ווייסן אַלע. דאָך איז פיש־פאַנג, דוכט מיר, ביז היינט צו טאָג דער מין ספּאָרט, וואָס נעמט אַרום איבער 15 מיליאָן מענטשן, וועלכע צאָלן שטייערן פאַר דעם רעכט צו מעגן פאַנגען פיש. און אַזוי אַרום איז עס די גרעסטע צאָל מענטשן, וואָס וועלכער ניט איז ספּאָרט אין אַמעריקע האָט באַוויזן צוזוציען. אַט די משפּחה פאַרגינט זיך צו באַצאָלן 32 מיליאָן דאָלאַר פאַר דעם רעכט צו פישן, און אויסצוגעבן איבער הונדערט מיליאָן דאָלאַר אַ יאָר אויף די צאַצקעס, וואָס מען זעט אויף די אויסשטעלונגען, אַחוץ ביכער און זשורנאַלן, וואָס שטעלן צו־נויף אַ היפּשע ליטעראַטור, געווידמעט דעם ספּאָרט פון פיש־פאַנג.

עקספּערטן, וועלכע פאַרטרעטן פאַרשיידענע פאַבריקאַנטן פון אַט די אַרטיקלען, פאַרברענגען אָפט טעג און נעכט אויף די וואַסערן, כדי צו שטודירן און אָבסערווירן די פיש און זייערע געוואוינהייטן, די פּלי־

געלאך וואס ווייזן זיך אויף דעם וואסער, און די שפייזן, אויף וועלכע פיש קוואפען זיך; און זיי, די עקספערטן, זיינען טאקע פאראנטווארטלעך פאר די אלערליי מכשירים. זיי באמיען זיך, אז די קינסטלעכע שפייז־ארטיקלען זאלן זיין פינקטלעך נאכגעמאכט נאך די נאטירלעכע און אמתע שפייזן. זיי ווייסן, אז זיי האבן פאר זיך א וועלט מיט פישערלייט, וואס זיינען מבינים אויף די ארטיקלען און זיי מוזן דעריבער זיין גענוי נאכגעמאכט, כדי זיי זאלן זיך פארקויפן. אלע אימיטירטע „באשעפענישן”, וואס איר זעט אויף די אויסשטעלונגען, זיינען גענוי נאכגעמאכט לויט די נאטירלעכע אינזעקטן, וועלכע געפינען זיך אויף כל־ערליי וואסערן אין פארשיידענע פלעצער, און די פישערלייט ווייסן שוין, וואו און וויאזוי זיך מיט זיי צו באנוצן, כדי ארייננצונארן דעם פיש, איידער ער האט נאך צייט זיך ארומצוקוקן און איינצושלינגען דעם גוטן „מאלצייט”. אנשטאט צו געניסן פון דעם קרבן, געפינט גאר אויס דער פיש, אז ער אליין איז א געפאנגענער אין די הענט פון א געניטן פישערמאן.

זייט זיכער, אז א געניטער פישערמאן וועט זיך ניט באנוגענען מיט בלויז עטלעכע מינוט אויף צו באטראכטן אזא מין אויסשטעלונג. מעג ער זיין ווי פארנומען, וועט איר אים פון אט די צאצקעס אזוי גיך ניט אפרייסן. בפרט נאך די לאנגע ווינטער־חדשים, ווען אנהויב פרילינג ווערן די פענצטער פון די ספארט־געשעפטן באפוצט מיט אלערליי סחורות, קאן מען זען, ווי די פיש־פאנגער שטייען גאנץ לאנג און קאנען די אויגן ניט אפרייסן פון די אויסשטעלונגען. זייערע בליקן זיינען איינגעגראבן אין די פארשיידענע ארטיקלען, אבער די געדאנקען טראגן זיך צו יענע ערטער, וואו מען האט איבערגעלעבט וואונדערלעכע מינוטן אויף פארשיידענע פיש־פאנג־רייזעס.

עס קומען אויף זכרונות, ס׳ווערן לעבעדיק פאסירונגען, און דאס הארץ גיט ממש א צאפל: אט, באלד, וועט מען ווידער זיין אויף די וואסערן, אויפן לויפנדיקן שטראם, מיט דער ווענטקע אין האנט, אין געיעג נאך א פיש. די מכשירים דערמאנען אין אלע דערגרייכונגען, אין פארשיידענע פיש, וואס מען האט מיט זיי אמאל געפאנגען, און וועקן די האפנונג, אז מען וועט באלד ווידער ארויסרופן די גרויסע פיש צום קאמף און צו דער מלחמה. דאביים פענצטער פארגעסט מען אלץ, אפט אפילו די אייגענע באשעפטיקונג; מען פארגעסט וואוהין מען גייט און פון וואנען מען קומט. די רוישיקע גאס, וואו מענטשן טראגן זיך,

איילן זיך און ווערן פאַרשוואונדן, גייט אייך לגמרי ניט אָן. די מכשירים ציען צו די ווייטע טייכן, צו די לויפנדיקע וואַסערן און צו די וועלדער און פעלדער וואָס רינגלען זיי אַרום. בפרט זוכט מען אין דער צייט פון יאָר די נייע דערפינדונגען פון עקספּערטן אויפן געביט פון פיש־פאַנג. אָט די דערפינדונגען האָבן פאַר אייך אַ באַזונדערן רייץ און דער חשק זיך צו באַזאָרגן מיט זיי, איז גוואַלדיק גרויס.

עס איז אמת, אַז ווען ס'וואָלט זיך געהאַנדלט נאָר אין דעם ענין פון כאַפּן בלויז פיש, קאָן מען זיך מעגלעך באַגיין אָן אָט די פאַרשיידענע קאָלעקציעס. ווייל ס'איז גענוג אַ שטעקן, אַ שטריקל, אַ האָקן, און אַ וואָרים, און מען קאָן כאַפּן גענוג פיש. ווען אָבער דאָס כאַפּן פון פיש איז ניט מער ווי נאָר אַן אינצידענט אין דעם גאַנצן פּראָצעס פון פיש־פאַנג; ווען מען דערפירט דאָס פישן צו דער מדרגה פון קונסט; ווען עס האַנדלט זיך ניט וועגן די פיש,נאָר וועגן דעם שפּיל ווי אַזוי זיי צו כאַפּן — דאַן האָט יעדער אַרטיקל אַ באַזונדער אינטערעסאַנטן באַדייט, מחמת מען דאַרף ווייסן, ווען און ווי אַזוי מיט זיי זיך צו באַנוצן; וועלכע פון אָט די אַרטיקלען עס דאַרפן דערגרייכן די פיש אין טיפע וואַסערן, און מיט וועלכע מען קאָן זיי קריגן אויף דער אויבערפלאַך. מען דאַרף ווייסן וואָס די געקינצלטע צוציאונג־שפּייז שטעלט מיט זיך פאָר, און מען דאַרף זיך אויסלערנען דאָס נאָכמאַכן אויף אַזאַ מין אופן, אַז דער פיש זאָל גאָר קיין חשד ניט האָבן, אַז דאָס איז ניט קיין אמתע און נאַטירלעכע שפּייז. דאָס אַלץ מאַכט דעם שפּיל זייער פאַר־כאַפּנדיק. דער קאָפּ אַרבעט, די הענט באַוועגן זיך. דער שפּיל, דוכט זיך, אָן אַלטער, און פונדעסטוועגן שטענדיק ניי.

יעדע פיש־פאַנג־נסיעה איז אַ נייער עקספּערימענט. ווייל באמת, שטעלט אייך פאָר, איר זיצט אין שיפל און דער פיש ליגט טיף אין בלויען וואַסער. איר ווייסט, אַז דאָרט אין די טיפענישן זיינען פאַראַן פאַר־שיידענע מינים פיש. די אויבערפלאַך פון טייכל ליגט ווי אַ שאַך־ברעט צווישן אייך און די פיש. אייער אויפגאַבע איז, אַריינצונאַרן דעם קעג־נער. אָבער ער זיצט ניט קעגן אייך ווי בעת אַ שאַך־שפּיל. איר דאַרפט אים ערשט געפינען; איר דאַרפט אים ערשט ברענגען. זיצט איר און איר טראַכט: מיט וועלכע מיטלען זאָלט איר זיך באַנוצן לויט די אומ־שטענדן פון דעם מאָמענט? איר נעמט זיך צו דער אַרבעט. מיט אַ ספּעציעלער ווענטקע וואַרפט איר אַרויס אַ „פליגעלע”. עס גליטשט זיך אויפן וואַסער, שטעלט זיך אָפּ, און גליטשט זיך ווייטער. אָט מאַכט

עס אַ מאָדנע באַוועגונג, וואָס צושטערט דאָס גלאַטע וואַסער, פּונקט ווי עס וואָלט זיך געוואָלט אויפהייבן און אַוועקפליען; ראַנגלט זיך דאָס „פליגעלע", ליגט אויף איין פּלאַץ; אָבער קיין פיש רירט זיך ניט. ווייזט אויס, אַז אָדער די פיש ליגן אין טיפע וואַסערן, אָדער די „פליג" אַפּער־לירט ניט צו זייער אַפּעטיט. נעמט איר אַוועק דאָס פליגעלע און אָנשטאָט דעם, טשעפּעט איר צו אַ שיינענדיק לעפעלע אויף דער ווענטקע — און ווידער צו דער אַרבעט! דאָס לעפעלע שניידט דורך דאָס וואַסער, טראָגט זיך אַרויף און אַראָפּ, שיינט, און מאַכט דעם איינדרוק פון אַ פאַר־וואונדעט פישל וואָס וויל קומען צו זיך. אָבער אויך דאָס מיטל העלפט ניט. נעמט איר און איר פאַרבייט דאָס לעפעלע אויף „פלאָגס". דער קאָלירטער, שיין אויסגעשניצטער און מיט האָקנס באַשיינטער „פלאָג" שניידט דורך די לופט און פאַלט אין וואַסער ווייט פון שיפל. איר מאַניפּולירט מיט דער ווענטקע אַזוי, אַז דער „פלאָג" אַרבעט מעשים אונטערן וואַסער, אויפן וואַסער, גיך, פּאַמעלעך, און ווידער גיך, און פלוצלינג — אַ רויש פון וואַסער, ווי אַ שטיין וואָלט אַריינגעפאַלן: אַ פיש טראָגט זיך אין פאַרשיידענע ריכטונגען. די האָקנס גראָבן זי איין טיפער אין זיין האַרטן מויל. דער קאַמף פאַנגט זיך אָן און ווערט גע־פירט ביז צום מאָמענט, ווען דער פיש קריגט „מאַט". און די שפּיל איז פאַרענדיקט.

אויף אייער פּנים באַווייזט זיך אַ שמייכל פון צופרידנקייט, אַן אויסדרוק פון זיג. איר האָט געפונען אי דעם קעגנער, אי דאָס מיטל.

בעת דעם שפּיל זיצט מען ניט מער אויף איין אָרט, ווי דאָס טוען נאָך היינט אַ סך פישערלייט, וואַרטנדיק ביז אַ פיש וועט באַגיין זעלבסט־מאָרד, איינשלונגענדיק דעם וואָרים מיטן האָקן, און איר וועט זיך מטריח זיין אַרויסשלעפּן דעם פיש פון וואַסער. ניין, ניט מיט די נייע מינים מכשירים. באַנוצן זיך מיט זיי ריכטיק, מיינט אַרויסרופן דעם אַפּעטיט ביים פיש, אָנרייצן אים, אַרויסרופן זיין נייגעריקייט. איר שפּילט אַזוי, אַז דאָס „פליגעלע" אויף דער ענדע „לאַין" מאַכט דורך אַזעלכע באַוועגונגען, ווי עס מאַכט טאַקע דורך אַן אמתע פליג, אָדער אַן אַנדער מין באַשעפעניש וואָס פאַלט אַריין אין וואַסער. איר מאַכט נאָך מיט דעם געקינצלטן פליגעלע פּונקט אַזוי, ווי עס וואָלט זיך געמאַטערט מיט אַלע כּוחות זיך אויפצוהויבן פון וואַסער, זיך צו ראַטעווען פון געפאַר. מעגט איר טאַקע זיכער זיין, אויב עס געפינט זיך נאָר אַ פיש אין דעם געגנט, וועט ער זיך מסתּמא לאַנג ניט לאָזן בעטן. איז ער

הונגעריק, וועט ער זיך לאָזן צום פליגעלע מיט גרויס אימפּעט. אויב ניט, וועט ער נאָכגיין נאָך דעם פליגעלע גאַנץ פּאַרזיכטיק, ווי ער וואָלט וועלן זיך איבערצייגן און אויסגעפונען וואָס דאָ קומט פאָר. אַמאָל ווערט דאָס „פליגעלע" פאַרשוואונדן, ווי נאָר עס גרייכט דאָס וואַסער, ווי איר וואָלט עס טרעפן גלייך אין מויל פון דעם פיש. און דער קאַמף צווישן פיש און פישערמאַן הויבט זיך אָן, אומדערוואַרטעט פאַר ביידן. אָדער דער פיש באַפרייט זיך, איבערלאָזנדיק דעם פישערמאַן מיט אַ נאַרישן אויסזען און אַמאָל מיט אַן אויסדרוק פון פאַרדרוס, אָדער דער פיש ווערט געבראַכט פון דער נאַסער וועלט אין טרוקענעם שיפל.

מען זיצט היינט מער ניט מיט די מכשירים און מען געניצט שעהן לאַנג, וואַרטנדיק אַז אַ פיש זאָל זיך אָנכאַפּן! אַ דאַנק די אַלע נייע דערפינדונגען איז פון דעם גאַנצן ספּאָרט פון פיש־פאַנג פאַרשוואונדן די פראַגע פון האָבן געדולד צו קאָנען פישן. מיט די מכשירים זיצט מען מער ניט רואיק, מחמת עס קומט פאָר אַ גאַנצער פּראָצעס פון אַרבעט און שפּיל; אַ שפּיל, אין וועלכן מען דאַרף קאָנען און וויסן אַ סך זאַכן. מען דאַרף קענען די נאַטור, די געגנט און די געוואוינהייטן פון די פיש. מען דאַרף קענען די פאַרשיידענע פּלעצער, וואו פיש האַלטן זיך אויף און וואו זיי זוכן געוויסע שפּייזן. מען דאַרף קענען די וואַסערן אין וועלכע מען פישט. מען דאַרף אויך זיין באַקאַנט און וויסן וועלכע ווינטן בלאָזן אויפן טייך, וואָס יעדע געקינצלטע צוציאונג־שפּייז שטעלט מיט זיך פאָר, און האָבן אַ קלאָרן באַגריף וואו און ווי אַזוי מען קאָן די פיש אַמבעסטן דערגרייכן.

אויף די אויסשטעלונגען פון פיש־פאַנג־מכשירים שפּיגלט זיך אָפּ אַלץ וואָס איז דערגרייכט און באַוויזן געוואָרן אויף דעם געביט. און עס איז אָן שום ספק אַ סך דערגרייכט געוואָרן. עס איז גענוג צו פאַר־גלייכן די היינטצייטיקע דערפינדונגען מיט די אַלע פּרימיטיווע מעטאָדן פאַר פיש־פאַנג, וואָס ווערן נאָך היינט גענוצט אין אַ סך לענדער, כדי ערשט אָפּצושאַצן, אויף ווי וויט די אינדוסטריע אויף דעם געביט האָט זיך אַנטוויקלט ביי אונז אין לאַנד, און כדי צו פאַרשטיין, אויף וויפל די ספּאָרטסלייט אונזערע האָבן צוגעטראָגן צו דעם דערפאָלג מיט זייער זוכן אַלץ מער נייע דערפינדונגען, אויף צו מאַכן דעם ספּאָרט נאָך מער אינטערעסאַנט און פאַרכאַפּנדיק.

ניט נאָר די אַנטוויקלטע אינדוסטריע און די פישערלייט, נאָר אויך די רעגירונגען פון לאַנד און שטאַטן העלפן זייער אַ סך דורך דעם,

וואָס זיי האַלטן אויף באַזונדערע אָפּטיילונגען פאַר דער באַשיצונג און אַנטוויקלונג פון די פּלערליי מינים פיש. עס זיינען פאַראַן אַ גאַנצע ריי געזעצן פאַר דעם צוועק און ס׳איז כּדאַי זיך צו באַקענען מיט זיי, איידער מען לאָזט זיך אַרויס אויף אַ פיש־רייזע, ווייל ניט איינמאָל טרעפט, אַז אַ פולשטענדיק דערפאָלגרייכע עקספּעדיציע זאָל זיך ענדיקן מיט אַ ניט אָנגענעמער שטראָף פון געזעץ. באמת קומט אַ יישר כּוח די אַלע, וואָס גיבן זיך אָפּ מיט שאַפן און היטן די געזעצן. ליידער, זיינען צווישן די מיליאָנען פישערלייט פאַראַן אַ היפּשע צאָל, וואָס זיינען אַזוי פאַרקאָכט אין כאַפּן פיש און אין יאָגן זיך נאָך זיי, אַז דער גאַנצער ענין פון פיש־פאַנג אַלס ספּאָרט, אַלס שפּיל, גייט זיי ניט אָן און זיי שטעלן זיך ניט אָפּ אָנצושפּאַרן גאַנצע זעק מיט פיש, גלויבנדיק דערביי, אַז זיי זיינען גאָר די אמתע בריות און ספּאָרטלייט. אַ סימן האָט איר — זייערע אָנגעפּילטע זעק מיט פיש, וואָס זאָגן עדות, אַז ווען ניט דער געזעץ, פאַר וועלכן זיי האָבן נאָך מורא, וואָלטן די פיש אומברחמנותדיק אומגעבראַכט געוואָרן פון אַזעלכע „פיינע״ פיש־פאַנגער.

איך האָב אַ סך באַקאַנטע, וועלכע קאָנען ניט פאַרשטיין, למאַי איך זאָג זיך אָפּ מיטצופאָרן מיט זיי אויף פאַרשיידענע פיש־פאַנג־רייזעס. דער תּירוץ איז טאַקע, וואָס איך האַלט זיי ניט פאַר קיין פיש־פאַנגער, נאָר פאַר פּשוטע פיש־מערדער. איך דערמאָן זיך אין אַ שמועס מיט מיינעם אַ גוטן פריינט, ווען איך האָב מיטגענומען אויף אַ פיש־רייזע אין פלאָרידאַ. ער האָט בשום אופן ניט געקאָנט פאַרשטיין מיין באַגייסטערונג, ווען מיר האָט זיך איינגעגעבן צו קריגן איין „ביים״ נאָכן צווייטן און דאָך ניט באַוויזן צו פאַנגען די פיש. „צו וואָס טויג עס? — ביים היינט, ביים מאָרגן, מען קאָן דאָך דעם ביים ניט פּרעגלען און עסן! אויף דעם דאַרף מען דעם פיש כאַפּן״. „זיכער״, האָב איך צוגעגעבן, „אויף עסן דאַרף מען דעם פיש פאַנגען, אָבער איך וועל צו יעדער צייט מקריב זיין דאָס עסן פון געפּרעגלטע פיש פאַר אַ ביס פון אַ לעבעדיקן פיש. ווייל וואָס איך קריג פון שפּיל, איז מיר וויכטיקער און טייערער, ווי דאָס וואָס איך קריג פון עסן. אויף בלויז עסן קאָן איך דאָך קריגן פיש אָן דער גאַנצער טרחה פון פאַנגען זיי אַליין״.

און פונדעסטוועגן זיינען פאַראַן אַ סך פישערלייט, וואָס וועלן מקריב זיין דעם „ביים״ צוליב דעם עסן. „וואָס מער פיש פאַרן טיש״ איז זייער מאָטאָ. מיט איין וואָרט, דער אייביקער קאַמף צווישן ברויט און שפּיל...

פיר אופנים פון פיש־פאַנג

א.

די מכשירים דערציילן אייך ניט נאָר פון אַלערליי צוציאונג־שפּייזן, אַפּנאַרעריי, נאַטור־אימיטאַציעס, נאָר טאַקע אויך פון די פּלעריי מע־טאָדן, וואָס ווערן באַנוצט אין דעם פּראָצעס פון פאַנגען. און עס פעלן ניט קיין מעטאָדן, מיטלען, און איינפאַלן. עס איז אַ פאַקט, אַז יעדער פישערמאַן טראָגט זיך אַרום מיט אַ צענדלינג סודות, וועלכע ער וועט ניט פאַרטרויען אַפילו זײַן בעסטן פריינט, און קיינער וועט קיינמאָל ניט וויסן פון אַ סך איינפאַלן וואָס ווערן פּראַקטיצירט צווישן דער ברייטער משפּחה פישערלייט. עס געהערט אינגאַנצן צו די זאַכן וואָס בלייבן בלא יודעים. ביודעים זיינען פאַראַן פונדאַמענטאַלע פיר אופנים. אַלע אַנדערע געהערן אין איין וועג, אָדער אין אַ צווייטן, צו איינעם פון אָט די פיר. און די פיר אופנים זיינען: „שטיל פישן", „טראָלן", „באַיט־קעסטינג", און „פלאַי פישינג".

דער אַממערסטנס פאַרשפּרייטער פון די פיר איז דער ערשטער, און גראָד ניט דער בעסטער. „שטיל פישן" מיינט, ווען דאָס שיפל פאַראַנקערט אויף איין פּלאַץ, וואו דאָס פישן ווערט דורכגעפירט. אָט דער מעטאָד ווערט דער עיקר אָנגעווענדעט אין דעם פאַל, ווען אַלס צוציאונגס־שפּייז ווערן באַנוצט אמתע לעבעדיקע שפּייז: אַ פעטער, לאַנגער וואָרים, אַ קליין און רירעוודיק פישל, אַ זשאַבקע, אַ „גרייפיש", אָבער זיכער ניט קיין געקינצלטע נאָכמאַכונגען.

דער דאָזיקער מעטאָד איז זייער אַ רואיקער. מען קלייבט אויס דעם פּלאַץ, וואו מען איז חושד, אַז פיש געפינען זיך דאָרט; מען קומט צו צום פּלאַץ זייער שטיל און פּאַמעלאַך און מיט דער גרעסטער פאָר־זיכטיקייט לאָזט מען אַרונטער דעם אַנקער פון שיפל. אַגב איז פון גרויס וויכטיקייט צו זיין פאָרזיכטיק ביים אַרונטערלאָזן דעם אַנקער. ניט איינ־מאָל ווערן די פיש צושראָקן און פאַרטריבן דורך דעם וואָס מען פּלוכעט אַריין דעם אַנקער, ניט רעכנדיק זיך מיט דער ווירקונג אויף די פיש פון אַזאַ מין האַנדלונג, און נאָכדעם, זיצט מען אין שיפל ברוגז און אָנגעבלאָזן, למאַי די פיש ווילן זיך ניט צורירן צו די געבראַכטע מאַכלים. איך ווייס פון פיל פישערלייט, וואָס לאָזן אַרונטער דעם אַנקער אין איין

פּלאַץ און לאָזן זיך אַוועק מיט אַ לאַנגן שטריק גאַנץ ווייט פון דעם פּונקט אין וואַסער, כּדי ניט צו פאַרטרייבן די פיש פון דער געגנט. מערסטנס זיינען זיי דערפאַר טאַקע מער דערפאָלגרייך. דער סאָרט פישן ווערט אויך געטאָן דורך „קאָרקס" אויף די „לאַינס". מען מעסט אָפּ די טיף פון וואַסער און לאָזנדיק אַ פּוס פון גרונט, טוט מען אָן אַ קאָלירטן שווימענדיקן קאָרק. די „לאַינס" ווערן אַרויסגעוואָרפן און די אויגן זיינען אָנגעשטרענגט אויפן קאָרק. דער קאָרק דאַרף דערציילן אַלץ וואָס דאָרט קומט פאָר, ווייל אַלץ וואָס געשעט אונטערן וואַסער, צווישן דעם פיש און קליינעם פישל, אָדער וואָרים, ווערט ווי טעלעגראַפיש איבערגעגעבן דורך דעם קאָרק. אָט ליגט ער, אָן שום באַוועגונג, אַ סימן אַז קיינער טשעפּעט אים ניט. אָט רירט ער זיך צוביסלאַך שוואַך, קענטיק, אַז עמעצער פּאָרעט זיך לעבן די שפּייז. אָט זינקט ער פּלוצלינג טיף אונטער דעם וואַסער — אַ סימן, אַז עמעצער האָט אַרונטערגעשלונגען די שפּייז. אַמאָל זינקט ניט דער קאָרק, נאָר אַזוי פון אויבן הייבט ער אָן זיך טראָגן אין אַן אַנדער ריכטונג. דאָס האָט אַ פיש אַריינגעכאַפּט די שפּייז צווישן די ציינער און טראָגט זיך מיט איר אַוועק, אָבער ווייל ער שלעפּט עס ניט צום גרונט, איז דער קאָרק אויך ניט אונטערן וואַסער. די אַלע סימנים זיינען אַזוי באַקאַנט צו געניטע פישערלייט, אַז זיי קאָנען אייך באַשטימט זאָגן, לויט די באַוועגונגען פון דעם קאָרק, וואָס פאַר אַ פיש עס יאָגט זיך נאָך דער שפּייז און מיט וועלכן פיש איר האָט צו טאָן דאָרטן, טיף אונטערן וואַסער.

מען דאַרף זיך ניט וואונדערן, ווייל דער כאַראַקטער פון יעדן פיש איז אַנדערש און זייערע מעטאָדן ווי צו נעמען שפּייז, איז אויך אַנדערש, און דאָס רופט זיך אָפּ אויך אַנדערש אויף דעם קאָרק. וואַרפט מען אַרויס די „לאַינס", מען צולייגט די ווענטקעס אַמאָל איינע, אַמאָל צוויי מיט אַמאָל, אָבער ניט מער, און מען האַלט אָן אויג אויף דעם, ווי אַזוי די קאָרקס פירן זיך אויף. בינו לבינו פירט מען אַ שמועס, באַרעדט מען עמעצן, קריטיקירט מען די גאַנצע וועלט, אָדער מען פאַרטראַכט זיך וועגן דער שיינקייט פון גאָטס וועלטל אַרום און אַרום.

ווי געזאָגט, איז טאַקע דער מין „שטיל פישן" דער רואיקסטער און מער פּאָפּולערסטער, ווייל מערסטנס איז פישן פאַרבונדן מיט רוען, אָפּרוען, אויסרוען זיך, וועך די ביינער, וועך די נערוון. און אַז מען זיצט אין שיפל, מען וואַרט אויף אַ „בים", די אויגן געצילט אויף די קאָרקס, איז דאָך ניטאָ קיין אַנדערע ברירה ווי נאָר רוען... פונדעסט-

וועגן ווערן אָבער די נערוון אויך ביי דעם מין פישן אָנגעשטרענגט. גאַנץ אָפּט איז עס טאַקע „שטיל פישן", מען זיצט טאַקע אויף איין פּלאַץ, נאָר מען זיצט ניט איין רואיק, ווייל עס דוכט זיך, אַז דער ריכטיקער פּלאַץ איז גאָר אָט דאָרט: רעכטס, לינקס, נעענטער צום ברעג, אָדער ווייטער פון בוים, אַרום דעם באַרג; דאָ, אויף דעם אָרט, — ווייזט זיך אויך אויס, איז ניט טיף, דאָרט ווידער— צו טיף און דאָס פישן פאַרוואַנדלט זיך דעמאָלט אין אַן אמתער פיש־יאַגד. מען יאָגט פון איין פּלאַץ צום צווייטן, דאָ ניט געגרוט און דאָרט ניט געוואַרט, און געקומען מיט גאָר ניט...

ביי אַזאַ מין פישן פאָדערט זיך קודם כּל געדולד. עס מוז דויערן אַ שטיקל צייט, מען דאַרף געבן די פיש אַ געלעגנהייט צו באַמערקן אייער שפּייז; מען דאַרף וואַרטן ביז זיי הויבן זיך אָן צונויפקומען, ביז זיי הויבן אָן דערזען, אַז אַ פּאָר פיש האָבן דאָ אכילה. דער פּראָצעס איז ביי זיי ניט אַנדערש, ווי להבדיל ביי אונז מענטשן. שטויסט זיך איינער אָן אויף פּרנסה, קומט באַלד אַ צווייטער, אַ דריטער, ביז עס ווערט אַ גרויסער עולם.

אַמאָל דאַרף מען אויספּרואוון, ווי טיף די פיש דרייען זיך אַרום. אויב עס דוכט זיך אייך, אַז זיי דאַרפן זיין אַ פוס פון גרונט און זיי זיינען ניטאָ דאָרט, מאַכט די „ליין" צווישן קאָרק און האָקן קורצער, ווייל מעגלעך אַז זיי האָבן זיך אויפגעהויבן פיל העכער פון גרונט, אַמאָל גאָר הויך. מאַכט עס נאָך קורצער. אַמאָל טויג ניט די שפּייז, ווייל דווקא אין דעם מאָמענט שמעקט זיי גאָר ווערים, גרויסע, פעטע נאַכט־ווערים, און זיי ווילן ניט אייערע לעבעדיקע פישלאַך. איז טאַקע דעריבער גוט, צו זיין געדולדיק, אויסצופּרואוון, וואַרטן אויף אַ פּאַסיקער גע־לעגנהייט, ביז מען קאָן ציען געוויסע מסקנות. דערווייל איז גוט זיך צו פאַרטיפן און פאַרקוקן אין די וואַסערן, אויף די באַוואַקסענע ברעגן, אויף די ביימער, אויף דעם הימל, וואָס אַמאָל איז ער בלוי און אַמאָל באַדעקט מיט ווייסע וואָלקנדלאַך, וואָס שפּילן זיך פון צייט צו צייט אין באַהעלטעניש מיט דער זון... אַוודאי איז בעסער פריער אויסצו־קלייבן די געגנט און אויך געניי זיך אָפּגעבן אַ חשבון, פאַרוואָס איר ווילט גיין פישן אויף דעם אָדער אַנדערן פּלאַץ. אָבער זייט איר שוין געקומען צו אַ באַשטימטן פּונקט, דאַרפט איר וואַרטן און האָבן געדולד, ביז איר ווערט איבערצייגט, אַז איר האָט געמאַכט אַ טעות און דאַן זיך

לאָזן צו אַן אַנדער אָרט. גלאַט לויפן פון אָרט צו אָרט, הייסט פּשוט פאַרשווענדן כּוחות און צייט.

עס איז אַ פעסטגעשטעלטע זאַך, אַז צו קאָנען דאָס וואַסער, דעם טייך, זיין באַקאַנט מיט די ערטער וואו פיש זאַמלען זיך אָפּט, איז פון גרויס וויכטיקייט, און דאַגעגן לאָזן זיך פישן אין אַ טייך, מיט וועלכן איר זייט ניט באַקאַנט, איז שוין גאָר ניט קיין לייכטער ענין. איך בין זיך דעריבער נוהג, אַז צום ערשטן מאָל אויף אַ פרעמדן וואַסער, גיי איך שטענדיק מיט אַ וועגווייזער, אָדער מיט אַ באַקאַנטן, אויף צו ווייזן מיר די ערטער, דאָס הייסט, די טיפעניש, די גרויסע שטיינער, אָדער גראָזן אונטערן וואַסער. צום צווייטן מאָל גיי איך שוין אַליין און פיל זיך דאָ אַ סך היימישער אויף די וואַסערן.

ווען איר זעט אויף אַ וואַסער שיפלאַך, פאַראַנקערטע אויף איין פלאַץ, פון וועלכע עס ציען זיך ווענטקעס, זאָלט איר וויסן, אַז דאָס איז דער מעטאָד פון „שטיל פישן", וואָס די פיש־פאַנגער ווענדן אָן אויף צו פאַרנאַרן די פיש.

פאַר אָט דעם מעטאָד ווערן באַנוצט, ווי שוין באַקאַנט, בלויז לעבעדיקע שפּייזן. און דאָ הויבט זיך אָן אַ סדרה פון קריגן די שפּייז, איידער מען גייט פישן, אָבער דאָס איז אַ קאַפּיטל פאַר זיך. גענוג צו זאָגן, אַז היינטיקע צייטן קען מען אַרום אַ סך טייכן קויפן פאַר דעם צוועק פאַרשיידענע שפּייזן. עס איז אַ גאָר גרויסער מסחר, וואָס ווערט אָנגעפירט פון פישערלייט, וועלכע וואוינען, אָדער אויפן טייך, אָדער אויפן וועג צום טייך. ס'זיינען אויך פאַראַן געשעפט־הייזער, וואָס שיקן אַלערליי שפּייזן דורך פּאָסט אין אַלע טיילן פון לאַנד. עס איז אויך אַ פּראָבלעם, ווי אַזוי אָנצוהאַלטן די שפּייז אַ לענגערע צייט, און דאָס איז כּדאַי צו וויסן, ווייל יעדע שפּייז דאַרף איר באַזונדערע באַהאַנדלונג אויף צו קענען זי אָנהאַלטן גענוג לאַנג.

ב.

דער צווייטער מעטאָד פון פישן — איז „טראָלינג". דאָס איז אַ מיטל פון האַלטן דאָס שיפל אין שטענדיקער באַוועגונג. דאָס שיפל גליטשט זיך אויפן וואַסער, דעקט פאַמעלעך אַ שטרעקע, און די פישערלייט לאָזן זייערע „לאַינס" אַרויס אַזוי, אַז דאָס באַוועגלעכע שיפל פירט

די „לאינס" דורכן וואסער. אויבן־אויף קאָן זיך אויסדוכטן, אַז דער מין פישן איז דער גרינגסטער און אַז ער הענגט אָפּ פון מזל. אין דער אמתן איז עס אָבער ניט אַזוי. עס הענגט אָפּ דערפון, ווי לאַנגזאַם דאָס שיפל רירט זיך, ווי טיף די צוציאונג־שפּייז שווימט, ווי אַזוי די שפּייז באַוועגט זיך אין וואַסער און איבער וועלכע ערטער מען פירט דאָס שיפל. מען קאָן זיך שיפן ביי די ברעגן, בעת די פיש זיינען גאָר אין טיפע וואַסערן און מען קאָן פאָרן איבער טיפע וואַסערן, ווען זיי זאָלן גראָד זיך האָדעווען אויף דער אויבערפלאַך פון טייך. דאָס אַלץ דאַרף מען פריער באַשטימען לויט געוויסע סימנים און לויט ידיעות וואָס מען קריגט פון דער באַקאַנטשאַפט, געוואוינהייטן און דערפאַרונג מיט פאַרשיידענע מינים פיש.

מיט יאָרן צוריק איז דער סיסטעם פון „טראָלינג" ניט געווען אַזוי פּאָפּולער ווי אין די לעצטע צייטן. גאָר פּשוט: „טראָלינג" הייסט פירן דאָס שיפל, וואָס עס מיינט, אַרבעטן מיט די וועסלעס, און ווער וויל עס אַרבעטן אויף אַ פיש־פאַנג רייזע? אָבער לעצטנס, מיט דער אַנטוויקלונג פון קליינע מאָטאָרס, וועלכע ווערן צוגעטשעפּעט צום שיפל און לויפן אויף גאַז, איז די צאָל פישערלייט, וואָס האָבן ליב דעם מעטאָד, אַ סך פאַרגרעסערט געוואָרן. עס איז נאָך אַלץ שווער צו רעגולירן די מאָטאָרס, אַז זיי זאָלן זיך רירן גאָר פּאַמעלעך, וואָס אַגב איז עס אָפּט זייער וויכטיק. לעצטנס באַנוצט מען זיך אויך מיט מאָטאָרס, וועלכע פירן שיפלעך זייער לאַנגזאַם, מיט דער הילף פון אַ באַטערי פון עלעקטריק. מען איז זיכער, אַז מיט דער צייט, ווען אָט דער מין מאָטאָרס וועט שטאַרקער אַנטוויקלט ווערן, וועט אויך גרעסער ווערן די צאָל פון די פיש־פאַנגער וועלכע וועלן זיך נאָך מער באַנוצן מיט „טראָלינג", ווי דעם בעסטן מיטל פאַר פיש־פאַנג. און עס איז ניט שווער צו פאַרשטיין די סיבה דערפון. ביי „שטיל פישן", למשל, מוז מען האָבן געדולד און וואַרטן. טרעפט מען די פּאַסיקע פּלעצער, איז גוט. אויב ניט, גייט אַוועק די צייט אומזיסט אויף זוכן די פיש. דאַגעגן דורך „טראָלינג" פאַנגט איר גלייך אָן פישן און זוכן. אויב מען טרעפט אָן אויף פיש וואָס נעמען די שפּייז, האַלט איר זיך אין שיפן בלויז אַרום דער געגנט און איר גייט גאָר ניט זוכן קיין גליקן אין אַנדערע ערטער.

דורך „טראָלן" דעקט דאָס שיפל אַ סך טעריטאָריע און ערגעץ מוז מען דאָך אָנטרעפן די פיש, סיידן די שפּייז זיי ניט ריכטיק. אַזוי אַרום ווערט מען דורך פאָרן און באַוועגן זיך מער פאַרכאַפּט ווי ביים זיצן אויף איין און דעם זעלבן פּלאַץ און זיך לאַנגווייליקן. און

פאַראַן נאָך אַ וויכטיקע סיבה: ביי דעם מעטאָד פון „טראָלינג" איז ניט נויטיק, ווי ביים „שטילן פישן", אַז דאָס עסנוואַרג זאָל זיין בלויז פריש און לעבעדיק. נאָר אין געוויסע פאַלן, ווען מען פירט דאָס שיפל זייער פּאַמעלעך, איז וויכטיק, אַז די שפּייז זאָל זיין לעבעדיק ווי ביים „שטילן פישן", אָבער וואָס שנעלער מען פאָרט מיטן שיפל, אַלץ ווינציקער איז דאָס נויטיק, ווי אַ באַדינג צום דערפאָלג. אין דעם פאַל האָבן די פיש ניט קיין צייט זיך פונאַנדערצוקלייבן. זיי יאָגן זיך נאָך דער לויפנדיקער שפּייז און כאַפּן גיך, ניט האָבנדיק קיין צייט צו זיין איבערקלייבעריש. מען באַנוצט זיך דעריבער אָפט ביי „טראָלינג" מיט קינסטלעכע שפּייז, ווי „פּלאָגס", לעפעלאַך, „פליגן" און פעדערן וואָס זעען אויס אין וואַסער ווי קליינע פישלאַך. און פיש כאַפּן זיי טאַקע מיט גרויס אַפּעטיט. דאָס איז אַ מעלה, ווייל אַמאָל טרעפט, אַז עס איז שווער צו קריגן לעבעדיקע שפּייז. מיט נאָכגעמאַכטע איז מען שטענדיק זיכער.

אַזוי אַרום קומט אויס, אַז אָט דער מעטאָד איז נעענטער צו די נייע אויסגעפונענע מיטלען אויפן געביט פון פיש־פאַנג ספּאָרט. עס איז ווערט צו פאַרצייכענען, אַז כמעט אַלע פיש מיט זייער קליינע אויסנאַמען קאָנען געפאַנגען ווערן דורך דעם מיטל. פיש האָבן ליב אַ באַוועגלעכע שפּייז; אַלץ וואָס רירט זיך אין וואַסער ווירקט אויף זייער אַפּעטיט, בפרט אַלץ, וואָס זעט אויס ווי אַ פישל, וואָס איז קראַנק פאַרוואונדעט, אָדער מאַטערט זיך גלאַט אַזוי מיט עפּעס. ווי אַ פייל פון בויגן כאַפּן זיי עס אַריין צווישן זייערע שאַרפע ציין און טראָגן זיך אָפּ מיט דעם. דער מיטל איז דער עיקר דערפאָלגרייך גאָר פרי, אָדער שפּעט אין אָוונט ביי די ברעגן.

יאָ, דאָס שיפל יאָגט זיך נאָך די פיש, די פיש לויפן נאָך דעם שיפל און די פישערלייט זיינען שטאַרק פאַרטאָן: ווער עס קעמפט מיט אַ געכאַפּטן פיש און ווער עס רייצט זיך מיט איינעם, וואָס גייט נאָך דעם שיפל, רייסט שטיקלאַך פון דער שפּייז און לאָזט זיך ניט פאַנגען. ניט מער, וואָס דער קאַמף דורך דעם מיטל האָט נאָר אַ ווערט דאַן, ווען דאָס שיפל ווערט אָפּגעשטעלט, כדי דער פישערמאַן זאָל קענען אויסקעמפן די מלחמה מיטן פיש און ווערן דער זיגער. ווייל אַנדערש איז עס ניט קיין פיש־פאַנג נאָר אַ שלעפעניש פון אַ פיש, אָן דער מינדסטער געלעגנהייט פאַר אים זיך צו באַפרייען. עס איז אויך ניט גענוג, צו לאָזן די „לאַינס" גלאַט אַזוי זיך נאָכשלעפן ביז אַ פיש וועט זיך פאַרטשעפען. מען דאַרף די גאַנצע צייט האַלטן די ווענטקע אין האַנט

און פילן דורך דער „לאַין", וואָס דאָרט אין וואַסער קומט פאָר. עס איז ווי אַ טעלעגראַף־דראָט, וואָס דאַרף אייך לאָזן וויסן וואָס דאָרט, אין די טיפעניש, קומט פאָר. פון צייט צו צייט דאַרף מען מאַכן געוויסע באַוועגונגען מיט דער ווענטקע. אַמאָל דאַרף מען גיבן גענוג „לאַין", אַז דער פיש זאָל פריי טראָגן מיט זיך די שפּייז, און ערשט דאַן אַריינ־זעצן דעם האָקן אין מויל פון פיש. אַמאָל דאַרף מען אים צערייצן, אַז ער זאָל זיך וואַרפן אויף דער שפּייז און זי ניט וועלן פאַרלירן. אָט די שפּיל קומט פאָר דורך פאַרשיידענע באַוועגונגען, לויט דעם טעלעגראַפישן ציטער פון דער „לאַין" דורך דעם וואַסער.

איך וויים, למשל, פון פלאָרידע, וואו כמעט אַלע פישערלייט, וואָס „טראָלן" דאָרט נאָך טראַוט, האַלטן אין אַרבעטן מיט דער ווענטקע, ניט לאָזנדיק זי צורו אויף אַ רגע, הין און צוריק, אַרויף און אַראָפּ, און באַנוצן זיך דערביי מיט אַזעלכע פעדערן און „פלאָגס", וואָס באַ־וועגן זיך קונציק, לויט דער אַרבעט מיט דער ווענטקע. זאָגט קיינעם ניט אויס, נאָר עס איז אָפט אַ גאַנץ שווער שטיקל אַרבעט און ביז מען געוואוינט זיך צו צו דעם, איז עס גאָר ניט אָנגענעם. אָבער דורך „טראָ־לינג", דורך אַרבעטן און רייצן די פיש אין וואַסער, האָט מען אַ בע־סערע געלעגנהייט זיי צו פאַנגען.

אין דער זעלבער צייט איז „טראָלינג" אָבער אויך אַ גאָר אָנגענעם מיטל, מחמת דאָס שיפל שווימט פאַרביי שיינע ברעגן, די נאַטור־בילדער האַלטן זיך אין בייטן, מען זיצט אין אַ באַקוועמען בענקל צוגעשמידט צו דער ווענטקע מיט דער האַנט אויף דער „לאַין" וואָס איז אָנגעצויגן ווי אַ סטרונע; מען הערט זיך צו צו די גרוסן פון וואַסער און מען פירט אַ שפּיל מיט די פיש.

גאָר אַנדערש איז אָבער, ווען עס טרעפט, אַז מען פאָרט און מע פאָרט, און ניט מען זעט, ניט מען הערט. עס זאָל אַזוי ניט טרעפן, ווי דאָס טרעפט. מען פּרוּווט אַמאָל אויס אַלע מיטלען, אַלע שפּיצלאַך און איינפאַלן, און עס העלפט ניט. ניטאָ קיין סימן פון אַ לעבעדיק באַ־שעפעניש. נו, איז וואָס? — און דער טייך אַליין איז ביי אייך גאָרניט? — עס איז דאָך פאָרט בעסער צו זיין אויפן וואַסער, ווי אין דער ענג־שאַפט פון שטאָט. אַבי נאָר מען קאָן זיך אַרויסרייסן פון דעם טומל און זיך איבערטראָגן צום טייך. זאָל זיין אַפילו אַז מען טרעפט ניט די פיש, אָבער גאָטס שיינע, ליכטיקע וועלט איז דאָך שטענדיק גרייט אייך מקבל פנים צו זיין...

אַלע פּראָפעסיאָנעלע וועגווייזערס, וועלכע פירן מענטשן צום פישן אין זייערע ספּעציעלע מאָטאָר־שיפן אויף די ימען, אָדער אויף זיסע וואַסערן, באַנוצן זיך כּמעט שטענדיק, מיט קליינע אויסנאַמען, מיט דעם מעטאָד פון „טראָלינג", סיי ווען זיי לאָזן זיך נאָך גרויסע פיש און סיי ווען זיי זוכן די קלענערע.

איך ווייס ניט מיט וואָס עס צו דערקלערן, נאָר ביים „טראָלינג"־מעטאָד, ווען די שיף שווימט, שאַפט זיך דער איינדרוק, אַז מען פישט די גאַנצע צייט, בעת ביים „שטיל פישן", ווען מען זיצט און מען וואַרט אויף אַ „ביים", פילט זיך טאַקע, ווי מען וואַרט ערשט אויפן פישן, און דאָס וואַרטן ווערט ווי ניט אַריינגערעכנט אין חשבון. איך ווייס נאָר, אַז מיר איז אויסגעקומען פישן דורך „טראָלן" אין אַ סך פאַר־שיידענע פלעצער, צייטנווייז גאַנצע טעג, און געהאַט פון דעם מעטאָד אַ פאַרגעניגן, אי גרויס דערפאָלג. פאַראַן אין דעם מעטאָד עפּעס אָנ־ציענדיקס; ער איז פול מיט דערוואַרטונגען און איר האָט דאָס געפיל, אַז אָט, אָט, און עפּעס גרויס און שטאַרקס וועט זיך פאַרקניפּן דורכן „לאַין" און ס'וועט זיך אָנהויבן אַ געראַנגל. אפילו ווען עס גייט אַמאָל דורך אַ שטיק צייט און קיין זאַך פּאַסירט ניט, איז אַלץ ביי אייך דאָ דער גלויבן, אַז ס'וועט פּאַסירן, עס דאַרף פּאַסירן. און עס טרעפט טאַקע אויך, אַמאָל ווען איר ריכט זיך אויף דעם, און אָפט גאָר אומדערוואַרט. און דאָס אומדערוואַרטעטע טרעפט אייך גראָד דעמאָלט, ווען איר זייט פאַרטראַכט און פאַרקוקט, און מיט אַמאָל גיט אייך דער צי פון „לאַין" אַ טרייסל און באַלד שיסט פון וואַסער אַרויס אַ פיש, ווי אַ טאָר־פּעדאָ; ער ברעכט די לופט, שפּרינגט אין אַלע זייטן און פאַרשווינדט מיטן „לאַין" טיף אין וואַסער. איז, ווי קאָן מען פאַרגעסן אַזאַ מאָמענט? — ער בלייבט אויף אייביק אין אייער זכרון און איר לעבט שטענדיק מיט דער האָפענונג איבערצולעבן נאָך און נאָך אַזעלכע מאָמענטן ביים פישן דורך „טראָלינג".

ביים פישן דורך דעם „טראָלינג"־מעטאָד איז וויכטיק אויסצוגע־פינען, צי די פיש זיינען נאָענט צום גרונט, אָדער אין דער הויך פון וואַ־סער. עס איז דעריבער ראַטזאַם, אַז ביים אָנהויבן פישן זאָל איינער פון די פישערלייט לאָזן זיין „לאַין" נאָענט צום גרונט, און דער אַנדערער דאַגעגן, הויך, אונטער דעם צודעק פון וואַסער, ביז ס'וועט זיך אַרויס־ווייזן, וואָס פאַראַ שפּייז די פיש נעמען בעסער. מיט אָט דעם מיטל

באַנוצן זיך גאָר אַ סך ספּאָרטסלייט ווי אויך פּראָפעסיאָנעלע פישער־לייט.

ביים „טראָלן" אין די זיסע וואַסערן איז אַלס צוציאונג־מיטל אויך גוט האַלב־לעבעדיקע שפּייז, למשל אַ פישל, וואָס איז שוין מער טויט ווי לעבעדיק; עס דאַרף אָבער אַזוי גוט צוגעטשעפּעט ווערן, אַז דער פיש זאָל עס ניט קאָנען שנעל אָפּרייסן, ניט אָנרירנדיק אפילו דעם האָקן; די „שפּייז" דאַרף זיך טראָגן גיך נאָכן שיפל, זיך דרייען אין וואַסער און מאַכן במילא דעם איינדרוק ווי זי וואָלט געווען לעבעדיק. דאָס זעלבע איז אויך מיט אַ וואָרים, מיט אַ זשאַבע, מיט אַ שטיקל ווייס חזיר־פעטס, וואָס איז גוט צוצוטשעפּען צו אַ באַוועגלעכן קאָלירטן לעפּעלע, צו וועלכן ס'ווערט צוגעפּעסטיקט אַ גרויסער האָקן. די לעפּעלאַך („ספּינערס") פון כּלערליי גרויס, זיינען זייער נוצלעך און ציען צו די פיש דורך זייער שיינען און בלישטשען אין וואַסער. גאָר אָפט האָב איך זיך באַנוצט מיט אַ בייכל פון אַ קליין „פּערטשל", קאָרעסל, אָדער אַן אַנדער קליין פישל, וואָס איך האָב צוגעטשעפּעט צום „ספּינער" און האָקן און געהאַט דערפאָלג אין „טראָלן", בפרט אין געיעג נאָך העכט. דער עיקר איז ניט צו איילן זיך מיט דעם הויפּט־שלעפּ פון „לאַין". לאָזט דעם פיש זי גוט אָננעמען, גיט אים מער „לאַין", לאָזט אים גיין, רייסט עס ניט אַרויס פון זיינע ציינער, גיט אים נאָך, און דאַן וועט ער זיכער זיין אייער געפאַנגענער. ווען איר פילט דעם פיש און איר זייט שוין מיט אים געקניפּט און געבונדן, דאַן פאָלגט מיך, זייט קאַלטבלוטיק; שטעלט אָפּ דעם מאָטאָר, אָדער שוואַכט אָפּ די שנעלקייט פון שיפל און פירט דעם קאַמף מיט אַ שטייפער „לאַין". לאָזט די מכשירים טאָן זייערס. זיי וועלן שוין דעם פיש אויסמאַטערן און אַריינברענגען. זייט נאָר רואיק און באַמיט זיך עס צו טאָן ריכטיק.

זאָל אייך אָבער גאָט אויסהיטן פון גיין „טראָלן" מיט אַ גאַנצער כאַליאַסטרע פישערלייט. איר וועט זיך דאַן פאַרשטערן אייער תענוג, מחמת צופיל „לאַינס" וועלן זיך אייך נאָכשלעפּן און זיך פּלאָנטערן אין וועג. ווען מען כאַפּט אַ גוטן פיש, איז אויך גוט צו האָבן די מעג־לעכקייט פון פירן מיט אים אַ קאַמף אין אָפענע וואַסערן. מער ווי צוויי „לאַינס" דאַרפן ניט נאָכגיין נאָך אַ שיפל. עס מעגן אין שיפל זיין מער מענטשן, אָבער ניט מער ווי צוויי „לאַינס" דאַרפן באַנוצט ווערן פאַר דעם פיש־פאַנג און דערביי, ווען איינער כאַפּט אַ פיש און

ראנגלט זיך מיט אים, דאַרף דער צווייטער אַריינגעמען זיין „לאַין", כּדי צו לאָזן דאָס וואַסער פריי פון אַלע שטערונגען.

קיין ספק ניט, אַז מען קאָן האָבן אַ סך פאַרגעניגן פון אָט דעם פיש־פאַנג־מעטאָד, אויב מען היט אָפּ די כּללים וואָס זיינען דאָ אָנגעצייכנט געוואָרן. איך ווייס עס פון אייגענער דערפאַרונג פון מיינע פילע פיש־פאַנג־רייזעס דורך „טראָלינג", אויף די וואַסערן פון מינעסאָטאָ, אין געיעג נאָך „פייקס"; אויף די טייכן פון קאַנאַדע, נאָך העכט; אין די ים־וואַסערן נאָך „בלופיש", „סטרייפּט בעס", און „מאַקערעל"; אויף די וואַסערן פון גאָלף אין פלאָרידאַ, נאָך „טראַוט" „קינג פיש", און „גרופּער", און אויף מיין היימישן טייכל, נאָך „פּערטש", „העכט", און „בעס" מכּל המינים. ווער שמועסט נאָך פון אַ סך מאָל „טראָלן" נאָך „מאַסקים", „סנוק", „נאָרדערן פּייק" און אויך נאָך אַנדערע מינים פיש אין אייראָפּעאישע וואַסערן. אומעטום האָב איך זיך באַנוצט מיט דעם מעטאָד פון „טראָלן" און געהאַט פון דעם אַסך פאַרגעניגן ביים ספּאָרט פון פיש־פאַנג

ג.

און איצט קום איך אייך באַקענען מיט דעם מעטאָד פון פיש־פאַנג, וואָס הייסט „באַיט־קעסטינג". כּדי דעם מעטאָד אָנצואווענדן, טאַקע ממש אויף צו פאַנגען פיש, מוז מען זיך לערנען און טאַקע אָפּגעבן אַביסל צייט אויף פּראַקטיצירן און פאַרפולקאָמען זיך. דער דאָזיקער מעטאָד איז ניט קיין נייער, אָבער אויך ניט קיין גאָר אַלטער. עס זיינען נאָך היינט צו טאָג פאַראַן אַזעלכע לענדער, ווי אַפילו די שווייץ למשל, וואו די פיש־פאַנגער זיינען כּמעט ניט באַקאַנט מיט דעם מעטאָד. וואָס זאָל מען שוין זאָגן וועגן ווינציקער אַנטוויקלטע לענדער אויף דער וועלט? פאַראַן אויך מיליאָנען פישערלייט דאָ אין לאַנד, וועלכע הויבן זיך גאָרניט אָן צו אינטערעסירן מיט אַזאַ מעטאָד ווי „באַיט־קעסטינג", הגם זיי זיינען פּאַרקאָכטע ספּאָרטסלייט. באמת זיינען די וואָס האָבן זיך אויסגעלערנט און פאַראינטערעסירט מיט דעם מעטאָד אין אַ פיל בעסערער לאַגע, פון די וואָס קאָנען אים ניט. זיי, די „קעסטערס", האָבן די שפּיל ווי פאַרגרעסערט און פאַרבעסערט. זיי קאָנען אַראָפּ פון טייך, נאָך שעהן־לאַנגן פישן, ווען עס איז ניטאָ קיין זכר פון אַ בייסנדן פיש, אינגאַנצן צופרידענע, בעת די אַנדערע פישערלייט, אין אַזאַ סיטואַציע,

זעען אוים מיד פון לאנגווייליקייט; זיי, די „קעסטערס", האָבן אחוץ פיש־פאַנג, געטאָן עפּעס די גאַנצע צייט; געשאָסן ווי פון אַ ביקס, גע־צילט אין פאַרשיידענע ערטער, געזוכט צו טרעפן געוויסע פּונקטן און פון דעם שפּיל אַליין באמת הנאה געהאַט.

עס טרעפט, אַז דער איינציקער וועג אויף כאַפּן די גרויסע, די געהויבענע פיש־אורחים, איז בלויז דורך „קעסטן" און אַ פישערמאַן וועלכער באַנוצט זיך מיט דעם מעטאָד, האָט דעריבער די אויבערהאַנט איבער די אַנדערע, וועלכע קענען זיך אויף דעם אופן ניט באַנוצן מיט די מכשירים. מיר איז שוין אויסגעקומען צו טרעפן זיך מיט געניטע, גוטע פישערלייט, וועלכע האָבן געמוזט צוזען, ווי מיר אַרבעטן מעשים מיט גרויסע „בעס" און טאַקע אויך באַוואונדערן אונזער קונסט, בעת אַליין האָבן זיי ניט געקאָנט זיך באַטייליקן דערביי, מחמת זיי האָבן קיינ־מאָל ניט באַמיט זיך אויסצולערנען דעם מעטאָד פון „קעסטן". בכלל איז דער מעטאָד אַ העכסט אינטערעסאַנטער און איז אַנטוויקלט צו אַ באַזונדערער קונסט. ס'זיינען פאַראַן שוין אויך אַזעלכע פישערלייט, וועלכע לאָזן זיך אויף דעם טייך בלויז צוליב דעם „קעסטן" און זיינען גאָר ווייניק פאַראינטערעסירט אין פיש־פאַנג גופא. ס'קומען אפילו פאָר אין לאַנד אויסשטעלונגען, אויף וועלכע קינסטלער־עקספּערטן באַווייזן פאַר טויזנטער צושויער פאַרשיידענע קונצן מיט די מכשירים פאַר „קעסטינג", און רופן אַרויס באַוואונדערונג מיט זייער אַרבעט.

דער מעטאָד פון „קעסטן" באַשטייט אין דעם, וואָס צו אַ קורצער ווענטקע ווערט צוגעטשעפּעט אַ ספּעציעל שפּאָלעכל (ריעל) מיט אַ פיינער „לאַין", וועלכע לויפט אַרויס פריי און ניט געשטערט און צו דער ענד פון „לאַין" ווערט אָנגעטאָן אַ „פּלאָג". יעדער וואָרף הייסט אַ „קעסט". די גאַנצע תורה באַשטייט אין דעם, וואָס די האַנט וואַרפט דעם „פּלאָג" מיט אַזאַ שוואונג, אַז ער שניידט דורך די לופט און פאַלט אויף דעם באַשטימטן פּונקט. מיט דער צייט לערנט מען זיך אוים צו וואַרפן ווייט און פּינקטלעך, צו טרעפן לייכט און שיין אין ציל. ערשט דאַן, ווען מען לערנט זיך אוים ווי אַזוי צו באַנוצן זיך מיט דער ספּעציעלער ווענטקע, פאַנגט זיך אָן דער פּראָצעס פון כאַפּן פיש דורך דעם מיטל.

אויף אויסשטעלונגען איז מיר אויסגעקומען צו זען, ווי שטאַרק ס'איז אַנטוויקלט די פּינקטלעכקייט ביי דער קונסט פון „קעסטן", און ווי אַזוי ספּעציאַליסטן האָבן באַוויזן צו טרעפן דעם „פּלאָג" אָן האָקנס

און אַרויסשיסן אַ סיגאַרעט פון דעם מויל פון איינעם, וואָס איז גע־שטאַנען פּופּציק אָדער זעכציק פוס די ווייט; צו טרעפן אין ציל, וואָס איז גרויס ווי אַ פּענע און צו שיסן וואוהין נאָר דער עולם פאַרלאַנגט, פּונקט ווי פון אַ ביקס. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס זיינען די דערגרייכונגען פון טשעמפּיאָנס, וועלכע שלאָגן יעדעס יאָר נייע רעקאָרדן אין פּינקטלעכ־קייט און ווייטקייט. עס איז דערביי אומבאַדינגט נויטיק צו האָבן די וועגטקע פון בעסטן מאַטעריאַל און דאָס שפּאָלעכל („ריעל") זאָל זיך באַוועגן ווי אַ זייגער. זאָל זיך גאָט מרחם זיין, ווען דאָס שפּאָלעכל איז ניט מיט אַלעמען. אין אַזאַ פאַל איז בעסער ניט אָנצוהויבן, ווייל אייער מי וועט טויגן אויף כּפּרות.

דאָס שפּאָלעכל מוז זיין אָנגעשטעלט ווי אַ פידעלע, מחמת אין קעגנפאַל וועט עס ניט שפּילן ריכטיק, אייך נאָך אָפּטאָן אויף צו להכעיס און פון הנאה האָבן איז דאָך שוין אָפּגערעדט. אָבער ווען אַלץ איז אין אָרדענונג, דאָס שיפל לאָזט זיך לאַנגזאַם שווימען פּאַראַלעל מיט דעם ברעג, צו די ערטער, וואו מען איז חושד אַז פיש דרייען זיך דאָרט אַרום; ווען דאָס שפּאָלעכל פאַרהאַקט זיך ניט און יעדער שאָס טרעפט פּינקטלעך — דאַן קאָן מען ערשט ריכטיק אָפּשאַצן דעם באַדייט פון אָט דעם „פישינג"-מעטאָד.

ווער קאָן דען איבערגעבן דאָס געפיל פון צופרידנקייט בעת דער שפּיל, ווען איר פאַרוואַרפט און ברענגט צוריק אַריין די „לאַין" און ווען יעדער ריר פון שיפל ברענגט אייך צו נייע ערטער. אַזוי גייען שעהן און איר ווערט פאַרוואַנדלט ווי אין אַ יעגער, און אַלע אייערע חושים ווערן פאַרטאָן, פאַרקניפּט אין דעם אינטערעסאַנטן שפּיל פון „קעסטן".

עס איז אָבער ניט נאָר אַ שפּיל. ס'זיינען פאַראַן פיש, וואָס ווייזן אַרויס אַ באַזונדערן אינטערעס צו די קינסטלעך געמאַכטע „פלאָגס". אַמאָל גייען זיי נאָך און באַטראַכטן די משונהדיקע באַוועגונגען פון דעם „פלאָג", וואָס טונקט זיך און בויגט זיך, שווימט רעכטס און לינקס, אָט גיך און אָט פּאַמעלעך, לויט די מאַניפּולאַציעס פון דער וועגטקע, אין דער האַנט פון פיש-פאַנגער. און פּונקט ווי ס'וואָלט דעם פיש עפּעס צו'כעס'ט, גיט ער אַ כאַפּ דעם „פלאָג" און אַ יאָג, ביז ער ענדיקט אין אַ געראַנגל אויפן וועג פון וואַסער צום שיפל. אַמאָל לאָזן זיך גרויסע „בעס", „העכט", „סנוקס" און „פּייק" נאָך דעם „פלאָג", ווי נאָר ער גרייכט דאָס וואַסער. דער „פלאָג" איז נאָך רעכט ניט נאַס

געוואָרן און דער פיש האַלט זיך שוין צו אים פעסט צוגעשמידט און אַרבעט מעשים זיך צו באַפרייען. יעדער מין „פלאָג", און זיי זיינען דאָ אין די צענדליקער און אפשר הונדערטער, שטעלט מיט זיך פאָר אַ נאָכמאַכונג פון אַ לעבעדיק באַשעפעניש, וואָס געפינט זיך אין דער לופטן, אָדער אין וואַסער. דער „פלאָג" ווערט באַפוצט מיט אַלערליי קאָלירן און ווען מען וואַרפט אים אַרויס, גיט ער טאַקע ווי אַ שאָס פון אַ קויל, אָבער ווען מען ברענגט אים צוריק, דאַן דאַרף ער נאָכמאַכן ביים שווימען אַ לעבעדיק באַשעפעניש.

וואָס מער ציטעריק, טאַנצנדיק, בהלהדיק, און איילנדיק דער „פלאָג" איז,אַלץ בעסער זיינען די אויסזיכטן צו פאַנגען אַ גוטן פיש. ביז היינט צו טאָג איז נאָך ניט באַקאַנט, למאַי די גרויסע „שפּיל־פיש" יאָגן זיך נאָך אָט דעם אויסגעשניצטן שטיקל האָלץ. איז עס הונגער, אָדער כּעס? — יאָגן זיי זיך נאָך דעם, ווייל עס שטעלט פאָר אַ געשמאַקן ביסן, אַ לעבעדיק באַשעפעניש וואָס ראַנגלט זיך אין וואַסער, אָדער דאָס מאָדנע טאַנצנדיקע „באַשעפעניש" צערייצט די פיש, ברענגט זיי אַריין אין כּעס און זיי זוכן עס אַוועקצוטרייבן און פאַרשטויסן?

יאָ, עס זיינען פאַראַן וועגן דעם חלוקי דעות. מיר אַליין איז אַמאָל אויסגעקומען צו כאַפּן אַ גרויסן „בעס", וועלכער האָט זיך געוואָרפן אויף מיין „פלאָג" מיט אַ ווילדן שטורעם און ווען איך האָב דעם פיש געבראַכט אין שיפל און גענומען פון אים באַפרייען דעם „פלאָג", איז אין זיין מויל געלעגן אַן ערשט איינגעשלונגענער „בולהעדז", פון אַזאַ גרויס, אַז ער האָט אים ניט געקאָנט אַראָפּשלינגען אין מאָגן. פרעגט זיך, פאַרוואָס האָט דער „בעס" זיך געלאָזט גיין נאָך דעם „פלאָג"? — ווי אַזוי האָט ער געקאָנט זיין הונגעריק, ווען ער האָט געהאַט אַ פולן מויל מיט „בולהעד"? — ניט אַנדערש, נאָר ער איז מסתמא געלעגן אונטער אַ שאָטן און באַקוועם זיך געקוויקט מיטן מאַכל, ווען דער „פלאָג" האָט גענומען מאַכן אַ טומל, פאַלן איבער זיין רו־פּלאַץ, אים שטערן, און ער האָט זיך דעריבער מיט כּעס אַ לאָז געטאָן אָפּטרייבן דעם צעשטערער. אַזוי קאָן מען עס דערקלערן. בין איך אָבער ניט גרייט אָנצונעמען אָט די השערה. ווייל איך גלויב, אַז ווען אַ פיש עסט — פרעסט ער; ער שטאָפּט זיך אָן ווי אַ קעמל און יעדער מין אַכילה וואָס קומט אים אונטער, כאַפּט ער און שלינגט זי איין — אַ „בולהעד", אַ קליין פישל, אָדער אַן אַנדער לעבעדיק טאַנצנדיק באַשעפעניש. פרעגט זיך אָבער: אויב צוליב דעם עסן, טאָ צו וואָס די ווילדע אַטאַקע, צו

וואָס דער אָנפּאַל מיט אַזאַ שטורעם? — איז דער ענטפער, אַז ביידע זאַכן שפּילן אַ ראָלע: אי דער הונגער, אי דער כּעס. אַז דער פיש איז הונגעריק איז ער שוין במילא אין כּעס...

איין זאַך איז זיכער, אַז מיט גלאַט אַרויסוואַרפן דעם „פלאָג" און בלויז דרייען דעם שפּאָלעכל אויף אַריינברענגען אים צוריק — וועט איר כּמעט גאָרניט דערגרייכן. כּדי צו האָבן דערפאָלג, דאַרף מען מיט דעם „פלאָג" מאַכן פאַרשיידענע קונציקע באַוועגונגען, און אויך ניט שטענדיק זיך שיפן און „קעסטן" ביי די ברעגן אָדער אין בוכטעס. ס'זיינען אויך פאַראַן אַ סך ערטער אין מיטן טייך, וואָס האָבן געגוג צודעק און וואו די פיש האָדעווען זיך. אַ ריכטיקער „פלאָג", וואָס טרעפט אין דער ריכטיקער צייט, ברענגט די ריכטיקע רעזולטאַטן. דאַרף מען טאַקע אויספּרואוון. אָט האָב איך גראָד ליב אין אַ הייסן זומער־טאָג, ווען די זון ברענט און ווען די גרויסע פיש שווימען אין דער טיפעניש נעבן די קוואַלן, ניט זייענדיק קיין בעלנים אויף שפּייז — זיך אַרויס־צולאָזן צו די פלעצער אין מיטן טייך, וואו אונטערן וואַסער זיינען דאָ וואָרצלען פוןביימער, וואָס וואַרפן זייערע שאָטנס, און אַהין אַריינצו־שיסן אַ „פלאָג", וואָס רופט שטענדיק אַרויס די „בעס" צו אַ מלחמה, ווי איך וואָלט מיט זיי געהאַט אַ באַשטימטן אָפּמאַך. זיי פאַרפעלן ניט זיך צו באַווייזן און איך פאַרפעל ניט זיי צו באַזוכן ביי יעדער געלעגנ־הייט. עס געלונגט מיר אָבער ניט צו פאַנגען מער ווי איין פיש פון דעם זעלבן פּלאַץ, סיידן ווען אַך קום אַהין ערשט מיט אַ צייט שפּעטער.

די „פלאָגס" זיינען צעטיילט אין אַזוינע, וואָס שווימען אויף דעם וואַסער, אונטערן וואַסער און אין די טיפענישן פון וואַסער; זיי זיינען אַזוי געבויט, אַז זיי זאָלן קענען גרייכן די פיש אין פאַרשיידענע ערטער. ווי איר ווייסט, האָדעווען זיך די פיש אַמאָל אויף דעם גרונט, אַמאָל אין מיטן וואַסער, און אַמאָל גאָר פון אויבן, אויף דער פלאַך פון טייך. דאַרף מען באַשטימען, צו גרייכן זיי לויט די אומשטענדן. אָבער דער גרעסטער פאַרגעניגן איז, ווען זיי האָדעווען זיך פון אויבן און כאַפּן דעם „פלאָג" אויף דער אויבערפלאַך פון טייך. דאַן זעט איר דעם גאַנצן פּראָצעס און איר לעבט איבער די גאַנצע דראַמע — דעם „קעסט", דעם אָנפאַל, דעם געראַנגל און דעם פאַנג.

ווען איר קוקט אויף דעם טייך, בפרט אין אַ שטילן טאָג, ווען דאָס וואַסער איז גלאַט ווי אַ שפּיגל, און באַמערקט גרויסע רעדער, וואָס ווייזן זיך קליין און ווערן אַלץ גרעסער און גרעסער ביז זיי פאַרשוואונדן,

איז עס אַ סימן, אַז אַ פיש יאָגט זיך נאָך שפּייז פון אויבן. אָדער ווען איר הערט אַמאָל אַ וואָרף, אַ פּליוכע, ווי אַ שטיין וואָלט געפאַלן אין וואַסער, דאַן נעמט די קורצע „קעסטינג"-ווענטקע און לאָזט אַ „פלאָג" צו יענעם פּונקט. איר וועט אַזוי אַרום האָבן אַ גוטע געלעגנהייט צו פּאַקן די חברהלייט, וואָס טומלען אויף דעם וואַסער און שטערן די רו, און דערביי הנאה האָבן פון דעם מעטאָד פון „קעסטן".

ווען אַ פיש ווערט געפאַנגען אויף אַ „פלאָג", איז זייער וויכטיק באַלד אַ גוטן צי צו טאָן די „ליין" דורך דער ווענטקע, כּדי די האָקנס זאָלן זיך גוט פאַרטשעפּען. די גאַנצע צייט מוז די „ליין" זיין שטייף, ניט נאָכגעלאָזן, אָבער אויך ניט צו שטייף, סיידן איר ווילט, אַז דער פיש זאָל אַרויסטאַנצן פון וואַסער הויך אין דער לופטן און מאַכן אַ פּאָר אַקראָבאַטישע שטיק. אויב דער פיש איז אַ מיטגליד פון דער „בעס"-משפּחה, וועט ער עס טאָן, ווי נאָר די „ליין" ווערט געצויגן צו שטייף. אָבער אויב איר זוכט בלויז צו ברענגען אייער פאַנג, אָנשטאָט צו שפּילן, דאַן האַלט אַ שטייפע „ליין" די גאַנצע צייט און שפּילט מיט אים דורך דער שטייפער „ליין". איר קענט דעם פיש אפילו נאָכגעבן, ווען ער שלעפּט שטאַרק, אָבער אַלץ אויף אַ שטייפער „ליין". געדענקט, אַז ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס דער „פלאָג" האָט אויף זיך פון זעקס ביז ניין שאַרפע האָקנס, ווי נאָדלען, געלונגט דאָך גאָר אָפט דעם פיש זיך צו באַפרייען, דורך די שטיק וואָס ער ווענדט אָן אין געראַנגל.

מען דאַרף שפּילן מיט דעם פיש פּאָרזיכטיק און אין דעם שפּיל דורך דער ווענטקע און שפּאָלעכל (ריעל) אויסמאַטערן אים, ביז ער פאַרלירט די כּוחות און בלייבט גרייט פאַר דער נעץ, וואָס ברענגט אים אין שיפל.

עס טרעפט אָבער גאָר אָפט, אַז אויך דער מעטאָד ברענגט ניט קיין רעזולטאַטן. דאַכט זיך, אַז אַלץ איז אין אָרדענונג, דער „פלאָג" טרעפט אין די באַשטימטע ערטער גלייך אין ציל, די באַוועגונגען אויפן וועג צוריק זיינען רייצנדיקע, און פונדעסטוועגן מאַכן זיך די פיש אונטן אין וואַסער ניט זעעוודיק און ניט וויסנדיק. עס גייען אַמאָל דורך גאַנצע שעהן, עס בענקט זיך נאָך אַ שפּרונג פון אַ פיש, נאָך אַ כאַפּ פון אַ הונגעריקן וואַסער-טיגער, אָבער אומזיסט. מען בייט דעם „פלאָג" פון אַזאַ, וואָס זעט אויס ווי אַ שיין פישל אויף אַ זשאַבע; פון אַ זשאַבע אויף אַ „פערטש", אָדער גאָר אויף אַ שלענגל, וואָס שווימט אויפן

וואסער; מען פּרוּאווט אויבן, אונטן, און עס גייט ניט. און פּלוצלינג, ווען איר זייט שוין גרייט אויפגעבן די פּרואוון און אַראָפּ פון טייך, גיבן זיך אַמאָל אַ לאָז די פיש, ווי זיי וואָלטן ניט וועלן איר זאָלט אַוועק אַן אומצופרידענער. איר בעט זיך דאַן גיך איבער און לאָזט זיך אַריינגאַרן און בלייבן אַ סך לענגער, ווי איר האָט בדעה געהאַט. וואָס, וואָס, נאָר צייט אויפן וואַסער שפּילט ניט קיין ראָלע. דער גרעסטער שונא אויפן טייך איז טאַקע נאָר דער זייגער...

מיין בעסטער פאַרגעניגן איז, אַרויסצוקומען זומער גאַנץ פרי, נאָך איידער די זון גייט אויף, און זיך לאָזן אין אַ געגנט וואָס איז אַזוי געפּאַקט מיט וואָרצלען פוןביימער, אַז מען קען קוים דורכפאָרן מיטן שיפל. אַלץ אַרום דרימלט נאָך. ערטערווייז שיילן זיך די ביימער אַרויס פון נאַכט־טוי. דאָס וואַסער איז גלאַט און יעדער פאַל פון „פלאָג" צעשטערט די רואיקייט פון דער געגנט. קיינער שטערט אייך ניט, די פיש זיינען גרייט זיך צו פאַרמעסטן אין כּוחות און די עטלעכע שעהן ביז די זון קומט אַרויס ברענגען אייך אַ סך אָפּפרישונג און באַגייס־טערונג.

ביים פישן דורך דעם מעטאָד פון „בייט קעסטינג" איז פאַראַן די מעלה, וואָס מען דאַרף מיט זיך ניט שלעפּן קיין לעבעדיקע שפּייז, קיין ווערים, אָדער לעבעדיקע פיש, פאַר וועלכע מען דאַרף זאָרגן זיי זאָלן איבערלעבן די היצן, אָפּפרישן דאָס וואַסער, און דאָס גלייכן. אַ קליין קעסטעלע מיט „פלאָגס", אַ פּאָר אַנדערע מכשירים, אַ װענטקע מיט אַ גוטער שפּאָלעכל (ריעל) און איר קענט זיין גרייט צו פישן ווי לאַנג איר ווילט. טייל פּישערלייט לאָזן זיך גאַנץ אָפּט אַרוים מיט איין „פלאָג" און באַמיען זיך אַפילו ניט צו בייטן אָדער אויספּרואוון אַנדערע. עס הייסט: וועלן די פיש טשעפּען דעם „פלאָג", איז גוט; אויב ניט — אַרט מיך אויך ניט; „קעסטן" וועל איך קאָנען מיט דעם „פלאָג" אויך...

עס מיינט אָבער אויך ניט, אַז ביים מעטאָד פון „קעסטן" מוז מען זיך נאָר באַנוצן מיט „פלאָגס". מען קאָן דערביי אויך אָנווענדן כּמעט אַלע מינים קינסטלעכע שפּייז: לעפּעלעך, פעדערן מכּל המינים און אויך לעבעדיקע שפּייז. דער מעטאָד קאָן אַזוי אַרום אויסגענוצט ווערן ביים פיש־פאַנג אויף אַלערליי אופנים און עס זיינען דעריבער פאַראַן צענדליקער טויזנטער פישערלייט, וואָס באַנוצן ניט קיין אַנדערן מעטאָד אַחוץ „קעסטן". גיין פישן, מיינט ביי זיי, גיין „קעסטן". און ס'איז טאַקע דאָ ביי זיי אַ סך וואָס צו זען: אַ שיינער „קעסט", אַ פּינקטלעכער

שאָס, אַ גוטער געראַנגל, און בפרט אַ טיפּע צופּרידנקט מיט גאָטס מתּנה, מיט דעם טייכל און מיט דעם וועלטל אַרום.

יעדער געניטער פישערמאַן האָט זיך זיינע „פלאָגס”, זיינע „פליגן”, זיינע מכשירים און ער גלויבט, אַז אַדאַנק זיי איז ער פּעאיק צו כאַפּן גרויסע און שטאַרקע פיש. ער היט דעריבער די מכשירים ווי אַן אויג אין קאָפּ. ער וועט זיך מיט זיי ניט שיידן, מחמת זיי דערמאָנען אים אין אַ גאַנצער ריי אינטערעסאַנטע און אָנגענעמע פיש־עקספּעדיציעס. זאָל אייך דער אויבערשטער אויסהיטן פון אַרויסזאָגן אַ ביסל אפּיקורסות, וועגן די מכשירים פון אַ פישערמאַן. פונדעסטוועגן האָבן די פישערלייט אָפּט ליב צו רעדן וועגן דעם אופן פון פישן, ניט ווייניקער ווי וועגן פיש־פאַנג גופא. עס איז ווערט צו זען מיט וואָס פאַרא ברען און ענטוזיאַזם זיי פירן זייערע שמועסן אין ספּאָרט־געשעפט, אין „פישינג”־קלוב, ביים טייך, אָדער גאָר אין מיטן ווינטער אַרום דעם פייערפּלאַץ, ווען די וועלט אַרום איז באַדעקט מיט אַ ווייסן שניי־צודעק.

באמת זיינען אין די ספּאָרט־געשעפטן זעלטן פאַראַן מכשירים וואָס טויגן ניט. זיי זיינען אַלע געבויט לויט די אָנווייזונגען פון עקספּערטן, געניטע פישערלייט. עס איז אָבער אַ טעות צו מיינען, אַז יעדער „פלאָג” וועט כאַפּן פיש אומעטום, צו יעדער צייט, אונטער אַלע אומשטענדן. יעדער „פלאָג” האָט זיך זיין פּלאַץ, זיין צייט, און אַפילו זיין טייך און נאָר דורך דערפאַרונג קאָן מען לערנען גענוי וואו און ווען זיך מיט אים צו באַנוצן.

מען דאַרף זיין זייער פּאָרזיכטיק ביים „קעסטן”. עס איז אַ געפערלעכער וואָפן אין האַנט פון „קעסטער”, און קאָן חלילה ברענגען אַ סך שאָדן. דער כּוח פון „פלאָג” ביים וואַרפן דורך דער ווענטקע איז מוראדיק שטאַרק. און פאַרטשעפּען מיט אים אַ פריינט אין שיפל... לאָמיר בעסער ניט טראַכטן וועגן דעם. עס זיינען פאַראַן גוטע פישערלייט, וועלכע שיסן אַ „פלאָג” ווייט, פּינקטלעך און שיין, אָבער איך וועל מיט זיי ניט גיין בלויז דערפאַר, וואָס זיי זיינען ניט גענוג פאָרזיכטיק. זיי באַנוצן זיך מיט אַ זייטיקן „קעסט”, און דאָס איז געפערלעך, ווען עס זיצן אין שיפל אויך אַנדערע. מען דאַרף וויסן, אַז צום אַרויסוואַרפן זיינען דאָ אַלערליי אופנים. מען קאָן עס טאָן איבערן אַקסל, דורך אַ זייטיקן וועג, אָדער אונטערן האַנט. עס איז וויכטיק צו קענען אַלע אופנים, אָבער דער בעסטער אופן, ווען עס איז דאָ אַ פריינט אין שיפל, איז צו וואַרפן איבערן אַקסל; דערצו איז נויטיק

צו האַלטן אַן אויג אויך אויף דעם וואָס ס'טוט זיך אונטערן אַקסל. עס איז אַ וויכטיקער טייל פון לערנען „קעסטן". דער מין ספּאָרט פאָדערט, זיך אויסצוהיטן פון סכנה, מחמת דער „פלאַג" אין די הענט פון אַ געניטן, אָבער ניט פאַרזיכטיקן פיש־פאַנגער, קאָן ברענגען אַ סך צרות. דאָס איז איינער פון די הויפּט־געבאָטן, וואָס מען טאָר אויף קיין רגע ניט פאַרגעסן. עס איז טאַקע דעריבער נויטיק צו האָבן מיט זיך אַ פּאָר מעדיקאַמענטן פאַר גיכער הילף. אָבער ווי גאָט איז אייך ליב, היט זיך ביים קעסטן!

וויל מען זיך נאָר נעמען די מי און זיך אויסלערנען ווי געהעריק צו באַנוצן אַ „קעסטינג"־וועגטקע; וויל מען זיך אויסלערנען דעם שפּיל און זיך אָפּגעבן מיט דעם מעטאָד וואָס הייסט „באַיט קעסטן", — מעג מען זיכער זיין, אַז די אָנרעגונג צום פישן וועט ביי אייך ווערן פאַרשטאַרקט, מער אָנציענד, אַ סך אינטערעסאַנטער, און פאַרזיכערן אייך אַ סך פאַרגעניגן ביים ספּאָרט פון פיש־פאַנג.

ד.

אחרון אחרון חביב: נאָך דעם, ווי מיר האָבן זיך באַקענט מיט די מעטאָדן פון „שטיל פישן", „באַיט קעסטינג" און „טראָלינג", קומען מיר צום פערטן אופן פון פיש־פאַנג — „פלאַי קעסטינג".

עס איז אָנגענומען, אַז אָט דער מעטאָד איז דער פיינסטער, איידל־סטער און אַריסטאָקראַטישסטער, אין פאַרגלייך מיט די אַלע אַנדערע. צו זיין צווישן די, וואָס קאָנען זיך באַנוצן מיט די מכשירים ביים פאַנגען פיש דורך „פלאַי קעסטינג", מיינט צו דערגרייכן אַ הויכע מדרגה אויף דעם געביט. פאַרזוכט מען דעם טעם פון שפּילן און אַריינברענגען אַ פיש אויף דעם אופן, מיינט טאַקע אָנהויבן קוקן אויף אַלע אַנדערע מיטלען פון אויבן אַראָפּ. עס איז שוין באַלד עפּעס ווי באַלאַנגען צו אַ באַזונדער משפּחה ספּאָרטסלייט. פאַראַן פישערלייט, וואָס וועלן בשום אופן ניט פאַנגען קיין פיש דורך די פריער אָנגעוויזענע מעטאָדן; זיי קוקן אפילו גאַנץ אָפּט אויף אַנדערע פישערלייט, ווי אויף קנאַפּע ספּאָרט־לייט, מחמת לויט זיי, קומט אויס, אַז דער איינציקער מיטל פון אמתן פיש־פאַנג־ספּאָרט איז בלויז און נאָר דורך „פלאַי פישינג".

איז עס זיכער, אַז אָט דער מיטל איז אַ גאָר אינטערעסאַנטער און עס פאָדערט זיך פיל קענטעניש מיט אים זיך צו באַנוצן, און ווען מען געווינט אַ שלאַכט מיט אַ היפשן פיש, דורך פאַנגען אים מיט אַ קליין „פליגעלע" אויף אַ זייער גרינגער ווענטקע, איז עס אַ דערגרייכונג, אָבער מען דאַרף אויך ניט איבערטרייבן; עס האַלט נאָך גאָר ווייט פון אַוועקמאַכן מיטן האַנט די אַנדערע מיטלען פון פיש־פאַנג, מחמת אַלע מיטלען האָבן זייער צייט און אָרט.

אייך איז שוין באַקאַנט, אַז די שפייז פון פיל פיש, בפרט פון די מינים נאָך וועלכע פיש־פאַנגער יאָגן זיך שטאַרק, באַשטייט פון פלערליי פליגן. פון אָנהויב פרילינג ביז סוף זומער, איז דער טייך ממש באַלאַגערט מיט פאַרשיידענע פליגן, אַזוינע וואָס קומען אויף דעם וואַסער, און אויך אַזעלכע וואָס קומען פון דעם וואַסער. מחנותווייז לאָזן זיי זיך אַרונטער אין פאַרשיידענע צייטן, אַמאָל גלייך אויף דעם וואַסער און אַמאָל גאָר נאָענט צום וואַסער. אָט די פאַרשיידענע אויס־געפוצטע קאָלירטע פליגעלאַך באַוואַכן דעם טייך און דינען פאַר די פיש אַלס געשמאַקע שפייז.

אַפילו אין לענדער, וואו דער פיש־פאַנג איז נאָך גאָר ווייט אָפּ־געשטאַנען, זיינען די צוויי הויפּט־מיטלען צו פאַנגען פיש, פליגן און ווערים. דאָ, אָבער, האָט מען עס אַנטוויקלט, ממש צו אַ קונסט. די זעלבע פליגעלאַך, וואָס די נאַטור אַליין שיקט אַרונטער צום וואַסער, ווערן קינסטלעך אַזוי נאָכגעמאַכט, אַז ס'איז שווער מיטן אויג צו דער־קענען דעם אונטערשייד.

דאָס פאַנגען מיט אימיטירטע פליגעלאַך הייסט „פלאַי פישינג". דאָס וויכטיקסטע איז, ווי אַזוי אַרויסוואַרפן אויפן וואַסער, אַז עס זאָל זיך אַרונטערלאָזן ווי די אמתע פליגעלאַך טוען עס. ניט נאָר זיך אַרונטער־לאָזן, נאָר אויך דורכמאַכן אויף דעם וואַסער די זעלבע באַוועגונגען, וואָס פליגן מאַכן דורך, ווען זיי באַרירן דאָס וואַסער. דאָס קומט ניט אָן אַזוי גרינג, און אויך ניט דורך דעם, וואָס מען קויפט די נויטיקע מכשירים. פונקט ווי „באַיט קעסטן", אַזוי מוז אויך „פלאַי קעסטינג" פריער פראַקטיצירט ווערן, כּדי צו קענען אַרויסוואַרפן, אי ווייט, אי ניט אַרויסרופן קיין חשד ביי די פיש, אַז דאָס איז עפּעס ניט ווי עס דאַרף צו זיין. אַנדערש פאַרטרייבט מען דעם פיש, וואָס וואַרט אויף אַ פליגעלע, אָנשטאָט אַרויסרופן ביי אים אַ גלוסט נאָך אַ געשמאַקן פרישן ביסן. די מכשירים זיינען געבויט אויף אַזאַ אופן, אַז עס איז

מעגלעך דאָס צו טאָן, ניט אַרויסרופנדיק דעם מינדסטן חשד בײַם אַרײַנ־נאַרן דעם פיש איז דער פּאַסטקע, וואָס באַשטייט פון אַ זייער קלײנעם האָקן, פאַרדעקט אונטער די קליינע פעדערלאַך, וואָס שטעלן צונויף דאָס נאָכגעמאַכטע פליגעלע.

די ווענטקעס פאַר „פלאַי פישינג" זיינען זייער לייכט; זייער לענג איז פון 7 ביז 9 פוס; די וואָג פון 3 ביז 6 אונצעס, און זיינען ענלעך צו אַ בייטש־שטעקעלע. אויך דער שנור פאַר דעם מעטאָד איז אַ ספּעציעלער, און דעריבער טאַקע איז מעגלעך, ווען נויטיק, צו האַלטן אַ צייט־לאַנג אַ „פלאַי לאַין" אויף דער אויבערפלאַך פון וואַסער. עס איז גענוג אָנצושמירן אָט דעם שנור מיט אַ ספּעציעלן פעטס, וואָס לאָזט אים ניט אַראָפּזונקען אין וואַסער. בעתן „פלאַי פישן" איז שטענדיק נויטיק צו האַלטן דאָס אימיטירטע פליגעלע אויף דער אויבערפלאַך, כּדי דערמיט צו קענען ווי געהעריק מאַנעווורירן.

די קונסט פון „פלאַי פישינג" באַשטייט אין לערנען, ווי אַזוי צו קענען אַרויסוואַרפן דעם שנור ווייט און פּינקטלעך צום באַשטימטן פּונקט. דאָס „פליגעלע" שפּילט דעריבער קיין שום ראָל ניט, מחמת די גאַנצע אַרבעט ווערט געטאָן מיט דער הילף פון דער ווענטקע און „לאַין".

די ווענטקע איז געבויט אויף אַזאַ אופן, אַז דער שפּיץ אירער בויגט זיך עלאַסטיש און מאַכט מעגלעך צו שיסן דעם שנור אין פאַר־שיידענע פּונקטן, צו וועלכע מען וויל דערגרייכן מיטן „פליגעלע". אַגב דאַרף מען דערביי ניט אָנווענדן דעם מינדסטן כּוח; מען דאַרף בלויז וויסן, ווי אַזוי צו דיריגירן מיט דעם שנור און דעם געפאַנגענעם פיש. דער פישערמאַן דאַרף אַכטונג געבן, אַז דער שנור זאָל די גאַנצע צייט זיין אַ שטייפער און אָנגעצויגענער. וואָס לענגער עס דויערט דער גע־ראַנגל צווישן דעם פיש און דער ווענטקע, אַלץ שוואַכער ווערט דער פיש. ווען דער פיש שלעפּט שטאַרק, דאַרף מען געדענקען, צו געבן אים וואָס מער „לאַין", אָבער אַן אָנגעצויגענע, מחמת אַנדערש, קען ער מאַכן אַ סוף צו דער ווענטקע. דער פיש איז דאָך שטאַרקער פון דער ווענטקע און דעריבער דאַרף מען ניט מיט אים שפּילן און ניט איילן זיך אים אַרײַנצוברענגען.

קיין שום אַנדער מיטל גיט ניט דעם געפאַנגענעם פיש אַזאַ פרייען וועג אין וואַסער, ווי „פלאַי פישינג". דעריבער איז דער שפּיל מיט אים אַזוי אינטערעסאַנט און ניט אומזיסט זיינען פאַראַן אַזוי פיל פאַר־

קאַכטע אָנהענגער פון „פלאַי פישינג"־מעטאָד. אָפט דויערט אַזאַ מין געראַנגל מיט אַ שפּיל־פיש פון 15 ביז 20 מינוט, ביז מען ברענגט אים אריין אין אַ קליינער האַנט־נעץ. אָן אַזאַ מין נעץ וועט זיך קיין פישער־מאַן ניט אַרויסלאָזן אויף דעם מין פיש־פאַנג.

צווישן די הונדערטער, נאָכגעמאַכטע קאָלירטע פליגעלאַך זיינען פאַראַן צוויי וויכטיקסטע מינים: טרוקענע און נאַסע. ביים פישן מיט אַ „טרוקן פליגעלע" קען מען זען אויף דער אויבערפלאַך פון וואַסער, ווי דער פיש יאָגט זיך נאָך דעם, בעת ביים באַנוצן זיך מיט אַ „נאַסן פליגעלע", קומט דער גאַנצער פּראָצעס פאָר אינעווייניק אין וואַסער, און בלויז דורך דעם צי פון שנור דערפילט מען דאָס פאַרטשעפּען זיך פון פיש.

די מערסטע ספּאָרטלייט באַנוצן זיך מיטביידע מינים „פליגעלאַך". צווישן דעם שנור און „פליגעלע" איז וויכטיק צוצוטשעפּען אַ „לידער" [1] וואָס ווערט געמאַכט פון ניילאָן. אַדאַנק דעם דערזעט ניט דער פיש דאָס צוגעבונדענע „פליגעלע" צום שנור און שרעקט זיך ניט צוצורירן צו דעם ביסן.

די בעסטע צייט פאַר „פלאַי פישן" איז גאָר פרי, אָדער שפּעט אין אָוונט. צו פישן מיט „טרוקענע פליגן" איז אַמבעסטן, ווען דער טייך איז רואיק, אָן אַ שטאַרקן ווינט. אין אַזאַ צייט קען, אי דער פיש, אי דער פישערמאַן זען קלאָר דאָס שווימענדיקע „פליגעלע".

ווי געזאָגט איז „פלאַי פישן" אַ געהויבענער און אַריסטאָקראַטישער אופן פון פיש־פאַנג־ספּאָרט: עס איז כּדאַי צו באַקענען זיך מיט אַלע זיינע איינצלהייטן, כּדי פון אים הנאה צו האָבן.

---

[1] אַ קורצע סטרונע, אויף וועלכער דאָס „פליגעלע" ווערט צוגעטשעפּעט צום שנור, און האָט דעם קאָליר פונעם וואַסער.

אַן עקספּערימענט מיט „בעם"

היינטיקן זומער האָט זיך מיר איינגעגעבן דורכצופירן אַ גאָר אינטערעסאַנטן עקספּערימענט. עס איז אַלעמען באַקאַנט, אַז פיש שרעקן זיך און אַנטלויפן, ווען זיי דערזעען דעם שאָטן פון אַ האַנט, אָדער דערפילן אַ מינדסטע באַוועגונג. אַלץ וואָס מאַכט דאָס וואַסער וויברירן און אַ ציטער טאָן, פאַריאָגט זיי אין זייער באַהעלטעניש. פונדעסטוועגן איז מיר אויסגעקומען אַ סך מאָל צו הערן, אַז מען קאָן פיש צוגעוואוינען, אַז זיי זאָלן זיך ניט שרעקן פאַר מענטשן; זיי מאַכן פיל היימישער און נאָענטער, אָנשטאָט אַז זיי זאָלן אַנטלויפן אפילו פאַר דעם שאָטן פון אַ מענטשן. קיין גרויסער מאַמין אין דעם בין איך ניט געווען. דערפאַר, טאַקע, האָב איך היינטיקן זומער באַשלאָסן די זאַך אויסצוגעפינען און אויסצופּרואוון, כּדי זיך איבערצייגן אין דער מעגלעכקייט פון אַזאַ זאַך.

פון מיין טייכל לויפט אַ קליינער שטראָם און שניידט פאַר זיך אַ וועג אין פעלד אַריין. אין די זומער־חדשים ווערט דאָס טייכל אַזוי שטאַרק אויסגעטרוקנט, אַז דאָס וואַסער רירט זיך קוים ביז עס פאַלט אַריין אין לויפנדיקן טייך. אָבער אין אַנדערע צייטן פון יאָר לויפט דאָס וואַסער גענוג גיך און העלפט אַפילו געוויסע פיש דורכצוגיין פון איין אָרט צום צווייטן. דער שטראָם פאַלט אַריין אין אַ גרעסערן טייך און גיסט זיך צונויף מיט די לויפנדיקע וואַסערן פון איינעם פון די שענסטע טייכן אין אונזער געגנט. אפשר טאַקע דערפאַר האַלט זיך אָט דער קליינער שטראָם אַזוי שטאָלץ און לויפט אָפט מיט אַ סך גדלות צו די אַנדערע וואַסערן.

ניט ווייט פון דעם שטראָם און גאַנץ נאָענט צו מיין זומער־היים האָב איך אויסגעגראָבן אַ ברייטן, אָבער ניט קיין טיפן גרוב, דורך וועלכן דער שטראָם פון טייך זאָל אַריינפאַלן און אַריינברענגען אַהין פּריש וואַסער. עס האָט געדויערט גענוג לאַנג ביז איך בין מיט דעם גרוב פאַרטיק געוואָרן. דעם גרונט האָב איך באַדעקט מיט דינעם, ווייס־געלן זאַמד, געלאָזט דאָס וואַסער דורכשווימען דורך דעם גרוב, און אַזוי אַרום אים פאַרזיכערט מיט פּריש, לויפנדיק וואַסער. מיט גרויס פאַרזיכטיקייט האָב איך געבראַכט פון טייכל צען „בעם" פון פאַר־שיידענעם עלטער און גרויס, און האָב זיי אַריינגעלאָזט אין גרוב אַלס געפאַנגענע. איך האָב געהאַט די פולשטענדיקע מעגלעכקייט זיי צו

אָבסערווירן און זיך צוקוקן צו אַלץ וואָס עס קומט פֿאָר מיט מײַנע „בעס" אין געפֿענגעניש, בפֿרט אין די ליכטיקע זוניקע טעג.

די ערשטע פּאָר טעג זײַנען מײַנע „בעס" כּמעט ניט אַרומגעשוואומען. זיי האָבן דערשראָקענע ווי באַהאַלטן זיך אין די ווינקלען פֿון גרוב. אויב עמעצער האָט זיך צו זיי דערנענטערט, האָבן זיי זיך געשטופּט אין די ווענט פֿון גרוב, ווי זיי וואָלטן ציטערנדיק געטוליעט זיך איינער צום אַנדערן. קיין עסן האָבן זיי ניט גענומען. אַפֿילו אַן אַרונטערגעלאָזטער גראָבער, פֿעטער וואָרים, וואָס נאַטירלעכערהייט דערגרייכט ער זעלטן ווען ביז צום גרונט פֿון אַ טײַך, מחמת די פֿיש שלינגען אים איין אין מיטן וועג — איז יעצט פּאַמעלעך אַראָפּ צום גרונט און דאָרט געלעגן ניט גערירטערהייט עטלעכע טעג.

ערשט נאָך אַ דריי, פֿיר טעג האָט זיך די לאַגע געביטן, און די „בעס" האָבן אָנגעהויבן נעמען שפּײַז, געוואָרן גרויסע בעלנים אויף קליינע ווערימלאַך און זיך געלאָזט גראָבן און זוכן עסנוואַרג. זיי האָבן אָבער נאָך אַלץ געזוכט אַן אָרט וואו זיך צו באַהאַלטן, נאָכדעם ווי זיי האָבן איינגעשלונגען אַ וואָרים. ווי נאָר מען פֿלעגט צוקומען צום גרוב, פֿלעגן זיי אַנטלויפֿן אין די ווינקלען, און ווי נאָר דאָס ווערימל פֿלעגט אָנהייבן פּאַמעלעך זיך אַרונטערלאָזן צום גרונט, פֿלעגט זיך אַ פֿיש אַ יאָג טאָן מיט אַ בליץ־שנעלקייט, אַ כאַפּ טאָן דאָס ווערימל און ניט ווערן — צוריק אין באַהעלטעניש. זיי זײַנען געווען נאָך גאָר ווייט פֿון ווערן צוגעוואוינט צו מענטשן.

מיט אַ צײַט שפּעטער, האָב איך באַמערקט, צו מײַן גרויסער איבעראַשונג, אַז מײַנע געפֿאַנגענע „בעס" האָבן אָנגעהויבן זיך אויפֿפֿירן גאָר אַנדערש ווי פֿריער. ווי נאָר עמעצער פֿלעגט צוקומען צום גרוב, און ווען די טריט פֿלעגן אַביסל אויפֿטרייסלען די ערד אַרום, האָבן זיך די „בעס" געלאָזט שווימען גראָד אין דער זײַט וואו די מענטשן באַווײַזן זיך, אָנשטאָט ווי פֿריער צו אַנטלויפֿן און זיך באַהאַלטן אין די ווינקלען. מעגלעך, אַז דאָס וואָס מען איז קיינמאָל ניט געקומען צו זיי מיט ליידיקע הענט האָט געהאַט אַ סך צו זאָגן, אָבער עס איז אַ פֿאַקט, אַז זיי פֿלעגן אַרויס פֿון באַהעלטעניש און זיך אויסשטעלן אין אַ ריי איינער לעבן דעם אַנדערן, מיט אויגן געווענדט צו דעם מענטשן בײַם ברעג פֿון גרוב. מען האָט געקענט באמת זען און פֿילן, ווי זיי ווילן ניט פֿאַרפֿעלן די מינדסטע באַוועגונג פֿון דער האַנט וואָס דאַרף אַרויסוואַרפֿן אַ ווערימל. עס איז געווען קלאָר, אַז זיי האָבן אינגאַנצן פֿאַרלוירן זייער

אַמאָליקן פּחד. קינדער פלעגן אַרומרינגלען דעם גרוב און וואַרפן זיי פּלערליי עסנוואַרג — ווער אַ פליגעלע, ווער אַ ווערימל, ווער אַ זשאַבע און ווער אַפילו אַזוינס, וואָס דער פיש האָט פון דעם קיין הנאה ניט געהאַט, ווי שטיינדלאַך און ביינדלאַך. עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז זיי פלעגן שפּרינגען נאָך אַ ווערימל, וואָס מען האָט געהאַלטן נאָענט צום וואַסער, און דערנאָך אַפילו גענומען דעם וואָרים גלייך פון דער האַנט, אָן קיין שום מורא, אָט ווי אַ הינטל וואָלט גענומען אַ זערנע פון האַנט.

ווען איך פלעג זיי טרעפן וואַרטנדיק אויף מיר, אַרויפגעשוואומענע אויף דער פלאַך פון וואַסער, — פלעג איך זיך לאָזן גיין אַרום דעם גרוב, צו געפינען פּאַר זיי אַ נאַשעריי — אַ זשאַבע. זיי פלעגן מיר נאָכשוואומען, ווי הינער וואָס גייען נאָך דעם שפּייזער, ער זאָל פּאַר זיי אַרויסוואַרפן קערנדלאַך צום עסן; נאָכגעשוואומען און ניט אַראָפּגענומען די אויגן פון מיר. עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז איך האָב בלויז מיט דער באַוועגונג פון מיין האַנט געקאָנט זיי מאַכן שווימען אין וועלכער ריכטונג איך האָב נאָר געוואָלט.

ווער האָט זיך עס געקאָנט ריכטן, אַז דאָס זיינען געווען די זעלבע ווילדע, גרויס־מוליקע „בעס", מיט וועלכע ספּאָרט־לייט זוכן צו פאַרפירן אַ קאַמף אין שפּיל פון פיש־פאַנג! ווער וואָלט עס געקענט גלויבן, אַז מען קאָן זיי מאַכן עסן פון האַנט, אַז מען קאָן זיי אַזוי פאַרהיימישן! אָבער עס איז אַ פאַקט. איך האָב זיך אין דעם איבערצייגט און אויך מיט דער צייט באַוויזן צו איבערצייגן אַ סך באַקאַנטע פישערלייט, וועלכע האָבן ניט געגלויבט, ביז זיי האָבן עס געזען מיט די אייגענע אויגן.

פון דעם דאָזיקן עקספּערימענט האָבן מיר נישט נאָר געלערנט, אַז פיש קאָן מען צוגעוואוינען און אויסלערנען אַזוי ווי פאַרשיידענע חיות, נאָר מיר האָבן באמת דעם גאַנצן זומער זיך פיל אַמוזירט. איך אַליין האָב שעהן־לאַנג אי זיי אָבסערווירט, אי פאַרבראַכט מיט זיי. אַמערסטנס איז אינטערעסאַנט געווען צו זען, ווי נאָכדעם ווי איך האָב זיי אָנגעהאָדעוועט און זיי האָבן מער קיין שפּייז ניט געוואָלט נעמען, פלעגן זיי ערשט דאַן אָנהייבן אַרומלויפן איבערן גרוב, יאָגנדיק איינער דעם צווייטן, ווי זיי וואָלטן געשפּילט צווישן זיך. צייטנווייז, האָבן זיי געקאָנט אָפּשטיין שעהן לאַנג און זיך ניט רירן פון אָרט. ווען די זון האָט שטאַרק געברענט זיינען זיי שטענדיק געווען אויף דער זייט פון שאָטן, פּונקט ווי מיר זוכן אָפּט זיך צו באַהאַלטן פון דער ברע־

נענדיקער זון. זיי פלעגן רעאַגירן אויף דער מינדסטער באַוועגונג פון וואַסער. דאָרט, וואו דאָס וואַסער פלעגט אַריינפאַלן פון שטראָם אין גרוב, האָבן זיי אַממערסטנס ליב געהאַט צו שטיין. ניט אַנדערש, אַז דאָס וואַסער טראָגט מיט זיך אַריין עפּעס, וואָס ברענגט זיי באַקוועמלעכ־קייט. איך האָב אַמאָל אין גרוב אַריינגעוואָרפן ווייטרויבן און זיי פלעגן זיי איינשלינגען און באַלד אויסשפּייען. מער פון אַלץ האָבן זיי ליב גע־האַט לעבעדיקע פישלאַך. אַ טויט פישל פלעגן זיי איינשלינגען און באַלד אויסשפּייען. אָבער דער גרעסטער פאַרגעניגן איז געווען צו זען, ווי זיי שווימען צו צום ברעג און נעמען פון דער האַנט אַ ווערימל אָדער אַ פליגעלע אָן שום שרעק, אָן פּחד.

ווען דער זומער איז אַוועק, האָב איך די „בעס" מיט אַ נעץ אַרויסגענומען פון זייער זומער־גרוב, כּדי זיי אַריינצולאָזן צוריק אין טייך. און מיר האָבן געפילט, ווי מיר וואָלטן זיך געזעגנט מיט ליבע פריינד. האָבן מיר דאָך צוזאַמען מיט זיי דורכגעלעבט די זומער־חדשים, און פון ווילד פרעמדע געוואָרן נאָענטע און היימישע. וואָלטן מיר געווען געהאַט די זיכערקייט, אַז זיי וועלן דורכלעבן דעם ווינטער אין גרוב אַליין, וואָלטן מיר זיי דאָרט געלאָזט. אָבער מיר זיינען אין דעם ניט געווען זיכער און דערפאַר מיט זיי זיך צעשיידט.

ווי לאַנג די אַרויסגעלאָזענע „בעס" זיינען געבליבן שטילע און היימישע אין גרויסן טייך, ווייס איך ניט. זיכער איז, אַז לאַנג אין דעם צושטאַנד זיינען זיי ניט געבליבן. דער קאַמף פאַר זייער קיום האָט זיי זיכער געבראַכט צוריק צו דער ווילדקייט און יאָגעניש נאָך אַלץ וואָס האָט פאַרזיכערט זייער עקזיסטענץ.

ווען עמעצער זאָגט אייך (אזוי ווי איך אַליין פלעג עס זאָגן), אַז עס איז ניט מעגלעך צו פאַרהיימישן ווילדע „בעס" — זאָלט איר ניט גלויבן, ווייל עס איז יאָ מעגלעך. אָט זעט איר דאָך.

פיש און זייערע מאכלים

די עיקר־פראַגע וואָס אינטערעסירט פיש־פאַנגער און אויך וועל־כער זיי זוכן אַן ענטפער, איז: „ווי הונגעריק זיינען היינט די פיש?" „בייסן זיי?" — דאָס איז די באַגריסונג מיט וועלכער איינער ווענדעט זיך צום צווייטן. ווייל ווי שטאַרק מען זאָל ניט זיין פאַרקאָכט אין דעם ספּאָרט גופא פון פאַנגען פיש, וויל דאָך קיינער ניט גיין סתּם זיך אַזוי אַוועקזעצן און געדולדיק וואַרטן ביז עס וועט זיך באַווייזן אַ סימן פון אַ פיש — און אַמאָל אַפילו דאָס אויך ניט. ווייסן דעריבער אַלע, וואָס גיבן זיך אָפּ מיט פיש־פאַנג, אַז ווען פיש בייסן ניט, איז פאַרפאַלן. ניטאָ קיין מיטל וואָס זאָל זיי מאַכן צום בייסן.

אמת, עס איז טאַקע דאָ אַזוי פיל פון וואָס הנאה צו האָבן אויף אַ פיש־פאַנג עקספּעדיציע. למשל, די אַטמאָספערע אַרום, די לופט, די פייגל, דער הימל, דאָס וואַסער — אָבער אָן אַ פיש מיט וועמען זיך צו ראַנגלען, איז עס פּונקט ווי צו זען אַ שיינע סצענע מיט אַלע אויס־געשטעלטע דעקאָראַציעס, אָן דעם טעאַטער־שפּיל...

וואָס וואָלט אַ פישערמאַן דען ניט געגעבן אויף צו זיין זיכער, אַז ווען ער קומט כאַפּן פיש, וועלן זיי זיין גרייט פאַר זיין האָקן און וועלן זיך יאָגן נאָך זיין צוציאונג־שפּייז, כּדי ער זאָל ניט דאַרפן אַהיימ־גיין אַן אַנטוישטער! מען פאַרגעסט אָבער, אַז גראָד די ניט זיכערקייט, גראָד די ניט באַשטימטקייט, איז דאָס אָנציענדע וואָס רופט און פירט צום טייך מיט דעם „טאָמער", „אפשר וועט היינט זיין די ריכטיקע צייט". דערווייל רייסט מען זיך אָפּ פון דער טומלדיקער וועלט; מען פאַרקלייבט זיך אין אַ שטילן רואיקן ווינקל אויף אַ וואַסער; מען באַפרייט זיך פון אַלע טאָג־טעגלעכע זאָרגן און דאגות און מען רוט אויס דעם גוף און די נשמה.

עס איז אָנגענומען, און עס איז כּמעט איבערגעגעבן געוואָרן פון דור צו דור, אַז דער גאַנצער ענין פון כאַפּן פיש איז תּלוי במזל. כאַפּט איינער פיש, איז עס אַ סימן אַז דער מזל האָט אים היינט צוגעשפּילט; קומט ער אַהיים מיט ליידיקן, האָט ער קיין מזל ניט געהאַט. וואָס מער אָבער מען דרינגט אַריין אין דעם ענין, וואָס מער מען ווערט פאַרכאַפּט און פאַרטאָן אין דעם מין ספּאָרט, אַלץ מער פילט מען, אַז עס איז נאָך פאַראַן אַ סך צו וויסן און צו לערנען איידער דאָס מזל מישט זיך אַריין.

איך האָב ניט בדעה צו זאָגן, אַז אַפילו געניטע פישער־לייט האָבן שוין פאַרענטפערט אַלע פראַגן אויף דעם געביט. נאָך יעדער פראַגע וואָס ווערט פאַרענטפערט, וואַקסן אויס פיל מער נייע, וואָס וואַרטן אויף אַן ענטפער. און אויך דאָס וועקט דעם אינטערעס און צווינגט צו טראַכטן. ווייל טאַקע, וואָס מאַכט די פיש אַמאָל צום יאָגן זיך נאָך שפייז, ווי ווילדע, און וואָס מאַכט זי פלוצלינג אויפצוגעבן זייער געיעג? — פאַרוואָס בייסן זיי אָפט גאָר פרי און טיילמאָל גראָד בייטאָג, אָדער גאָר שפעט ביינאַכט? — פאַרוואָס בייסן זיי בעסער אין גאָר פינצטערע נעכט, ווי אין ליכטיקע? — פאַרוואָס טרעפט צייטנווייז, אַז מען קען קיין פיש בשום אופן ניט פאַרנאַרן, ווען מען שפאַרט זיי אַפילו דאָס עסנוואַרג גלייך אין מויל אַריין, און אַן אַנדערש מאָל אַטאַקירן זיי די אכילה ווי נאָר עס באַרירט דאָס וואַסער?

מען קען שטעלן נאָך און נאָך אַזעלכע פראַגן אָן אַן ענד. דאָס זיינען דאָך די סודות וואָס יעדער פישערמאַן זוכט, אויסצוגעפינען, און דערביי שאַפט יעדער איינער זיינע אייגענע תירוצים, דערקלערונגען, טעאָריעס, וואָס בייטן זיך, אויב ניט מיט יעדן מאָל, איז מיט יעדן נייעם סעזאָן. יעדע „פישינג"־רייזע שאַפט אָדער נייע פראַגן, אָדער נייע ענטפערס אויף אַלטע פראַגן. און גלויבט מיר, אַז אָט די אַלע פראַגן און פּראָבלעמען האָבן אַ גרויסן חלק אין דעם ענין פון אַריינשלעפן דעם פיש־פאַנגער טיפער אין דעם שפיל און מאַכן עס מער פאַרכאַפנדיק און אינטערעסאַנט.

איינער פון די מיטלען וואָס ווערט שטאַרק באַנוצט פון אַ סך פיש־פאַנגער, כדי אויסצוגעפינען וועלכע שפייז די פיש באַנוצן אַם מערסטנס, איז צו עקזאַמינירן די מאָגנס פון געכאַפטע פיש. לויט די מאכלים, וואָס געפינען זיך אין זייערע מאָגנס, דערוואויסט מען זיך, מיט וועלכער צוציאונג־שפייז מען קאָן זיי גרינגער פאַרנאַרן. צייטנווייז, געפינט מען קליינע פישלאַך אין זייערע מאָגנס; אַמאָל ווידער, בלויז פליגן אָדער „גרייפיש", וואָס קוקן אויס ווי קליינע לאַבסטערלאַך. וויסנדיק, אַז אין געוויסע פעריאָדן יאָגן זיך די פיש נאָך געוויסע מאכלים, איז, פאַרשטייט זיך, גרינגער צו באַשטימען מיט וועלכע שפייז מען קען זיי בעסער כאַפּן.

מען קען פשוט נשתומים ווערן וועגן דער גרויסער צאָל פישער־לייט וואָס נעמען זיך די מי דורך די דאָזיקע מיטלען צו שטודירן די מאכלים, און ווי מער דערפאָלגרייך זיי זיינען, ניט נאָר אין כאַפּן

פיש, נאָר אויך אין בעסער קענען די נאַטור פון די געכאַפּטע. און נאָך אַלעמען, איז דאָך דער גאַנצער פּראָצעס אָפּהענגיק פון דער אכילה; פון דעם עסנוואַרג, נאָך וועלכן די פיש יאָגן זיך און אַ דאַנק וועלכן די פישערלייט כאַפּן זיי. פונדעסטוועגן קען קיין שום פישערמאַן לכתחילה ניט זיין זיכער ביים פאַנג, הגם, ער ווייסט שוין ווי אַזוי צו באַנוצן זיך מיטן עסנוואַרג פאַר די פיש. עס מוז נאָך אַריינגענומען ווערן אין חשבון אַ סך געוואוינהייטן פון די פיש אַליין, ווי אויך אַנדערע עלעמענטן וואָס האָבן צו טאָן מיט דער שטימונג אַזוי צו זאָגן, אין וועלכער די פיש געפינען זיך.

ווען פיש זיינען קליין, דערנערן זיי זיך כמעט אַלע אויף דעם זעלבן אופן. זיי האָדעווען זיך אַלע אויף דעם, וואָס ס׳געפינט זיך אין וואַסער און וואָס איז גרוים גענוג פאַר קליינע פישעלאַך איינצושלינגען. ערשט ווען זיי וואַקסן אויס, ספּעציאַליזירן זיי זיך אויף פאַרשידענע מאכלים. עס איז גענוג, למשל, צו נעמען אַ ריין גלאָז און אָנשעפּן וואַסער פון טייך, אַז מען זאָל מיט אַ נאַקעטן אויג זען אין דעם גלאָז אַסך קליינע, באַוועגלעכע גרינסן און באַשעפענישן, בפרט ווען דאָס גלאָז ווערט געשטעלט פאַר דער שיין פון ליכט. די גרינע פינטעלאַך וואָס רירן זיך אין גלאָז, זיינען פלאַנצן און קליינע באַשעפענישן וואָס שטעלן צונויף די הויפּט־מאכלים פאַר די יונגע פישעלאַך. אויך גרויסע פיש האָדעווען זיך גאַנץ אָפט אויף אָט די מאכלים. עס איז אַ פאַקט, אַז ווען דער פיש אָטעמט אַריין וואַסער, לאָזט ער עס אויך אַרויס, אָבער ער פאַרהאַלט די באַשעפענישן און די פלאַנצן אין זיך דורך אַזאַ מין זיפּ וואָס געפינט זיך אין זיין מויל. נאַטירלעך, ווען די פיש ווערן גרעסער, פאַנגען זיי אָן זוכן בעסערע מאַכלים און באַנוצן זיך זעלטענער און זעלטענער מיט דער פריערדיקער שפּייז.

ווען די פיש אַנטוויקלען זיך און ווערן לענגער, גרעסער, דיקער, רייסן זיי זיך אָפּ פון די מאַכלים אויף וועלכע זיי האָבן זיך פריער אויפגעהאָדעוועט און יעדער מין קאָנצענטרירט זיך אויף מער ווייניקער באַשטימטע שפּייזן. העכט, למשל, עסן כמעט בלויז קלענערע פיש. זיי זוכן זיי אומעטום; זיי יאָגן זיי איבערן טייך; באַהאַלטן זיך ווי רויבער און ליגן גרייט צו באַפאַלן די שוואַכערע און קלענערע פישעלאַך. די גרויסע און קליין־מויליקע „בעס" שטילן זייער הונגער מיט „גרייפיש" און ביי אַ געלעגנהייט כאַפּן זיי זיך אויך צו צו אַן אַנדער קליין, פריש, און לעבעדיק פישל. זיי גראָבן זיך איין נאָך די „גרייפיש" טיף מיט

זייער מויל אזוי, אז אָפט ווען מען כאַפּט זיי, קאָן מען דערזען אַרום זייער מויל ממש אָפּגעריבענע ליפּן, וואָס קומט פון גראָבן צווישן שטיינדלעך אויפן גרונט, כדי צו כאַפּן די אַרומקריכנדיקע פיל פּיסיקע און גרויס נעגלדיקע „גרייפיש". אין סעזאָן פאַרבייסן זיי אויך מיט קאָלירטע פליגעלאַך. „טראַוט" האָדעווען זיך אויסשליסלעך אויף אינ־סעקטן און אויף דעם וואַסער. „פּוירטש" און „בולהעדז" קלייבן ניט איבער; זיי עסן אַלץ וואָס עס גייט אַריין אין צעטל פון פיש־מאַכלים. ניט אומזיסט זעען זיי טאַקע אויס זאַט און צופרידן.

די אַכילה פון פאַרשיידענע פיש האָט אַ סך צו טאָן מיט דער צייט פון יאָר, ד"ה, וואָס פאַר אַן עסנוואַרג יעדע צייט שטעלט זיי צו. למשל, אין אָנהויב חודש יוני ווייזן זיך אויף די וואַסערן אַזויפיל פליגן און פליגעלאַך, אַז די פיש אין טייך פילן אָן מיט זיי זייערע מאָגנס, און דערפאַר טאַקע איז אין דער צייט פון יאָר דער בעסטער מיטל צו פאַנגען אַלערליי פיש אַדאַנק די פליגן, וואָס ווערן נאָכגעמאַכט פּינקטלעך, ווי די וואָס ווייזן זיך אויפן וואַסער. עס איז אָבער אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אויף ווי ווייט פיש פון דעם זעלבן מין, אין דעם זעלבן טייך, אין דער זעלבער צייט, וועלן זיך האָדעווען אויף פאַרשיידענע שפּייז, ווייל אין זייערע געגנטן געפינט זיך אַ סך פון זייער שפּייז. די זעלבע „פּוירטש", וואָס שווימען אַרום אין אָפענע וואַסערן, האָדעווען זיך אויף דער אַכילה וואָס שווימט אין וואַסער, אָבער די וואָס געפינען זיך אין די באַוואָקסענע, פון פלאַנצן באַדעקטע און פון גרינס באַפּוצטע בעטן, האָ־דעווען זיך אויף אינסעקטן, גראָזן, פּיצינקע פישעלאַך.

פישערלייט זיינען גוט באַקאַנט מיט דעם פאַקט, אַז פיש זיינען זייער איבערקלייבעריש אין זייערע מאַכלים. איין טאָג כאַפּט מען זיי אויף אַ געוויסער שפּייז און דעם צווייטן טאָג ווילן זיי זיך צו דער אייגענער שפּייז אַפילו ניט צורירן. ווען מען בייט אָבער די שפּייז איבער, כאַפּן זיי זיך צו איר מיט אַ סך חשק. ווי אַזוי דאָס צו דערקלערן איז שוין גאָרניט גרינג, אָבער אַז דאָס איז אַזוי, וועלן אַ סך באַשטעטיקן. דער פאַרוואָס בלייבט אַ סוד. למאַי, זאָל אַ געלער „פּוירטש" זיך יאָגן נאָך אַ מאַי־פליג און זיך ניט צורירן צו קיינע פון די אַנדערע באַ־שעפענישן וואָס שווימען אין גאַנצע מחנות אַרום דעם זעלבן פיש? — למאַי ווידער זאָלן גאַנצע גרופּעס פון ווייסע „פּוירטש" זיך האָדעווען אויף די קליינע פליגעלאַך און זיך ניט וועלן צורירן צו אַנדערע שפּייז, וואָס איז אַזוי גרינג צו דערגרייכן?

דאָס איז ווידער איינער פון די סודות, וואָס איז שווער אויסצוגעפינען און וואָס מען זוכט אויף דעם אַן ענטפער. עס ווייזט אויס, אַז פיש ווייסן וואָס זיי ווילן און אויך ווי אַזוי עס צו דערגרייכן. עס איז דעריבער קיין חידוש ניט, וואָס פיש־פאַנגער טראָגן זיך אַרום מיט אַלערליי דערקלערונגען, טעאָריעס, באָבע מעשיות, גלויבנס און אָבערגלויבנס אויף צו פאַרענטפערן אַט די אַלע סודות. ניטאָ קיין צוויי פישערלייט, וואָס זאָלן זיך שטיצן אויפן זעלבן תּירוץ, למאַי די פיש האָבן היינט רעאַגירט אויף איין אָדער אַ צווייטן אופן. איינער באַשולדיקט דעם ווינט; אַ צווייטער — די זון; אַ דריטער — די היץ; אַ פערטער — די לבנה. דערצו איז עס כּמעט אַ באַשטימטע זאַך, אַז עס איז גוט צו פישן בעת עס רעגנט; ווען דער הימל איז פאַרוואָלקנט און ווען עס בלאָזט אַ קליין, וואַרים צפון־ווינטל. אַזוי איז עס אָנגענומען געוואָרן און אַזוי ווערט עס איבערגעגעבן. אַ גאַנצע פאָלקס־ליטעראַטור איז וועגן דעם געשאַפן געוואָרן, מחמת פישערלייט גריבלען זיך, בפרט צו פאַרענטפערן די וויכטיקע פראַגע: וואָס ווירקט אַממערסטן אויף דעם אַפּעטיט פון די פיש? — וואָס מאַכט זיי צום בייסן און וואָס ווירקט, אַז זיי זאָלן זיך ניט צורירן צו קיין שפּייז?

איך קלייב זיך ניט צו אַנאַליזירן די אַלע מיינונגען און ווי פיל מען קאָן בויען אויף זיי. ניט מער, וואָס מיר שיינט, אַז עס האָט אַ שייכות צו זייער בייסן, עסן, אַפּעטיט, און חשק צו שפּייז. עס איז גוט באַקאַנט, אַז די וואַרעמקייט, די טעמפּעראַטור פון וואַסער האָט אַ ווירקונג און אַ שייכות צום ענין. למשל, ווינטער, ווען דאָס וואַסער איז אייז־קאַלט, ווערן אַ גאַנצע ריי מינים פיש איינגאַנצן איינגעדרימלט און נויטיקן זיך ניט אין קיין שפּייז. אָבער ווען דאָס וואַסער אין פרילינג וואַרעמט זיך אָן און די פיש הייבן אָן ווערן רירעוודיק, נויטיקן זיי זיך באַלד אין שפּייז. אַנדערש קאָנען זיי דאָך ניט עקזיסטירן. דערפון איז צו זען, אַז די טעמפּעראַטור פון וואַסער האָט אַ ווירקונג. שטאַרקע היצן וועלן אויך ווירקן, אַז פיש זאָלן פאַרלירן זייער אַפּעטיט, בפרט די פיש וואָס געפינען זיך אין לויפנדיקע, פלאַכע וואַסערן, מחמת אַזעלכע וואַסערן ווערן פיל גיכער אָנגעוואַרעמט ווי דאָס וואַסער אין טיפע טייכן. אַ היץ וואָס האַלט אָן לאַנג, וועט האָבן אַ שלעכטע ווירקונג אויף טיפע טייכן. עס איז זיכער, אַז אַזאַ מין פיש ווי אַ „טראַוט" ווערט שטאַרק אָפּגעשוואַכט אין זיין אַקטיוויטעט, ווען די היץ ווערט זייער שטאַרק.

עס זיינען אָבער אויך פֿאַראַן אַנדערע פֿיש, אויף וועלכע די היץ האָט אַ קלענערע ווירקונג. צו וויסן געגוי, אויף ווי ווייט די טעמפּעראַטור פֿון וואַסער ווירקט אויף אַלערליי פֿיש, איז ניט גרינג. מען פֿאָרשט נאָך דעם ענין. מען האַלט נאָך אין איין עקספּערימענטירן און אין אויסגעפֿינען. עס איז אָבער שוין אַ פֿאַקט, אַז אַזוי ווי די העכערע טעמפּעראַטור אין וואַסער האָט איר ווירקונג אויף דער אויסמישונג פֿון זויערשטאָף, און זינט פֿיש מוזן האָבן זויערשטאָף, פֿאַר זייער אויפֿהאַלטונג, איז צו גלויבן, אַז פֿיש וואָס געפֿינען זיך אין וואַסער, וואו עס איז דאָ ווייניק זויערשטאָף, זאָלן נאַטירלעך באַאיינפֿלוסט ווערן אין זייערע טעטיקייטן און דערביי אָפּשוואַכן זייער אַפּעטיט.

ווייזט אויס, אַז ליכט האָט אויך אַ געוויסע ווירקונג אויף דער אכילה פֿון די פֿיש. ס'איז אַ פֿאַקט, וואָס איז באַקאַנט צו מערסטע פֿישערלייט, אַז אַ סך מינים פֿיש ווייזן אַרויס אַקטיוויטעט אין גיכער נאָך שפּייז, גאָר פֿרי, איידער די זון באַווייזט זיך און אויך ווען די זון האַלט ביים פֿאַרגיין ביז אין טיפֿער פֿינצטערניש. מען וויל דאָס דערקלערן דערמיט, וואָס די פֿיש פֿילן זיך זיכערער אין דער טונקלקייט, ווי אין דער ליכטיקייט, ווען זייערע שונאים קאָנען זיי באַפֿאַלן. מעגלעך אַז דאָס איז אַ ריכטיקע סיבה. אפֿשר טאַקע דערפֿאַר האַלטן פֿיש־פֿאַנגער, אַז אין וואָלקנדיקע טעג זיינען זיי מער מזלדיק. אין רעגנדיקע טעג איז דאָס פֿישן אויך גוט, ווייל ערשטנס שיינט ניט די זון, עס איז טונקעלער און דאָס פֿרישע וואַסער וואָס לויפֿט אַריין אין טייך, ברענגט ווערימלאַך, פֿליגעלאַך, און אַ היפּש ביסל אַנדערע מאכלים, וואָס רייצן געוויס אויף ביי די פֿיש דעם אַפּעטיט צום עסן.

פֿון מיין דערפֿאַרונג ווייס איך, אַז אין אַזעלכע רעגנדיקע טעג איז אַמבעסטן זיך צו האַלטן נאָענטער צו די ברעגן, אַנשטאָט אויף די טיפֿע וואַסערן פֿון טייך. אין אַזעלכע טעג איז מיר אויסגעקומען צו כאַפּן גאַנץ היפּשע פֿיש נאָענט צו די ברעגן, בפֿרט ווען דער רעגן האָט אָנגעהאַלטן עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד. איך האַלט זיך אויך ביי מיין מיינונג, אַז פֿיש עסן צו יעדער צייט ווען עס מאַכט זיך נאָר אַ געלעגנהייט. איך גלויב, אַז ווען פֿיש שטאָפּן זיך אָן מיט פֿולע מאָגנס, רירן זיי זיך ניט צו צו קיין שפּייז, ביז זייערע מאָגנס ליידיקן זיך ווידער אויס, און ערשט דאַן זוכן זיי ווייטער ווי אַזוי זיך ווידער אָנצושטאָפּן. דערמיט דערקלערט זיך אפֿשר, פֿאַרוואָס אין איין צייט רייסן זיי שטיקלאַך פֿון

דער אַכילה און אַן אַנדערש מאָל רירן זיי זיך צו דערזעלבער שפּייז ניט צו.

אַ סך געניטע פּאַכלייט האָבן אָבער וועגן דעם אַן אַנדערע מיינונג. זיי האַלטן, אַז אַ פיש וועט בייסן צו יעדער צייט, אויב נאָר די צו־ציאונג־שפּייז איז ריכטיק פּרעזענטירט. פון דעם קאָנט איר דרינגען, אַז עס פעלן ניט קיין חלוקי דעות צווישן פיש־פאַנגער.

אַ ריי פישערלייט האַלטן שטאַרק פון דעם אַנגענומענעם כּלל, אַז דער ווינט האָט אויך אַ סך צו טאָן מיט דעם אַפּעטיט פון פיש. אַז דאָס איז זיכער ניט קיין גלאַט אויסגעטראַכטע מיינונג וועט אייך יעדער דערפאַרענער פישערמאַן מודה זיין. עס איז געוויס פאַראַן אַן אונטער־שייד אין דער אויפפירונג פון פיש אין וואַסער, ווען דער ווינט בלאָזט פון דרום אָדער פון צפון. עס איז זייער מעגלעך, אַז דאָס האָט אַ שייכות צו די קלימאַטישע ענדערונגען, וואָס דער ווינט ברענגט מיט זיך, אָדער ס'איז פאַרבונדן מיט אַנדערע דערשיינונגען וואָס האָבן צו טאָן מיטן ווינט און וואָס רופן זיך אָפּ מיט זייער ווירקונג אויף די פיש.

עס איז אַ פאַקט, אַז מען ווייסט מער וועגן דער ווירקונג פון ווינט אויף די פיש, אָבער צו די סיבות איז מען נאָך ניט דערגאַנגען. מען ווייסט, אַז ווען אַ ווינטל בלאָזט פון מערב אָדער פון דרום, איז אַ סך בעסער און גרינגער זיך צו פאַרבינדן אין געראַנגל מיט די פיש, מחמת זיי נעמען אויף די שפּייז אָפּטער, ווי ווען דער ווינט קומט פון מזרח אָדער פון צפון. און אויב מען זאָל נאָך צוגעבן צו אַלע טעאָריעס, וואָס טראָגן זיך אַרום צווישן פיש־פאַנגער, אַז דער באַראָמעטער און די לבנה האָבן אויך אַ סך צו טאָן מיט די שטימונגען פון די פיש, וועט עס פאַרענטפערן כּמעט אַלע באַקאַנטע סיבות וואָס ווערן אָנגע־געבן און אָנגענומען צווישן אַלערליי פישערלייט.

מיר איז אויסגעקומען גאַנץ אָפט זיך צו איבערצייגן, אַז עס איז דאָ אַ שייכות צווישן דעם באַראָמעטער און דעם אַפּעטיט פון די פיש. איך בין אָפט געזעסן אין שיפל און געווען שטאַרק פאַרטאָן מיט פאַנגען פיש. זיי האָבן ממש געריסן פון דער ווענטקע און איך האָב ניט געהאַט קיינע שוועריקייטן צו פאַנגען זיי איינס נאָך איינס אויף איין זייט פון דעם שיפל, און לאָזן זיי גיין צוריק אין וואַסער אויף דער צווייטער זייט — ווען, פּלוצלינג, האָבן זיי אויפגעהערט בייסן און אַפילו זיך ניט צוגערירט צו דער שפּייז, פּונקט ווי עמעצער וואָלט זיי פאַריאָגט. עס איז

געוועזן אוממעגלעך אַרויסצורופֿן אַ פֿיש וואָס זאָל אַפֿילו וועלן אַ קוק געבן אויפֿן שפּייז, הגם איך האָב דערצו אָנגעווענדעט פֿלערליי מיטלען אויף פֿאַרשיידענע ערטער אין טייך. דערפֿאַר אָבער, ווען איך האָב אַ קוק געטאָן אויפֿן באַראָמעטער און דערזען ווי ער פֿאַלט, איז מיר קלאָר געוואָרן דער ענטפֿער וועגן דעם פּלוצימדיקן איבערייס. יאָ, עס ווייזט אויס, אַז פֿיש דערפֿילן און ווייסן אויך אַ סך פֿריער פֿון אונז וועגן די אָנקומענדיקע ענדערונגען אין דער נאַטור. דורך דעם קאָן מען אַפֿילו אַמאָל באַמערקן, ווי אַזוי פֿיש פֿירן זיך אויף מיט שפּייז, ווען עס האַלט ביי אַן איבערבייט אין דער נאַטור.

עס איז מיר אויך, למשל, אויסגעקומען פֿעסטצושטעלן, אַז איידער דער הוראַגאַן האָט געטראָפֿן דאָס לאַנד און גורם געווען אַזוי פֿיל שאָדן, האָבן דאַן, פּונקט ווי די פֿויגלען, אויך די פֿיש זיך איינגעגראָבן און פֿאַרשוואונדן אין אַלערליי באַהעלטענישן, נאָך איידער דער הוראַגאַן האָט זיך צעהוליעט.

ווען מיין טייכל איז דעמאָלט כּמעט אינגאַנצן אַוועק מיט דעם ווינט, אַרויסגעבלאָזן געוואָרן איבער די ברעגן און פֿאַרפֿלייצט דעם געגנט, איבערלאָזנדיק פֿון גאַנצן טייך בלויז קליינע ריטשקעלעך מיט מער בלאָטע ווי וואַסער, — בין איך געווען זיכער, אַז פֿון די פֿיש איז קיין זכר ניט געבליבן. אויסגעלאָזט האָט זיך אָבער, אַז בלויז דאָס קליינוואַרג איז אַוועקגעטראָגן געוואָרן מיטן שטראָם, אָבער גרעסערע ביז די גאָר גרויסע פֿיש זיינען ניצול געוואָרן אין די קליינע וואַסערלאָך, צווישן די שטיינער, בלויז דערפֿאַר, וואָס זיי האָבן, לויט מיין מיינונג, פֿאָרויס געפֿילט, אַז עפּעס אומנאָרמאַלעס גייט טרעפֿן אין דער נאַטור. איך בין דעמאָלט געווען אָנגענעם איבעראַשט, וואָס די פֿיש אין מיין טייכל האָבן זיך אַליין געראַטעוועט און מיר פֿאַרשפּאָרט אַ גאַנץ שווערע אַרבעט.

וואָס נוגע דער ווירקונג פֿון דער לבֿנה אויף דעם לעבן פֿון די פֿיש, איז עס גאָר אַ שטאַרק אָנגענומענער כּלל. עס ווערן אין לאַנד גע־דרוקט ספּעציעלע קאַלענדאַרס פֿאַר פֿישערלייט, וואו עס ווערן אָנגעוויזן די טעג און אַפֿילו די שעהן, אין וועלכע פֿיש וועלן בייסן אַמבעסטן. אָט די קאַלענדאַרס זיינען אינגאַנצן באַזירט אויף דעם גאַנג פֿון דער לבֿנה. איך בין אַ גאַנץ קנאַפּער מאמין אין דער פּינקטלעכקייט פֿון אָט די קאַלענדאַרס, אָבער איך האַלט דאָך, אַז די לבֿנה האָט דערצו אַ געוויסע שייכות. אגבֿ, יואָס מיך וואונדערט: איך קאָן פֿאַרשטיין די שייכות

פון דער לבנה אויף דעם ים, וואו דער צופלוס און אָפּפלוס פון די וואַסערן קומט פאָר לויט דעם גאַנג פון דער לבנה. אָבער פאַרוואָס די לבנה זאָל אויך ווירקן אויף טייכן, וואו ס'איז ניט פאַראַן, ניט קיין צופלוס און ניט קיין אָפּפאַל פון וואַסער, איז פאַר מיר איינע פון די ביז יעצט ניט פאַרענטפערטע פראַגן. דאָך, ווי עס ווייזט אויס, האָט די לבנה אַ באַשטימטע ווירקונג אויף די פיש אין אַלע וואַסערן.

אָנהויב חודש, ווען די לבנה באַווייזט זיך בלויז פאַר אַ קורצער צייט, איז דאַן לויט מיין דערפאַרונג, די בעסטע צייט אויף צו כאַפּן פיש. דאַן עסן ניט די פיש, נאָר זיי פרעסן; זיי שלינגען; זיי רייסן פון די הענט. וואָס מער די לבנה ווערט גרעסער, אַלץ שוואַכער ווערט זייער אַפּעטיט דורכן טאָג, און זיי האָדעווען זיך, ווי עס ווייזט אויס, דורך דער נאַכט, ווען די לבנה שיינט אין איר גלאַנץ פון כישוף־ליכט. סוף חודש, ווען די לבנה הויבט אָן ווערן קלענער, פאַרבעסערט זיך ווידער דער אַפּעטיט פון די פיש.

מיר איז אויסגעקומען פישן גאָר פרי ביז שפּעט בייטאָג אויף צו־מאָרגנס, נאָך אַ פולער לבנה־נאַכט, און איך האָב נאָך ביז יעצט ניט געהאַט קיין איין פאַל, ווען די פיש זאָלן זיך צורירן צו מיין שפּייז. עס איז אין אַזעלכע פרימאָרגנס טויט און שטיל, ווי אויף דעם ים המלח, עס זיינען ניט פאַראַן קיין לעבעדיקע באַשעפענישן. אויב איך וויל שוין יאָ פישן אין אַזעלכע צייטן, גיי איך שפּעט בייטאָג. דאַן איז עס בעסער. איך קאָן אַ סך פיש־פאַנגער, וואָס אין אַזעלכע לבנה־פּעריאָדן, רירן זיי זיך בכלל ניט צו צו זייערע מכשירים במשך דעם טאָג, און גייען פישן בלויז שפּעט ביינאַכט ביים שיין פון דער לבנה. דאַן האָבן זיי אַן אמתן דאָפּלטן פאַרגעניגן, אי פון דער שיינער, לייכטנדיקער לבנה, אי פון דעם געראַנגל מיט די הונגעריקע פיש.

די עלעמענטן וואָס ווירקן אויף דעם אַפּעטיט פון פיש זיינען פאַרשיידענע. מעגלעך, אַז געוויסע דערשיינונגען אין דער נאַטור האָבן זייער באַשטימטע ווירקונג אויף דעם לעבן פון די פיש און פאַרשטאַרקן די אַקטיוויטעטן פון זייער אכילה. באַשטימט אָבער צו קאָנען אָנווייזן אויף דעם, נעם איך זיך ניט אונטער. ס'קאָן זיין, אַז איך בין אפשר אַ פאַרקאָכטער פיש־פאַנגער, אָבער זיכער ניט קיין עקספּערט וויסנ־שאַפטסמאַן. איך אַליין זוך ענטפערס אויף אַ סך פראַגן, אָבער מיט דער צייט ווערט מיר אויך אַ סך קלאָרער. און וואָס קאָן נאָך זיין מער אינטערעסאַנט און פאַרכאַפּנדיק, ווי צו פאַרבינדן דעם שפּיל פון פישן

אויך מיט דער נייגעריקייט פון צו זוכן און געפינען די ענטפערס אויף אָט די פראַגן?

רעדנדיק וועגן די געוואוינהייטן, אַפּעטיט, און אכילה פון פיש, איז כּדאַי צו דערמאָנען, אַז פיש באַנוצן ניט זייערע ציין אויף צו קייען דאָס עסנוואַרג. זיי פאַרשלינגען זייער מאכל גלייך אין מאָגן אַריין. זייערע ציין ווערן באַנוצט בלויז אויף צום כאַפּן און האַלטן די געפאַנגענע אכילה. אַמאָל זעט אַפילו אויס דאָס עסנוואַרג אין מאָגן פון אַ פיש אַזוי צעשטערט, אַז מען קאָן מיינען אַז דער פיש האָט עס אַ לאַנגע צייט געקייט, אָבער דאָס איז ניט אַזוי; ער האָט עס אפשר געהאַלטן לאַנג אין מויל צווישן די ציין, אָבער דערנאָך איינגאַנצן אַראָפּגעשלונגען. מיט דעם קאָן מען דערקלערן, וואָס אַ סך פישערלייט געפינען אויס דורך די מאָגנס פון פיש וועלכע שפּייז זיי באַנוצן אין געוויסע צייטן. מען טרעפט אַזוי אָפט די איינגעשלונגענע אכילה כּמעט גאַנץ אין די מאָגנס פון די פיש, אַז מען קאָן אויף דעם סמך קלאָר באַשטימען וואָס זיי האָבן ליב צו עסן. און אַזוי ווי די ציין פון פיש זיינען באַשטימט נאָר אויף צום כאַפּן, האָט שוין די נאַטור באַזאָרגט יעדן מין פיש מיט באַזונדערע ציין. למשל, זיינען די ציין פון העכט און זייער פאַמיליע לאַנג און נאָדל־שטעכעדיק, טאַקע גוט געגוג צו פאַנגען זייערע קרבנות. גאָר אַנדערש זיינען די ציין פון בעס", „פּוירטש", און „בולהעדז". זיי האָבן אַ פולן מויל מיט קליינע, ניט זייער שאַרפע ציינער, וואָס זעען אויס ווי אַ ריבאייזן. דערפאַר אָבער ליגט זייער כּוח אין די מוסקולן פון מויל, פון וועלכן זייער פאַנג קאָן זיך ניט אַרויסרייסן. די נאַטור האָט באַזאָרגט יעדן מין באַשעפעניש, און אויך די פיש, מיט זייערע נאַטירלעכע מיטלען פאַר זייער זעלבסטפאַרהיטונג און עקזיסטענץ.

די טייכן ווערן שטענדיק געשאַצט לויט דער גרויס און צאָל פיש, וואָס ווערן געפאַנגען אין זייערע וואַסערן. מילא, לויט דער צאָל, איז עס פאַרשטענדלעך. ווייל אויב אין אַ טייך זענען פאַראַן אַ סך פיש, איז עס אַ גוטער טייך, אָבער דער ריכטיקער וועג צו אורטיילן, איז ניט לויט דער צאָל, נאָר לויט דעם וואוקס פון די פיש. עס זיינען דאָ אַ סך טייכן, וואו די פיש, הגם זיי זיינען אין אַ גרויסער צאָל, וואַקסן ניט אויס, און דאָס איז טאַקע גאַנץ מעגלעך צוליב דער גרויסער צאָל זייערער.

עס איז באַקאַנט, אַז דאָס וואַקסן ביי אַלע קאַלט־בלוטיקע באַשעפענישן האַלט אָן זייער גאַנץ לעבן, אַנדערש, ווי ביי וואַרים־בלוטיקע, וועלכע דערגרייכן אין דער יוגנט זייער וואוקס און אַנטוויקלען זיך ניט ווייטער. פיש זיינען קאַלט־בלוטיקע באַשעפענישן און דאַרפן, הייסט עס, האַלטן אין וואַקסן זייער גאַנץ לעבן. האָבן אָבער אויך בּלעריי אומשטענדן אַ שייכות מיט זייער וואַקסן: למשל, די פאַרשידענע צייטן פון יאָר, זייערע שפייזן, דער געגנט, זייער פאַרמערן זיך, און נאָך אַנדערע סיבות וואָס האָבן צו טאָן מיט דעם. אין די יעניקע געגנטן, וואו די ווינטערס זיינען לענגער, וואַקסן די פיש שנעלער אום זומער און כּמעט גאָרניט אום ווינטער, אָדער אין בעסטן פאַל זייער פּאַמעלעך. אַנדערע מינים פיש הערן אויף וואַקסן, ווי נאָר די וואַסערן הויבן אָן ווערן קאַלט. למשל, העכט און „פּוירטש", וועלכע האָדעווען זיך אַ גאַנצן ווינטער, וואַקסן טאַקע אין דער צייט אויך. אָבער „בעס" און קאָרעסלאַך, וועלכע שלאָפן ווינטער, פאַרשלאָפן אויך אַויסצוּוואַקסן.

ווי גרויס אַ פיש קאָן וואַקסן הענגט אָפּ פון דער משפּחה צו וועלכער ער געהערט. אַ „בעס", וואָס זאָל אויסוואַקסן צו זעקס, זיבן פונט אין וואָג און אַכצן, צוואָנציק אינטשעס אין דער לענג, איז גאַנץ נאַטירלעך. אָבער אַז אַ „פּוירטש" זאָל זיך דערהויבן צו אַזאַ גדולה, דאָס טרעפט ניט. דאָס זעלבע איז מיט אַ העכט, וואָס וואַקסט ביז אַ היפּשער וואָג און מאָס, בעת אַ קאָרעסל קאָן אַפילו ניט חלומען וועגן דעם. דאָס הייסט, אַז יעדער מין האָט זיך זיין גרענעץ און מען דאַרף יעדן מין באַהאַנדלען באַזונדער לויט זיינע מעגלעכקייטן.

דער וואוקס פון פיש הענגט אויך אָפּ פון די באַדינגונגען אין וועלכע די טייכן געפינען זיך. אַז „בעס" קאָנען וואַקסן גיכער אין איין טייך, ווי אין אַ צווייטן, איז אַ זיכערע זאַך. עס טרעפט, אַז אַ סך טייכן זיינען אָפּט איבערגעפילט מיט „פּוירטש". אין אַזוינע טייכן איז זעלטן צו געפינען „פּוירטש", וואָס זאָלן גרייכן דעם וואוקס לענגער פון זיבן, אַכט אינטשעס און אַמאָל נאָך ווייניקער, בעת אין אַנדערע טייכן, וואו זיי זיינען דאָ ווייניקער, וואַקסן זיי צו אַ גרויס פון צוועלף, דרייצן, און אַפילו פערצן אינטשעס. דאָס ווערט דערקלערט מיט דעם, וואָס דאָרט וואו זיי זיינען פאַראַן אין גרויסע צאָלן, ווערן זיי „פאַרשטיינט", ווי מען רופט עס, ווען עס קומט צו וואַקסן. עפּעס שטערט זייער וואוקס. ס'קען זיין, אַז עס נעמט זיך דערפון, וואָס אין איין און דעם זעלבן

טייך זענען פאַראַן צופיל בעלנים אויף די באַגרעניצטע מאכלים. אָפט טרעפט מען לעבן אַזעלכע טייכן גאַנץ גרויסע מודעות, אָנזאָגנדיק, אַז אין די טייכן מעג מען אָט די סאָרטן פיש, וואָס לײדן, הייסט עס, פון „פאַרשטיינונג", כאַפּן און ניט רעכענען זיך מיט די אָנגענומענע גע־זעצן. אָט די אויסנאַמע ווערט געמאַכט, ווייזט אויס, אַלס אַ רפואה אויף צו פאַרקלענערן די צאָל פון דעם מין. מען גלויבט אַזוי אַרום, אַז דאַן וועלן די פאַרבליבענע אין וואַסער זיך בעסער אַנטוויקלען און גרעסער אויסוואַקסן. אָדער, למשל, לאָמיר נעמען אַזאַ פיש ווי „טראַוט": די זעלבע פיש, וואָס שווימען אין אַ לויפנדיקן ניט טיפן וואַסער, וואַקסן קוים אויס צו אַ גאָר קליינער וואוקס. און די זעלבע „טראַוט" אין שטילע, טיפע טייכן, דערגרייכן צו אַ וואָג פון שיינע עטלעכע פונט. דאָס ווייזט, אויף וויפיל די סביבה אין וועלכער די פיש וואַקסן אויס, האָט צו טאָן מיט זייער אַנטוויקלונג, וואוקס און וואָג.

— אייגנטלעך, ווי אַזוי ווייסט מען וועגן דעם וואוקס פון אַ פיש ? ווי לאַנג דויערט, אַז אַ פיש זאָל אויסוואַקסן ביז אַ געוויסער מאָס, ביז אַ געוויסער וואָג ?

איז עס דעריבער אינטערעסאַנט צו וויסן, אַז יעדער פיש טראָגט מיט זיך אַ יחוס־צעטעלע. מען קאָן אויף יעדן אויסגעוואַקסענעם פיש זאָגן באַשטימט, ווי אַלט ער איז, ווי גיך ער איז געוואָקסן, און וואָס ער האָט דורגעמאַכט אין די טעג פון זיינע יאָרן.

אויף די שופּן, וואָס באַדעקן דעם פיש, מיט די אויסנאַמען פון די וואָס האָבן ניט קיין שופּן, ווערן פאַרצייכנט, ווי אויף אַ רעקאָרד, די יאָרן, די פעריאָדן פון שנעלן וואַקסן, אָדער גאָרניט וואַקסן, ווי אויך געוויסע פּאַסירונגען, וואָס דער פיש האָט דורגעמאַכט, ווי למשל, גע־בורט פון אַ נייעם דור, וואָס לאָזן אויף זיינע שופּן סימנים, ווי רינגען אויף ביימער.

אָט די סימנים קאָן מען דערזען מיט אַ נאַקעטן אויג. אָבער כּדי גענוי צו באַשטימען, וויפיל און ווי אַלט דער פיש איז, דאַרף מען דאָס אויג באַוואָפענען מיט אַן אינסטרומענט פון אַ פאַרגרעסער־גלאָז, אַדאַנק וועלכן עס וועט אייך באַלד קלאָר ווערן, ווער דער יחסן איז און וואָס ער האָט אויפגעטאָן אויף דער וועלט. עס איז באמת אַ גאַנצע תּורה צו קאָנען דורך די שופּן דערלערנען דאָס לעבן פון אַ פיש. יאָ, די שופּן זיינען ווי אַ פּאַספּאָרט, אין וועלכן אַלץ איז פאַרשריבן און פאַרצייכנט.

פאַראַן אַזעלכע באַגאַבטע לעזער פון דעם מין, וואָס קאָנען אויפן סמך פון די שופּן כּמעט אויפשטעלן די גאַנצע ביאָגראַפיע פון אַ פיש. אָבער דאָס איז אַ תּורה פאַר זיך.

אָפט טרעפט מען אַ פיש מיט אייניקע שופּן, אָן סימנים, גלאַט און גאָרניט פאַרצייכנט אויף זיי. מעגט איר זיין זיכער, אַז זיי זיינען ניי־אָנגעוואַקסענע אויף דעם אָרט פון די פאַרלוירענע, און קיין איינער פון זיי האָט ניט באַגלייט דעם פיש פון קינדוויז אָן.

עס איז כּדאי צו וויסן, אַז אַ פיש פון אַכצן אינטשעס לאַנג, למשל, אַ „בעס״, איז אַלט זיבן יאָר; אַ גרויסמויליקער „בעס״ פון דרייסיק־בער לענג, איז אַלט אַכט יאָר; אַ „פּוירטש״ פון זעקס אינטשעס, איז אַלט צוויי יאָר; פון צוועלף אינטשעס — אַכט יאָר און מער; אַ העכט פון צוואָנציק אינטשעס — איז אַלט זעקס יאָר. דאָס אַלץ איז באַשטעטיקט דורך עקזאַמינירן צענדליקער און הונדערטער פיש, דורך האַלטן חשבון און דורך פירן אַ בוכהאַלטעריע.

גלויבט מיר, אַז אָט דער אופן פון פאָרשן, איז צייטנווייז אַזוי פאַרכאַפּנדיק און אינטערעסאַנט, ניט ווייניקער ווי דער שפּיל פון פיש־פאַנג. עס גיט אַ סך צו צום שפּיל, אויף אַזוי פיל, אַז חוץ דעם ספּאָרט גופא, איז אויך דאָ אַ ציל — וואָס צו טאָן מיט דעם געכאַפּטן פיש. עס הייבט זיך אָן אַן ענין פון מעסטן, וועגן, נעמען אַ פּאָר שופּן, פאַרשרייבן און לאָזן דעם פיש מערסטנס גיין צוריק אין וואַסער, פון וואַנען ער איז געקומען. דער גאַנצער אינטערעס צום פיש־פאַנג ווערט פיל גרעסער, דורך די אַלע וועגן, צו וועלכע עס פירט די נייגעריקייט צו וויסן און צו ווערן נענטער באַקאַנט מיט דער געשיכטע פון די פיש און מיט אַלץ וואָס זיי קומט אויס דורכצומאַכן אויף זייער לעבנס־וועג. עס איז דאָך אַ געשיכטע, וואָס ציט זיך פון אַ קליין קוים אָנזעעוודיק אייעלע, וואָס ווערט געלייגט אויף דעם גרונט אין אַ נעסט, ביז עס ווערט אַ „שפּיל־פיש״, וואָס וואַרפט אַ שרעק אויף אַנדערע, און פאַרשאַפט אַזוי פיל באַגייסטערונג פאַר די, וועלכע יאָגן זיך אים צו פאַנגען. און ערשט דאַן, נאָך דעם נצחון, קומט אַ סדרה, וויאַזוי זיך צו באַקענען מיט דעם גאַנצן יחוס פון דעם געפאַנגענעם, זיך צו דערוויסן פון וועמען ער שטאַמט, ווי גרויס איז די גאַנצע משפּחה, ווי זיי שפּייזן זיך און ווי עס גייט זיי מיט דער אכילה; ווי זיי פילן זיך אין די וואַסערן, וואָס זיי האָבן און וואָס עס פעלט זיי; ווער עס זיינען זייערע שונאים

און ווער זייערע פריינד; וועלכע קראַנקייטן עס טשעפּען זיך צו זיי; צי וואַקסן זיי געזונט און פריי, אָדער האָבן זיי שטערונגען?

אָט די און נאָך אַ סך אַנדערע פראַגן קומען אויף און מען דאַרף אויף זיי געפינען די ריכטיקע ענטפערס. איז עס דעריבער אַפילו פאַר אַ פשוטן בשר ודם, ניט נאָר פאַר אַ פאַכמאַן, טאַקע פון גרויס אינ־טערעס, און גלויבט מיר, אַז איר וועט שוין גאָר ניט ברוגז זיין, ווען איר וועט אַריין אין דעם גאַנצן קאָמפּליצירטן ענין פון פיש־פאַנג, מיט אַלץ וואָס איז דערמיט פאַרבונדן, אי מיט דעם ספּאָרט, אי מיט דעם שטודיום וועגן לעבן און געוואוינהייטן פון די פיש. איר וועט, ווי איך, קיינמאָל דערפון ניט חרטה האָבן.

וועגן פֿאַרמערן פֿיש

במשך אַ סך יאָרן איז געווען אָנגענומען די מיינונג, אַז ווי נאָר מען דערוואוסט זיך, אַז פֿיש ווערן ווייניקער אין טייכן; ווי נאָר מען געפֿינט אויס, אַז אין די זעלבע ערטער וואו מען פֿלעגט אַמאָל גאַנץ גרינג כאַפּן אַזוי פֿיל פֿיש, ווערט יעצט אַזוי שווער צו פֿאַנגען, מחמת זיי זיינען פּשוט געוואָרן קלענער אין צאָל, — דאַן איז צייט אַריינצו־וואַרפֿן פֿרישע פֿיש אין וואַסער. נאַטירלעך מיינט מען קליינע פֿישעלאַך, וואָס מיט דער צייט וואַקסן זיי אויס און נעמען זיך פֿלאָדיען.

מען האָט פֿאַרשטאַנען, אַז אויב מען וויל מער פֿיש, דאַרף מען זיי וואָס מער פֿאַרפֿלאַנצן, און זאָלן זיי וואַקסן. מען פֿלעגט אַפֿילו פֿון צייט צו צייט צושליסן געוויסע וואַסערן, כּדי די פֿיש זאָלן זיך קענען אַנטוויקלען ניט געשטערטערהייט. סיי די פֿעדעראַלע רעגירונג, סיי די שטאַט־רעגירונגען, וועלכע פֿאַרמאָגן באַזונדערע דעפּאַרטמענטס פֿאַר פֿיש־אַנטוויקלונג און פֿיש־פֿאַנג קאָנטראָל, האָבן אַלע אויסגעבויט ספּע־ציעלע פֿלעצער פֿאַר האָדעווען און פֿאַר ברענגען אויף דער וועלט כּלערליי מינים פֿיש, כּדי זיי דערנאָך צו פֿאַרשפּרייטן אין פֿאַרשיידענע טייכן. די הוצאות פֿון דעם האָבן באַטראָפֿן אַן ערך פֿון מיליאָנען דאָ־לאַר. די אַרבעט פֿון פֿיש־פֿאַנג־געזעלשאַפֿטן איז קודם כּל באַשטאַנען אין אַריינברענגען און צושטעלן וואָס מער נייע און פֿרישע סחורה פֿון קליינע פֿישעלאַך פֿאַר די טייכן און וואַסערן.

לעצטנס איז אָבער פֿאָרגעקומען ממש אַ רעוואָלוציע אויף דעם געביט. נאָך לאַנגע יאָרן פֿון שטודירן, זוכן און פֿאָרשן, נאָך אַ סך עקספּערימענטן, איז מען געקומען צו גאָר אַ מאָדנער מסקנה: וויל מען מער פֿיש אין אַ טייך — דאַרף מען אַריינברענגען וואָס ווייניקער פֿון אַנדערע טייכן, נאָר פֿאַרמערן די געבורט, אַנטוויקלונג און דעם וואוקס פֿון די פֿיש אין דעם זעלבן טייך.

אייגנטלעך איז דאָס געבויט אויף דער זעלבער טעאָריע וואָס איז שוין לאַנג אָנערקענט געוואָרן און ווערט אָנגעווענדט אין פֿאַרמעריי. ווען אַ פֿאַרמער וויל אַרויסברענגען פֿון דער ערד מער תּבואה, מער אוגערקעס, אָדער קאַרטאָפֿל, ווייסט ער שוין גאַנץ גוט, אַז עס איז ניט קיין פֿראַגע פֿון וואַרפֿן וואָס מער קערנדלאַך און פֿאַרזייען וואָס מער פֿלאַנצונגען אויף דעם זעלבן שטיקל ערד. עס הענגט גאָרניט אָפּ פֿון

דעם שטיקל ערד אַרויסצוזעבן פון זיך וואָס מער און בעסערע פּראָ־
דוקטן. ווייל מען אָט דעם ציל דערגרייכן, באַהאַנדלט מען די ערד מיט
אַלע מיטלען וואָס דאַרפן זי מאַכן מער פּרוכטבאַר. גראָד דאָן, ווען
עס ווייזן זיך די שפּראָצונגען, באַמיט זיך ערשט דער פּאַרמער, אַז זיי
זאָלן וואַקסן אַלץ שיטערער אָנשטאָט צו געדיכט. ווייל אויב פון דעם
זעלבן שטיקל לאַנד זאָלן דאַרפן ציען אַלע פּלאַנצונגען זייער חיונה,
וועט די ערד ניט זיין בכוח זיי אַלע צו באַזאָרגן. דער רעזולטאַט דערפון
וועט זיין, אַז די פּלאַנצונגען וואָס וואַקסן צו געדיכט אויף דער ערד,
וועלן ניט זיין קיין געראָטענע, מחמת איינע וועט לעבן אויפן חשבון
פון דער צווייטער, און עס וועט דעריבער זיין אַ מאָגער, נעבעכדיק לעבן
פאַר אַלע פּלאַנצונגען.

אָט די טעאָריע ווערט לעצטנס מיט גרויס דערפאָלג אָנגעווענדט
אויך אויף די וואַסערן כמעט איבערן גאַנצן לאַנד. דער דאָזיקער פּראָ־
צעס איז אַ סך שווערער אויפן וואַסער ווי אויף דער יבשה. אָבער די
מיטלען פאַר דעם זיינען שוין פאַראַן און די אַרבעט ווערט דורכגעפירט
גאָר דערפאָלגרייך. מען מעסט אויס די לענג און די טיף פון דעם טייך,
מען באַקענט זיך מיט דעם גרונט און מיט אַלץ וואָס וואַקסט אויף
אים, און מען עקזאַמינירט די פיש פון וואַסער, אַזוי אַז מען
געפינט אויס אין וואָס זיי נויטיקן זיך אַממערסטנס. אין אייניקע פאַלן,
למשל, זיינען ניטאָ גענוג נויטיקע גרינסן; ניט גענוג פּלאַנצונגען וואָס
גיבן אַרויס פון זיך דעם עלעמענט אין וועלכן די פיש נויטיקן זיך;
אין אַנדערע פעלעצער איז ניט פאַראַן גענוג שאָטן צו באַדעקן די פיש,
אין וואָס זיי נויטיקן זיך; אין טייל וואַסערן דאַרף מען אַנטוויקלען
מער זויער־שטאָף; אין טייל טייכן געפינען זיך צו פיל פיש אויף דעם
שטח פון וואַסער, אַזוי אַז די פיש קאָנען ניט וואַקסן ניט שנעל און ניט
גרויס. נאָכדעם ווי מען באַקאַנט זיך מיט די סיבות און מען שטעלט
פעסט וואָס עס פעלט דאָ אָדער דאָרט, ערשט דאַן נעמט מען זיך צו
פאַרריכטן דעם חסרון. מערסטנס איז דאָס אַן אַרבעט פון פאַרפּרוכט־
באַרן דעם באָדן אונטערן וואַסער. אָט פּונקט ווי מען באַדעקט מיט
מיסט די פעלדער, אַזוי באַדעקט מען דעם גרונט פון טייכן.

עס איז אינטערעסאַנט צו באַטראַכטן, ווי עס זעען אויס די זעלבע
מינים פיש, פון זעלבן עלטער, וואָס ווערן אַרויסגענומען פון פאַרשיידענע
וואַסערן, דאָס הייסט, איינעם פון אַ קולטואווירטן און אַנטוויקלטן טייך
און איינעם פון אַ פאַרנאַכלעסיקטן. פּשוט ניט צו גלויבן. איינער איז

גרעסער, לעבעדיקער און שטאַרקער; דער אַנדערער אַ נעבאַך און אַ דערשלאָגענער. מיט איין וואָרט, מען קאָן האַלטן אין איין וואַרפן פרישע פיש אין טייך, גלויבנדיק אַזוי אַרום צו פאַרגרעסערן די צאָל פיש און דערגרייכן דערמיט פּונקט פאַרקערטע רעזולטאַטן. דערפאַר וואָס דער טייך פאַרמאָגט ניט גענוג פלאַנצונגען און עס איז ניטאָ אין אים גענוג אַכילה; דערפאַר וואָס אַרום די פלאַנצונגען וואַקסן ניט אויס קיין פליגעלאַך און אַנדערע אונטערוואַסער־באַשעפענישן; דערפאַר וואָס עס פעלן ביימער אַרום דעם טייך, וואָס זאַמלען אַרום זיך אַ גאַנצע וועלט פון פליענדיקע באַשעפענישן, וואָס לאָזן זיך אַרונטער צום וואַסער און קערן זיך שוין קיינמאָל ניט אום צוריק — וועלן די פיש זיך ניט אַנטוויקלען ווי עס דאַרף צו זיין; זיי וועלן איינער דעם צווייטן פאַרניכטן, אָדער אומקומען פון קראַנקהייטן, וואָס אַנטוויקלען זיך פון ניט נאָרמאַלן לעבן.

אַ טייך, פּונקט ווי אַ שטיק ערד, קאָן האָדעווען נאָר אַ באַשטימטע באַפעלקערונג, און וואָס מער דער טייך קאָן אַרויסגעבן פון זיך כּלערליי פּראָדוקטן, אין וועלכע די פיש נויטיקן זיך, אַלץ מער פיש וועלן זיין אין וואַסער. דאָס איינציקע מאָל וואָס מען מוז אַריינברענגען פיש פון אַן אַנדער וואַסער, איז בלויז דאַן, ווען מען וויל אַריינברענגען אַ נייעם מין פיש. אַחוץ דעם מוז דער גאַנצער פּראָצעס אָנגעווענדט ווערן לויט דעם, ווי ס'איז פריער געזאָגט געוואָרן.

איך אַליין האָב יאָרן לאַנג זיך אָפּגעגעבן מיט אַנטוויקלען מער פיש לויט דעם אַלטן פּראָצעס, און בין געקומען צו דער טיפסטער איבערצייגונג, דורך מיין אייגענער דערפאַרונג, אַז עס איז אָפּהענגיק פון דעם טייך גופא, וויפיל און ווי גרויס זיין באַפעלקערונג זאָל זיין. פאַר די ערשטע עטלעכע יאָר פלעגט זיך מיר אויסדוכטן, אַז דאָס פישן איז טאַקע בעסער געוואָרן. און עס איז געווען בעסער. אָבער נאָך אַ באַשטימטער צייט פלעגט דער טייך באַלאַנסירן זיין באַפעלקערונג. און אויב דער טייל איז געווען אָרעם צו האָבן די באַפעלקערונג וואָס איך האָב געבראַכט, האָט שוין די נאַטור אַליין דעם גאַנצן ענין באַזאָרגט. דורך איין וועג אָדער אַ צווייטן איז די באַפעלקערונג פאַרקלענערט געוואָרן צו דער צאָל וואָס דער טייך האָט געקאָנט אויפהאַלטן.

אַלע זיינען שוין היינט מודה, אַז גיבן דעם פיש פון טייך בעסערע באַקוועמלעכקייטן און באַזאָרגן אים מיט פלאַנצונגען; גיבן אים

שווץ דורך דעם פּעריאָד פון זיינע געבורט־טעג און באַזאָרגן די נייַ־געבוירענע מיט פרישע מאַכלים אין דעם זעלבן טייך — וועט ברענגען אַ סך מער פיש, וועלכע וועלן זיך אַנטוויקלען אין אַ פיל מער נאַטירלעכער סביבה.

אַזוי אַרום האָט די נייע טעאָריע אַריינגעבראַכט אַ גאַנצע ענדערונג אין דער אַרבעט אויף דעם געביט. אַנשטאָט צו בויען באַזעס אויף צו האָדעווען פיש, כּדי זיי שפּעטער צו פאַרשפּרייטן אין אַנדערע טייכן, — ווערט יעצט די אַרבעט, סיי פון דער רעגירונג, סיי פון די ספּאָרט־געזעלשאַפטן, געווענדט אין דער נייער ריכטונג. מען מעסט אויס די טייכן, מען אונטערזוכט דעם גרונט, די ברעגן, מען שטודירט די באַ־פעלקערונג פון טייך, און מען ברענגט אַריין אין יעדן טייך דאָס וואָס אים פעלט. עס איז אַ מעטאָדע וואָס וועט זיכער ברענגען גוטע רעזולטאַטן.

עס זיינען פאַראַן אין לאַנד אַ סך שיינע טייכן, וואָס זיינען יאָרן לאַנג געווען באַוואוסט מיט זייערע וואונדערבאַרע פיש, וועלכע פלעגן זיך דאָרט אויפהאַלטן, און פון פיל גאָר געהויבענע געסט וואָס פלעגן אַהין אַריינשווימען פון ים אין געוויסע פּעריאָדן פון יאָר. זיי פלעגן קומען אין מחנות און ברענגען אי פאַרגעניגן אי שפּייז. די דאָזיקע יאָרן זיינען שוין לאַנג אַוועק. די פיש האָבן שוין לאַנג אויפגעהערט אַהין אַריינצוקומען. היינט־צו־טאָג פליוסקען זיך נאָך אין די דערמאָנטע טייכן, קליינע, אומ־באַדייטנדע פישלאַך, ניט מער ווי אַ זכר פון זייערע גרויסע זיידעס פון אַמאָל. די מאָדערנע אַנטוויקלטע שטעט, מיט די גרויסע אינדוסטריעס האָבן זיי פון טייך פאַרטריבן. עס פעלן די באַדינגונגען, עס פעלט די אַטמאָספערע, עס פעלט זיי לופט צום אָטעמען. קומען זיי ניט מער אין די געוועזענע פלעצער. זיי זוכן בעסערע וואַסערן.

ווילן מען פון דעם טייך הנאה האָבן, ווילן מען וואָס מער פיש פאַרמאָגן, אי צום כאַפּן אי צום עסן, דאַן דאַרף מען דעם טייך אַנדערש באַהאַנדלען. און אַזוי ווי דער פיש־פאַנגער וועט זיך באַציען צום טייך, אַזוי וועט דער טייך זיך באַציען צו אים.

פיש־פאַנג ביינאַכט

מער ווי ניט איינמאָל בין איך באַטראַכט געוואָרן מיט מאָדנע בליקן פון אַ סך גאָר געניטע פישערלייט, ווען זיי האָבן מיך געזען מאַכן הכנות צו גיין פישן ביינאַכט. ווייל גראָד אין דער צייט ווען איין שיפל נאָכן צווייטן קומט צוריק צום ברעג נאָך אַ טאָג פון פיש־פאַנג, און חברה האַלט אין אויספּאַקן אין איילעניש אַלץ פון די שיפלאַך, נעם איך זיך גאָר איינפּאַקן און צוגרייטן אַרויסצולאָזן זיך, צו כאַפּן פיש ביינאַכט.

די געקומענע שעמען זיך ניט און ווענדן זיך צו מיר מיט פאַרשיידענע פראַגן: — ווי אַזוי, איז מעגלעך אין דער פינצטערניש צו פישן? — צי זעען דען די פיש ביינאַכט? — וואַרפט אויף אייך די פינצטערניש ניט אָן אַ פחד? די לעצטע פראַגע איז אָגב איינע פון די הויפּט־סיבות וואָס האַלטן אָפּ אַ סך ענטוזיאַסטישע ספּאָרטסלייט פון פאַרזוכן דעם טעם אַרויסצולאָזן זיך אויף אַ „פישינג"־נסיעה אין אַ זומערדיקער נאַכט.

אויף אָט די אַלע פראַגן, האָב איך בלויז איין ענטפער: אויב עס זיינען דאָ פאַרשיידענע מדרגות אין דעם גאַנצן ספּאָרט פון פיש־פאַנג, איז פישן ביינאַכט איינע פון די העכסטע. עס איז אַ גאָר באַזונדער קאַפּיטל אין דעם גאַנץ פאַרצווייגטן ענין פון פיש־פאַנג. עס איז וואָס אַן אמת, ניט פון די לייכטע זאַכן. מען דאַרף זיין שוין גאָר גוט באַהאַוונט אין דער קונסט פון כאַפּן פיש. מען דאַרף באמת קענען זיך באַנוצן אויף דעם בעסטן אופן מיט די מכשירים וואָס זיינען פאַר דעם שפּיל דערפינדן געוואָרן. מען מוז דערצו באַנוצן אַן עלעקטריק־לעמפּל, און עס איז אויך גוט צו האָבן אַ גוטן חבר אין שפּיל. ביידע זיינען נויטיקע פריינד, וועלכע פאַרשאַפן אַ סך פאַרגעניגן. אַחוץ דעם שאַדט אויך ניט צו וויסן, וואָס עס טוען פיש ביינאַכט און וואו און ווען עס איז אַמבעסטן זיי צו טרעפן...

מיט דעם אָנקומען פון דער נאַכט, ווען אַלץ ווערט פאַרהילט אין פישופדיקער שטילקייט און באַדעקט מיט פינצטערניש; ווען מען הויבט אָן זען מער מיט פאַרשטעלונג־כוח ווי מיט די אויגן; ווען ברעגן נאָענטע פאַרשווינדן; בוימער גוט־באַקאַנטע פאַרוואַנדלען זיך אין דער פינצ־טערניש אין וואָס איר ווילט אַליין; דער באַגריף פון ווייט און נאָענט בייט זיך; דאָס פילן און אָנטאַפּן מיט די הענט פאַרנעמט דעם פּלאַץ

פון זען, און יעדער קלאַנג טראָגט זיך מיט אַ באַזונדערער קלאָרקייט אין דער לופט, — קומט אויך דעמאָלט פאָר אַן ענדערונג אין דער אויפֿפירונג פון די פיש. עס זיינען פאַראַן אייניקע מינים פיש, וועלכע רוען ביינאַכט, ווי למשל, העכט, וועלכע מען כאַפּט ניט אין די פינצטערע נעכט. ווי נאָר עס ווערט פינצטער, הערן זיי אויף צו זוכן חיונה און פרנסה. אַנדערע פיש ווידער כאַפּט מען בלויז ביינאַכט, בפרט די, וואָס ווערן ביי אונז פאַררעכנט פאַר טריף, ווי „אילז" און „בולהעדז". גרויסע צאָלן פישערלייט, וועלכע פישן ביינאַכט, כאַפּן מערסטנס נאָר די מינים, וואָס האָדעווען זיך בלויז אין דער פינצטערניש.

דערפאַר אָבער זיינען פאַראַן פיל מינים, ווי למשל אַלערליי „בעס" און „פייק", וועלכע קומען ביינאַכט אַרויס פון די טיפע וואַסערן, וואו די היץ פון טאָג האָט זיי פאַריאָגט, און לאָזן זיך שווימען נאָענט צו די ברעגן. דאָ ביי די ברעגן, אין בוכטעס, וואו דאָס וואַסער איז ניט טיף, און שטיינער, וואָרצלען פוןביימער, צווייגן, און גראָזן שאַפֿן אַ נאַכטלעגער, — דאָ וועלן זיי פאַרברענגען די נאַכט. דאָ וועלן זיי זיך אַרומדרייען, האַלטן די אויגן אָפן אויף אַלץ וואָס באַוועגט זיך, און שטילן דעם הונגער פון טאָג מיט אַ פליגעלע, אַ זשאַבע, אַ קליין און שוואַך פישל, וואָס זיי וועלן אָפּראַמען פון וועג. אין די דאָזיקע פלעצער וועלן זיי פאַרברענגען ביז די זון וועט פאַרטרייבן די נאַכט און ברענגען דעם טאָג.

ניט אַלע נעכט זיינען שטילע און ווי אין כישוף איינגעהילט. פאַראַן נעכט ווען דער טומל איז גאַנץ גרויס, און דאָס טייכל מיט דעם וועלדל אַרום מאַכן דעם איינדרוק פון אַן אָנגעלאָפּענעם, רוישיקן פּלאַץ, פונוואַנען עס טראָגן זיך פאַרשיידענע קולות אין דער לופטן: זשאַבעס רייסן זיך אויף די העלזער, פייגל רוען ניט, און פון צייט צו צייט רייסט זיך דורך אַ וויינענדיק קול פון אַ סאָווע ווי זי וואָלט זיך מיט עמעצן דורכגעוויינט אויפן קול אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט. כלערליי פליגעלאַך זשומען אַרום און מאָסקיטאָס ציען זייער מאָנאָטאָנעם ניגון אייך גלייך אין אויער אַריין. אַרום דעם שיפל טראָגט זיך אַ פלעדערמויז אַרויף און אַראָפּ, שניידנדיק די פינצטערניש מיט מאָדנער שנעלקייט. דאָ און דאָרט הערט זיך אַ פּליוסק פון אַ פיש וואָס גיט זיך אַ וואָרף אין געיעג נאָך אַ געשמאַקן מאכל. און דאָס אַלץ אַרום גיסט זיך צונויף אין אַ מאָדנער שרייענדיקער סימפאָניע. לכתחילה איז עס אַביסל מאָדנע, אָבער עס דויערט ניט לאַנג, ווי איר לעבט זיך גיך איין מיט דער

ארומיקער געזעלשאַפט און איר דערפילט זיך גאַנץ „היימיש“ אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט. אַפילו פאַר איינעם וואָס קומט דאָס ערשטע מאָל ביינאַכט אויפן וואַסער, דויערט ניט לאַנג זיך צוצוגעוואוינען. עס איז ווערט דורכצומאַכן די דאָזיקע דערפאַרונג אין דער אַטמאָספערע פון אַ פינצטערער זומער־נאַכט, אַפילו ווען מען האָט ניט קיין ספּעציעלן אינטערעס אין דעם ספּאָרט פון פיש־פאַנג. פּרוּווט אַמאָל. עס וועט אייך ניט באַנג טאָן.

עס מאַכן זיך אָבער אויך גאַנץ רואיקע נעכט, פונקט ווי אַלץ וואָלט ווי דורך אַ באַפעל פון עמעצן געמוזט שטיל ווערן. און אַחוץ דעם שטילן באַריר פון די וועסלעס אין וואַסער און דעם פאַלן פון „פּלאָג“ אָדער „פּליג“ וואָס ווערט געצילט אויף אַ באַשטימטן אָרט פון אַ געניטן פישערמאַן, הערט מען ניט קיינע שטימען, קיינע טענער. דעמאָלט איז אַלץ אַרום אַזוי טויט־שטיל, אַז מען ווערט אַליין פּאַרזיכטיק מיט יעדן באַוועג, ווי מען וואָלט מורא געהאַט די שטילקייט צו שטערן. אויב עס פאָדערט זיך שטילקייט צו יעדער צייט ביים פישן, איז דאָס נאָך וויכ־טיקער ביינאַכט. עס באַשטייט אָבער ניט אין שוויגן, אין ניט טאָרן אויסריידן אַ וואָרט מיט אייער חבר, אָדער חלילה ניט זינגען אַ ליד, צו וועלכער די גאַנצע אַטמאָספערע רופט און באַגייסטערט. פאַרקערט, עס איז איינע פון די העכסט אָנגענעמע און פּאַסיקע מאָמענטן צו פירן אַ שמועס; אויסהערן, אָדער אַליין דערציילן, אַן אינטערעסאַנטן עפּיזאָד, זיך דורכשמועסן אין היץ און ברען וועגן פאַרשיידענע פּראָבלעמען וואָס פאַרפינצטערן די ליכטיקייט פון טאָג, פון גאַנצן לעבן, און טאַקע חלומען און האָפן אויף בעסערע צייטן אויף דער וועלט. איר מעגט רעדן, זינגען, און שמועסן וויפל אייער האַרץ גלוסט, אָבער שאַרט ניט מיט די פיס, רירט ניט קיין זאַכן אין שיפל, קלאַפּט ניט, ווייל דאָס וויברירט און טראָגט זיך איבערן גאַנצן טייך, און די פיש וועלן עס באַלד דערפילן. אייער שמועס און געזאַנג וועט זיי ניט רירן פון אָרט. הערן קאָנען זיי ניט. אויב איר ווייסט ניט דערפון, זאָג איך עס אייך. זיי זיינען טויב און שטום. אָבער די מינדסטע באַוועגונג דערפילן זיי באַלד; דאַרף מען זיין פאָרזיכטיק.

שווימט זיך דאָס שיפל פּאַמעלאַך, קוים וואָס עס רירט זיך, גע־פירט פּאַראַלעל צום ברעג אויף אַזאַ אופן, אַז איינער זאָל האָבן פאַר זיך די פּאָזיציע צו מאַכן דעם „קעסט“ אויפן ריכטיקן פּלאַץ.

פון די אָפּגעפּאַלענע צווייגן און קלעצער פון אַמאָליקעביימער, פאָרמירן זיך ביי די ברעגן פון טייכל אַזעלכע ווינקלען און ערטער, אין וועלכע עס זאַמלען זיך כּלערליי באַשעפענישן. אַהין אין די ווינקלען טרייבן אויך די ווינטן אַן אָפּפאַל פון די ביימער און גאָר ניט ווייניק פאַרשיידענע מאַכלים פאַר פיש. אַהין קומען אויך די אמתע הערשער פון טייכל, די „גרויס־מויליקע בעס", צו פאַרברענגען די נעכט פון זומער.

אין אָט די ווינקלען צילט דער פישערמאַן צו טרעפן מיט זיין „פלאָג". די קונסט באַשטייט אין אַרויסוואַרפן דורך דער ווענטקע אַ ספּעציעל אויסגעאַרבעטן „פלאָג", וואָס איז ניט מער ווי אַ שיין גע־פאַרבט שטיקל האָלץ אין פאַרשיידענע קאָלירן, באַהאָנגען מיט אַ סך האָקנס, און וואָס פליט אַרויס ווי אַ שאָם פון אַ ביקס אָדער פייל פון בויגן, געצילט אין דעם באַשטימטן ווינקל און געפירט צוריק איבערן וואַסער דורך דער „לאַין", וואָס איז צוגעבונדן צום „ריעל" אויף דער ווענטקע.

ביינאַכט דאַרף מען אָט דעם „פלאָג" צוריק ברענגען זייער פּאַ־מעלאַך. דורך פאַרשיידענע באַוועגונגען פון דער ווענטקע מאַכט דער „פלאָג" דורך כּלערליי איבונגען אויפן וואַסער. אָט שווימט דער „פלאָג" רעכטס, און אָט לינקס; אָט טינקט ער זיך אונטער דעם וואַסער, און אָט ווידער אויף דער פלאַך; אָט ליגט ער גאָר אומבאַוועגלעך און פּלוצ־לינג גיט ער זיך אַ צאַפּל ווי אַ לעבעדיק באַשעפעניש. דאָס אַלץ ציט צו די אויפמערקזאַמקייט פון די „בעס" אַלס מאַכל. די באַוועגונגען מאַכן נאָך אַ פאַרוואונדעטן פישל, אַ שווימענדיקע זשאַבע, אַן אַראָפּגעפאַלן פויגעלע וואָס קען נאָך ניט פליען און ניט שווימען. נאָך דער דאָזיקער „אימיטאַציע" גיבן זיך אַ יאָג די „בעס", אַמאָל מיט אַזאַ כּוח און אימפּעט, אַז איר האָט קיין צייט ניט זיך אָפּצוגעבן חשבון פון דעם וואָס ס'האָט פּאַסירט און איר זענט שוין אין אַ געראַנגל מיט אַ „בעס", וועלכער לאָזט אין קאַמף אַלע זיינע כּוחות און פעאיקייטן, כּדי זיך צו באַפרייען פון דעם ניט געוואונטשענעם מאַכל, וואָס ער האָט אריינ־געכאַפּט און מיט וועלכן ער האָט זיך אָנפּגענאַרט.

אַמאָל טרעפט מען די צייט און דאָס אָרט ווען דער שפּיל פאַנגט זיך אָן, באַלד ביים אָנהויב פון פישן. אַמאָל אָבער דאַרף מען זיך אַזוי שיפן אַ היפּש ביסל צייט. זעלטן, אָבער, ווען איר וועט קומען פון אַ נאַכט־פאַנג מיט ליידיקע הענט, בפרט אין דער הייסער זומער־צייט.

עס איז ניטאָ קיין בעסערער און זיכערער מיטל צו פאַנגען פיש פון דעם מין, ווי נאָר דורך דעם מעטאָד פון פישן ביינאַכט אין דער הייסער זומער־צייט.

געוויס איז געדולד דער הויפּט נויטיקער באַדינג פון צו זיין דערפאָלגרייך אין דעם ספּאָרט. אָבער עס איז גוט צו וויסן, אַז אין דעם שפּיל פון פיש־פאַנג איז עס גאָר ניט מעגלעך צו ווערן אומגעדולדיק, ווייל אַחוץ אַלעמען, איז עס נאָך פאַרבונדן מיט דער קונסט פון שיסן און טרעפן דעם „פלאָג" אין אַ באַשטימטן פּלאַץ. דאָס צו טאָן אין דער פינצטערניש איז פאַר זיך אַליין אַ העכסט אינטערעסאַנטער שפּיל. זאָלן מיר די פאַרברענטע „גאָלף"־שפּילער מוחל זיין און זאָלן זיי אדרבה באַווייזן צו טרעפן אין אַ פינצטערער נאַכט אַ „גאָלף באָל" גראָד צום פּונקט, ווי געניטע פישערלייט באַווייזן עס טאָן בעתן „קעסטן". בכלל דער כישוף פון דער נאַכט אין דער מסיבה פון אַזוי פיל גאָטס באַשעפעניש, וואָס זינגען און שפּילן אויס פאַרשיידענע ניגונים; דאָס שיסן רעגלמעסיק פון שיפל צום ברעג דעם „פלאָג" פון דער ווענטקע איינגעהילט אין געדיכטער פינצטערניש — דאָס איז גענוג צו פאַרכאַפּן יעדן איינעם, אַזוי, אַז מען זאָל פאַרגעסן אַז עס עקזיסטירט אַזאַ זאַך ווי געדולד. ווער שמועסט, אַז צו דעם אַלעמען קומט נאָך צו דער קאַמף מיט אַ שווערוואָגיקן „בעס", וועלכער האָט אַריינגעכאַפּט דעם „פלאָג" און זיך מיט אים פאַרטראָגן ביז אַ הונדערט פיס פון שיפל! איר דאַרפט דאַן אָנווענדן אַלע פעאיקייטן דעם „בחור" צו באַזיגן און אים אַריינ־צובערענגען אין שיפל.

אַמאָל טרעפט, אַז איר זאָלט זיך אַזוי שיסן, שיסן דעם „פלאָג", הנאה האָבן פון טרעפן אין ציל, שמועסן און אַפילו זיך פאַרעדן, און ניט באַמערקן, אַז עס איז שוין אַוועק אַ היפּשע צייט און עס האָט זיך ניט באַוויזן אַפילו קיין סימן פון אַ „בעס". איר זייט דאַן גרייט צו גלויבן, אַז עס איז אפשר גאָרניט מעגלעך צו כאַפּן פיש ביינאַכט אויף אַזאַ אופן, ווען פּלוצלינג באַפאַלן אייך גאָר ממש די „בעס". יעדער וואָרף, יעדער פאַל פון „פלאָג", ברענגט עפּעס, אָדער אַ שפּרונג פון „בעס", אַ וואָרף פון אַ פיש, וואָס האָט פאַרפעלט צו כאַפּן דעם „פלאָג", אָדער טאַקע אַ כאַפּ פון „בעס", אַזוי, אַז איידער איר זייט גרייט אָנצופאַנגען אַ קאַמף, האָט שוין דער „בעס" דערפילט אַז ער האָט זיך אָפּגענאַרט און מיט איין שפּרונג פון וואַסער, מיט איין קונ־ציקן שאָקל פון קאָפּ האָט ער אַרויסגעוואָרפן דעם גאַנצן מאכל פון

מויל און איר בלייבט מיט גאָרניט; אָדער עס זאָל זיך טאַקע אייך איינגעבן צו כאַפּן איין בעם נאָכן צווייטן, כאַפּן און ברענגען אין שיפל אריין.

אַזעלכע מאָמענטן ווערן באַצייכנט אַלס די, וואָס אָנשטאָט צו פישן אין גניעג נאָך „בעם", יאָגן זיך גאָר די „בעם" נאָך יעדן וואָרף וואָס איר מאַכט. אזא שפּיל האַלט אָן אַמאָל א האַלבע שעה, העכסטנס א שעה, און אַלץ ווערט ווידער רואיק און שטיל, ווי עס וואָלט גאָרניט פּאַסירט. דאַן נעמען זיך ביידע פישערלייט צו דער אַרבעט, ווייל דאָס איז איינער פון די זעלטענע מאָמענטן, אויף וואָס יעדער פישערמאַן האָפט, ווען ער גייט פישן.

אַזעלכע מאָמענטן קאָכן אויף דאָס בלוט. די אויפרעגונג איז גרויס. יעדע רגע, יעדער באַוועג, טאָר ניט גיין פאַרלוירן. אין דער טיפער פינצטערניש פון דער נאַכט הערן זיך בלויז אָפּגעהאַקטע ווערטער, וואָס קלינגען ווי באַפעלן, איינער צום צווייטן:

— „ער איז דאָ".

— „ליכט"!

— „באַשיין דאָס וואַסער"!

— „ער שלעפּט".

— „איך האָב שוין א בחור".

— „האַלט אים"!

„ער שלעפּט צו די גראָזן".

„לאָז אים ניט פאַרפּלאָנטערן די 'לאַין'; א שטייפע 'לאַין', א שטייפע לאַין"!

דער, אין וועמענס הענט עס ציטערט די שטאָלערנע ווענטקע, אַרבעט שווער, בייגט זיך אויף אַלע זייטן און לאָזט הערן מיט קורצע פראַזן, ווי ער האַלט אין דעם קאַמף.

— „ער אַרבעט מעשים. עס וועט נעמען א ביסל צייט ביז איך וועל אים אויסמאַטערן".

— „שפּיל אים. כאַפּ זיך ניט"!

— „ער איז אונטער דעם שיפל".

— „לאָז אים גיין. פיר אים אַרוים אין אָפענעם וואַסער"!

— „ער ברעכט דאָס וואַסער".

— „גרייט צו די נעץ. ער ווערט שוואַך. גראָב איין די נעץ אין וואַסער. איך נעם אים אַריין".

— „ער איז דאָ. שוין איינמאָל אַ בחור".

— מסתּמא אַ פיר פונט".

די שיין פון עלעקטריק־לעמפּל מאַכט מעגלעך צו באַטראַכטן דעם געפאַנגענעם „בעס", וואָס ליגט אַן אויסגעמאַטערטער אין שיפל.

— „און אַז דריי פונט איז דיר ווייניק"?

דאָס אַלץ געדויערט אפשר ניט מער ווי געציילטע מינוטן, אָבער פאַרגעסן וועט מען עס ניט יאָרן לאַנג. עס קריצט זיך איין אין זכּרון, באַזעצט זיך דאָרט אויף אַ לאַנגער צייט און פאַר יאָרן און יאָרן לאַנג לאָזט זיך דער מאָמענט אָפּפרישן און איבערלעבן.

באַלד ווערט אַלץ ווידער רואיק און די שפּיל גייט אָן ווייטער. ערשט יעצט הייבט מען אָן זיך טיילן מיט דער ערשט געשעענער פּאַסירונג. יעדער איינצלהייט פון דער רגע זינט דער פיש איז געקומען אין באַרירונג מיט דעם „פלאָג", ביז דעם מאָמענט ווען מען האָט אים אין נעץ אַריינגעפירט און אין שיף אַריינגעלייגט, ווערט איבערגעגעבן פון יעדן איינעם אויף זיין אופן און אויף זיין שטייגער, און דערווייל גייט מען אָן מיט דער אַרבעט און מען וואַרט אויף אַ נייעם חברהמאַן, וואָס זאָל ווידער זיך פאַרטשעפּען אָן דעם „פלאָג" און ווידער צושטעלן אַ פרישע איבערלעבונג פון קאַמף.

איך האָב דערמאָנט דאָס וואָרט „נעץ" און איך וואָלט ניט וועלן, אַז איר זאָלט חלילה בלייבן אונטער דעם איינדרוק, אַז מען כאַפּט דעם פיש מיט אַ נעץ. ניין. ווען דער פיש ווערט פון דעם קאַמף אויסגעמאַטערט און שלאָגט זיך אַרוים פון די כּוחות, ווערט ער פון וואַסער אויפגעהויבן מיט אַ האַנט־נעץ, אָנשטאָט אויף דער ווענטקע.

די וועגטקע, וואָס ווערט באַנוצט אין דעם שפּיל, איז אַזאַ גרינגע און איידעלע און איז אַזוי געמאַכט, אַז זי קאָן שנעל אויסמאַטערן אַ גרויסן פיש, ווען מען שפּילט מיט איר ווי עס דאַרף צו זיין. די ווענטקע דינט אָבער ניט אויפצוהייבן אַ שווער וואָגיקן פיש. זי קאָן זיך אָדער צוברעכן אָדער אויסבייגן. אַ האַנט־נעץ פאַרהיט דעריבער פון שאָדן די דעליקאַטע, פון פיינסטן באַמבו קינסטלעריש געמאַכטע ווענטקע. ווען דער פיש פאַרלירט דעם קאַמף און בלייבט ליגן לעבן שיפל אָן כּוחות, אַ באַזיגטער, דאַן לייגט מען אונטער די נעץ אונטער אים און אַזוי אַרום ווערט ער אַריינגעבראַכט אין שיפל.

און אַפילו ווען מען באַנוצט זיך ניט מיט קיין איידל געמאַכטער ווענטקע, נאָר טאַקע מיט אַזאַ, וואָס איז פון שטאָל געמאַכט און קאָן זיך ניט איבערברעכן און ניט צעבייגן, איז נאָך אַלץ געוואונטשן, אָנ־שטאָט אויפהייבן דעם פיש פון וואַסער, אים בעסער אַריינברענגען מיט אַ האַנט־נעץ, מחמת גאַנץ אָפט טרעפט, אַז דער פיש רייסט זיך אָפּ ביים אויפהייבן אויף דער „לאַין”. אַ האַנט־נעץ איז דעריבער די בעסטע פאַרזיכערונג. מען דאַרף אויך געדענקען, אַז נאָכדעם ווי די „לאַין” פון דער ווענטקע ווערט באַנוצט פאַר אַ קורצער צייט, ווערט זי שטאַרק אָפּגעשוואַכט ביי די לעצטע אַכט, צען אינטשעס, און ווען מען פאַרגעסט און מען וויל אויף דער אָפּגעשוואַכטער „לאַין” אויפ־הייבן אַ פיש וואָס וועגט דריי, פיר און אַמאָל אויך פינף אָדער זעקס פונט, — איז גאַנץ אָפט דער רעזולטאַט אַ גרויסע אַנטוישונג. מען קען געווינען דעם קאַמף און פאַרלירן דעם פיש. געניטע פישערלייט רייסן טאַקע יעדן מאָל אָפּ די לעצטע אַכט, צען אינטשעס פון זייער „לאַין”, איידער זיי הויבן אָן פישן. און אויך דאַן איז אַ האַנט־נעץ די בעסטע פאַרזיכערונג.

עס טרעפן אָבער אָוונטן און נעכט, ווען דאָס באַנוצן זיך מיט אַ „פלאָג” איז ניט אַזוי דערפאָלגרייך ווי מיט אַ פליג. עס איז באמת ניט צו גלויבן וויפל פאַרשיידענע פליגעלאַך און אַלערליי באַשעפענישן עס לאָזן זיך אַראָפּ אויפן טייך דורך דער נאַכט. אָפט לאָזן זיך אַראָפּ ווייסע פליגעלאַך, וואָס זעען טאַקע אויס ווי אַ שניי וואָלט באַדעקט דעם טייך. איך קאָן נאָך ביז היינט ניט ענטפערן אויף דער פראַגע, צי זיי קומען אַרונטער זיך אָפּצוקילן, אָנטרינקען זיך מיט וואַסער, אָדער אָנהאָדעווען די פיש. און אפשר טאַקע פאַר אַלע צוועקן צוזאַמען. בפרט לאָזן זיך אַרונטער גרויסע נאַכט־פליגן פון כּל המינים. און די „בעס”

האַלטן שוין אַן אויג אויף זיי און וואַרטן ביז זיי קומען אַרונטער און לאָזן זיך שווימען אויף דער אויבערפלאַך.

עס לאָזט זיך דאַן הערן דער געיעג פון „בעס" נאָך די פליגן. די לופט ווערט פול מיט דעם אָפּקלאַנג פון די פיש וואָס וואַרפן זיך אויף די גרויסע, שיינע פליגן. אין אַזאַ אָוונט בייט מען גלייך די טאַקטיק. מען לייגט אַוועק דעם „פּלאָג" און מען נעמט זיך צו דער ספּעציעל געמאַכטער ווענטקע, כדי צו כאַפּן פיש דורך פליגן.

און דאָס איז גאָר אַן אַנדער מיטל. די ווענטקע איז אַן אַנדערע, די „לאַין" אַן אַנדערע און אַ פליג פאַרנעמט דעם פּלאַץ פון אַ „פּלאָג". אַ „פּלאָג" ווערט אַרויסגעוואָרפן גאַנץ ווייט דורך דעם כוח פון דעם „פּלאָג" גופא, בעת אויף אַ פליג־ווענטקע קאָן דאָס ניט געשען מיט דעם כוח פון אַ פליג. דערפאַר ווערט עס אַרויסגעוואָרפן מיט דעם כוח פון דער „לאַין" וואָס איז ספּעציעל געמאַכט פאַר דעם צוועק. איןביידע פאַלן דאַרף מען זיך נאַטירלעך אויסלערנען ווי אַרויסצואוואַרפן, ווייל דער גאַנצער בוי פון ביידע ווענטקעס איז פאַרשיידן. דאָס הייסט, אַז אחוץ דעם כוח וואָס ליגט אין די מכשירים, דאַרף מען אויך נעמען אין אַכט די קענטעניש פון דעם פישערמאַן גופא. טשעפּעט מען טאַקע צו אַ קינסטלעך נאָכגעמאַכטע פליג און מען לאָזט זי פאַלן אין די זעלבע פּלעצער וואו די „בעס" רוען ביינאַכט. איך פּלעג שטענדיק אויספּרואוון וועלכער מיטל איז דער בעסטער, דורך דעם, וואָס איינער פּרוואווט מיט אַ פליג און דער צווייטער מיט אַ „פּלאָג", ביז מען זעט וואָס עס אַפּעלירט צו זייער אַפּעטיט אַמבעסטן. און ווען די פיש ווייזן אַ שטאַרקערע נייגונג צו „פּלאָגס", ווי צו פליגן, אָדער פאַרקערט, דאַן באַנוצט מען זיך געוויינטלעך מיטן בעסטן מיטל.

באמת זיינען פישערלייט צעטיילט אין פאַרשיידענע קלאַסן. עס זיינען פאַראַן פילע, וועלכע באַטראַכטן דאָס פאַנגען פון פיש דורך פליגן בכלל, און ביינאַכט בפרט, פאַר אַ פיל העכערער קונסט ווי מיט „פּלאָגס". דער פליג־פישערמאַן טענהט, און ביז אַ געוויסן גראַד מיט רעכט, אַז דערמיט וואָס ער באַנוצט זיך מיט אַ פליג, גיט ער דעם פיש אַ גרעסערע געלעגנהייט צו ווייזן זיין בריהשאַפט און זיך צו באַפרייען פון דעם האָקן, און אין דער זעלבער צייט פאַרלאַנגט עס אויך פון דעם פישערמאַן פיל מער פעאיקייטן אַריינצוברענגען דעם פיש, וואָס האַלט זיך בלויז מיט אַ קליינעם האָקן אויף דער פליג. דער קלענסטער

טעות פון דעם פיש־פאַנגער — און דער פיש איז פריי. ווען אָבער דער פיש כאַפּט אַריין דעם אויסגעפּוצטן „פלאָג", וואָס האָט אויף זיך פון זעקס ביז ניין האָקנס, נעמט עס נאַטירלעך צו ביי אים די מעגלעכקייט פון צו קעמפן פאַר זיין באַפרייאונג און פון מאַכן דעם שפּיל אַזוי אָנציענד און אינטערעסאַנט. דער פיש פאַרלירט גיך זיינע כּוחות דורך דעם גרויסן „פלאָג" און די פילע האָקנס וואָס באַפּוצן אים.

בין איך דער לעצטער אַרויסצוגעבן אַ פּסק־דין, ווער פון די קריגנדיקע צדדים עס איז גערעכט. אָבער מען מוז מודה זיין, אַז פירן אַ קאַמף ביינאַכט, אין דער פינצטערניש, ווען די שיין פון דעם עלעקטריק־לעמפּל קאָן אייך בלויז וואו די „לאַין" גייט זיך; צו שפּילן מיט אַ ווענטקע אין האַנט, וואָס וועגט געציילטע אָנצעס, מיט אַ גרויסן פיש, וואָס האַלט דאָס פליגעלע מיטן האָקן אין מויל און טראָגט זיך אין וואַסער מיט אַ שנעלקייט וואָס נאָר אַ פיש קאָן באַווייזן; צו פילן יעדע באַוועגונג דורך דער ווענטקע אין האַנט, מיט נערוון אָנגעשטרענגטע, מיט דעם באַוואוסטזיין, אַז איין פאַלשער שריט און דער פיש ווערט פריי, אָדער די ווענטקע ווערט צעבראָכן; מיט דעם שטאַרקן פאַרלאַנג אַרויס־צוקומען דער זיגער, — איז באמת אַן אונטערנעמונג פאַר וועלכער עס זיינען נויטיק קענטעניש און פעאיקייטן. און דאָס איז טאַקע באמת אַ געראַנגל פון כּוח, גבורה, קענטעניש, און פאַרגעניגן.

מען דאַרף נאָך אויך צוגעבן, אַז גראָד די גרעסטע און די שווער־וואָגיקע „בעס" זיינען פון די, וועלכע ווייזן זיך גאַנץ אָפטער ביינאַכט ווי דורכן טאָג. צו וואָס לייקענען? גאָר אָפט בלייבט מען שטיין אין שיפל, ווי אַן אָפּגענאַרטער, ווען אין מיטן קאַמף, ווען אַלץ גייט ווי עס דאַרף צו זיין און מען איז, דאַכט זיך, פולשטענדיק זיכער מיטן זיג, — זאָל מען דערפילן, אַז הילד איננו. דער „בעס" איז אוועק. מען בלייבט טאַקע אויף אַ רגע אַנטוישט. איך ווייס אפילו פון אַ סך וואָס נעמען זיך שווין גאָר שטאַרק צום האַרצן, אָבער צווישן געניטע פישערלייט דערלויבט מען זיך ניט קיין עגמת נפש. פאַרקערט, מען גיט דעם „בעס" זיין פאַרדינטן קרע־דיט און מען זוכט די סיבה און די שולד פאַר דעם דורכפאַל. דערביי מען ניט צו ספּעקולירן אויך אויף דעם, ווי גרויס און וואָגיק דער באַ־פרייטער פיש איז געווען. און די שפּיל גיין ווייטער אָן.

ביידע, אי דאָס פליגעלע, אי דער „פלאָג", איז גוט צו האָבן פון ליכטיקע קאָלירן. דאָס איז נויטיק ניט צוליב דעם אַז די פיש זאָלן שנעלער

דערזען און דערפאַר וועט זיין גרינגער זיי צו פאַנגען. איך האָב זיך שוין לאַנג איבערצייגט און אויך איבערצייגט אַ סך אַנדערע, אַז אין גאַנצן שוואַרצע פליגן און גאָר טונקעלע „פלאָגס" האָבן געבראַכט פונקט אַזעלכע רעזולטאַטן ווי די גאָר ליכטיקע און גלאַנציקע. עס זיינען אַפילו דאָ פעסט באַשטימטע מיינונגען, אַז וואָס פינצטערער די נאַכט, אַלץ טונקעלער דאַרף זיין דער „פלאָג" אָדער די פליג. אָבער איך בין ניט שטאַרק איבערצייגט אויך אין דעם. ניט מער, וואָס איך האַלט און רעקאָמענדיר די ליכטיקע אַנשטאָט די טונקעלע, ניט צוליב די פיש, נאָר צוליב די פישערלייט. אַסך מאָל אין דעם געראַנגל מיט אַ פיש, וועט אייך די ליכטיקייט פון אַ „פלאָג" אָדער פליג שטאַרק צונוץ קומען, כדי צו דערזען אין וועלכער ריכטונג דער פיש פאַרנעמט זיך און פון וועלכע שוועריקייטן מען זאָל זיך אין דעם קאַמף פאַרהיטן. עס זיינען פאַראַן פילע, וועלכע באַנוצן זיך מיט „פלאָגס", וואָס שיינען ביינאַכט ווי אַ ליכט, און זיי דענקען, אַז דאָס ציט צו מער פיש. איך בין ניט קיין שטאַרקער מאַמין אין דעם, ווייל איך ווייס, אַז אַ פיש קען זען אין דער פינצטער אויך אַ טונקעלן צוציאונגס־שפייז, אבי נאָר עס באַוועגט זיך. אָבער כדי צו זען וואוהין דער פיש יאָגט זיך מיט דער „לאַין", איז אַ שיינענדע, ליכטיקע פליג, אָדער „פלאָג", זייער אַ גוט באַקאַנטער מיטל.

עס איז אויך גוט צו געדענקען, אַז ביים פישן ביינאַכט מוזן באַנוצט ווערן בלויז די פליגעלאַך און „פלאָגס", וואָס זיינען אַזוי געבויט, אַז זיי שווימען אויף דעם וואַסער און ניט אונטער דעם וואַסער, פונקט ווי עס וואָלט געוועזן אַ מין געזעץ, אַז ביינאַכט מעגן די פיש זיך יאָגן בלויז נאָך די באַשעפענישן וואָס זיינען אויפן וואַסער און ניט אין דעם וואַסער. אַלע מיינע באַמיאונגען אָפצושאַפן דעם געזעץ, האָבן זיך ניט איינגעגעבן. אַלע מיטלען מיט וועלכע איך פאַנג דערפאָלגרייך דורכן טאָג אין דער טיפעניש פון וואַסער, זיינען אַ פולשטענדיקער דורכפאַל פאַר פישן ביי־נאַכט.

אינטערעסאַנט איז אויך, וואָס בעת בייטאָג איז וויכטיק אַרויסצו־וואַרפן די שפייז וואָס ווייטער פון שיפל, איז דאָס ביינאַכט גאָרניט נויטיק. צען און פופצן פיס פון שיף האָט זיך מיר אַסך מאָל אָן שוועריקייט איינ־גענעבן צו כאַפּן גאָר גרויסע „בעס".

אַזוי איז מיר אויסגעקומען אַסך מאָל צו פאַרברענגען אַ גאַנצע נאַכט אויפן טייך, הערן די פאַרשידענע קולות פון פייגל און חיות ; באַגעגענען

דעם זון־אויפגאַנג, זיך ראַנגלען מיטן שלאָף און טרינקען שטאַרקע קאַווע, וואָס האָט דעמאָלט גאָר אַ באַזונדערן געשמאַק; פירן שמועסן און אָפּ־פרישן זכרונות; זאָרגן און חלומען פון אַ בעסערער וועלט; און גלייבט מיר, ווען איך זאָג אייך: געבענטשט זאָלן זיין די שטילע זומערנעכט אויפן טייכל; געבענטשט זאָלן זיין אַלע גאָטס באַשעפענישן, וואָס עפענען פאַר אייך אַ פאַרבאָרגן וועלטל, וואָס איז אַזוי טיף באַהאַלטן און אַזוי פרעמד פאַר אַסך מענטשן. אַ דאַנק דער ליבע און ענטוזיאַזם צום ספּאָרט פון פיש־פאַנג, עפנט זיך פאַר אייך אַ שיינע וועלט, אין וועלכער מען פילט זיך אָפּט גליקלעכער ווי אין דער פון טאָג. ווילט איר האָבן אַן אמתן פאַר־געניגן, ווילט איר דורכלעבן שיינע מאָמענטן אין דער סביבה פון אַזויפיל גאָטס באַשעפענישן, אין דער שטילקייט פון דער נאַכט אונטער דעם אַקאָמפּאַנימענט פון אַלערליי טענער; ווילט איר זיך באָדן אין דער לופט פון אַ פאַרכּשופטער לבנה־נאַכט; ווילט איר זיך דערפילן אַלס אַ טייל פון גאָטס וועלטל, קומען אין נאָענטן באַריר מיט דער נאַטור, אין קאַמף מיט די הערשער פון טייך, — לאָזט זיך אַריין אין דעם פאַרכאַפּענדן שפּיל וואָס הייסט פיש־פאַנג. האָט ניט קיין מורא. באַזאָרגט זיך מיט אַ חבר, מיט אַן עלעקטריק־לעמפּל, נעמט די מכשירים, און לאָזט זיך פאַרברענגען אַן אָוונט אויף דעם טייכל אין געיעג נאָך „בעס". גייט פישן ביינאַכט. עס וועט אייך קיינמאָל ניט באַנג טאָן.

„קאַליקאָס" אָדער „קראַפּיס"

אַ חוץ די מינים פיש, מיט וועלכע איר זייט שוין באַקאַנט, געפינט זיך אַ מין, מיט וועלכן עס איז זיך כּדאַי צו באַקענען. עס איז שווער אים אָנצורופן ביים נאָמען, ווייל ער האָט באמת אַזוי פיל נעמען, אַז עס איז ניט גרינג צו באַשטימען אונטער וועלכן פון זיי ער וועט גיכער דער־קענט ווערן. עס איז ניט קיין גוזמא, ווען איך וועל באַהויפּטן, אַז אין יעדער פיש־פאַנג געגנט רופט מען אים מיט אַן אַנדער נאָמען: „קאַליקאָ בעס", „סטראָבערי בעס", „קראפּיס", „פּייפּער מאוט", „גראַז בעס", „כּלה פּוירטש", „זילבער פיש", „דינער מויל", „ספּעקל פּוירטש", און נאָך אַ סך אַנדערע אויסצורעכענען.

עס זיינען פאַראַן שוועריקייטן איבערן גאַנצן לאַנד וואָס שייך די נעמען פון פיש; מען באַצייכנט זיי, ווי וועמען עס פאַלט איין, און אונטער די נעמען שווימען זיי אין אַ סך טייכן, אַזוי, אַז עס איז אָפט ניט גרינג זיך פונאַנדערצוקלויבן און צו פאַרשטיין וועלכן מין פיש מען מיינט. אָט האָב איך יאָרן לאַנג געהערט וועגן „ספּעקעלט פּוירטש" אין פלאָרידאַ, און געווען זיכער, אַז דאָס איז עפּעס אַ פיש וואָס לעבט בלויז אין די וואַרימע טייכן פון יענער געגנט, ביז איך האָב אויסגעפינען, אַז דאָס איז ניט מער ווי דער זעלבער פיש, וועלכער שווימט אונטער די פילע נעמען. צוויי פון די פילע נעמען ווערן אַלץ מער און מער פּאָפּולער, דאָס איז „קראַפּי" און „קאַליקאָ בעס". יש אומרים, אַז צווישן דיביידע איז אַפילו דאָ עפּעס אַ קליינער אומבאַדייטנדער חילוק, אָבער דאָס דאַרף מען איבער־לאָזן צו די וואָס גיבן זיך אָפּ מיט וויסנשאַפטלעכער באַהאַנדלונג, מחמת פאַר אונדז איז ניט וויכטיק זיך אַריינצולאָזן אין דעם.

בכלל איז עס אַ זעלטן שיינער מין, פול מיט קאָלירן ליכטיק גרינע, טונקל גרינע און זילבער־שוואַרץ, וואָס מישן זיך איבער דער לענג פון פיש און באַפּוצן אים; אַ ברייט־ביייניקער, מיט אַ גרויסן קאָפּ און מיט אַ מויל, וואָס ווען עס עפנט זיך, שטעלט עס אָן ליפּן, וואָס זעען אויס ווי זיי וואָלטן געווען געמאַכט פון וואַקס־פּאַפּיר; זיינע אויגן זיינען גרויסע און דער פיש בכלל זעט אויס גאָר בעל הבתיש.

מיין ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט אָט די פיש האָב איך געמאַכט מיט יאָרן לאַנג צוריק, אין ניו־יאָרק סטייט. מיר איז דעמאָלט אויסגעקומען צו פאַרברענגען אויף וואַקאַציע לעבן אַ גאַנץ שיינעם טייך, וואָס איז געווען

ארומגערינגלט מיט גרין־באוואקסענע בערג. איך בין שוין דאן געווען באהאוונט אין פיש־פאנג און ווי איבערראשט בין איך געווען, ווען גאנצע דריי טעג, נאך שעהן לאנג זיין אויפן טייך, בין איך געקומען צוריק כמעט אן פיש, בעת איך האב געזען, ווי אנדערע פישערלייט האבן גע־האלטן איין כאפן פיש. אלע מיינע מיטלען האבן מיר ניט געהאלפן און איך האב באמת ניט געוואוסט וואס צו טאן, כדי צו ענדערן מיין מזל דגים.

את חטאי אני מזכיר. אויפן פערטן טאג בין איך ארויס מיט א בא־שטימטן פלאן, נאכצוקוקן וואס די אנדערע פישערלייט טוען און וועלכע מעטאדן זיי באנוצן אויף צו זיין דערפאלגרייך אויף דעם טייך. במשך עטלעכע שעהן האב איך געמאכט דעם אנשטעל, אז איך פיש, ווען אין דער אמתן האב איך גאר געהאלטן אן אויג אויף די מכשירים און מיטלען פון די אנדערע פישערלייט. אן איבעריקער מי האב איך אויסגעפונען, אז זייערע מיטלען זיינען אנדערש, ווי מיינע. איך האב דערזען, אז זיי פישן ניט טיף; נוצן אלס צוציאונג־שפייז קליינע פישעלאך, ניט מער פון צוויי אינטשעס די לענג, און אנשטאט שטיין אויף איין ארט, פירן זיי דאס שיפל זייער באמעלאך. די מינים פיש, וואס די פישערלייט האבן געכאפט, האב איך קיינמאל פריער ניט געהאט געזען אין די וואסערן פון אונזער געגנט. דאס זיינען געווען די אויבנדערמאנטע „קאליקא בעס", אדער „קראפים", מיט וועלכע איך האב זיך דאן באקאנט צום ערשטן מאל.

עס האט ניט לאנג געדויערט, און באנוצנדיק זיך מיט זייערע מיטלען, האב איך געבראכן דעם דריי־טאגיקן שטילשטאנד און אויך נארמאל אנגעהויבן פאנגען פיש. פון דאן אן ביז היינט צו טאג, בין איך שטענ־דיק גרייט צו לאזן זיך אין געיעג נאך אט דעם מין פיש; ער פארשאפט גרויס פארגעניגן, סיי אין פאנג, סיי ביים טיש און איז צווישן די גע־שמאקסטע פיש אין די זיסע וואסערן.

דער וואוקס פון א „קאליקאס" דערגרייכט ניט איבער דריי פונט, אפילו אין די געגנטן וואו די פיש וואקסן גרויס; זיין דורכשניט־וואג איז מער ווינציקער ביז א פונט, אבער דערפאר האט אט דער פיש אזויפיל טעמפעראמענט, אז אויב מען קען ניט זיינע כאראקטעריסטישע שטריכן, קען מען אמאל פטרן גאנצע טעג און אים ניט פאנגען. עס איז איינער פון די פיש, וואס אדער איר פאנגט זיי איינס נאך איינס, אדער זיי ווילן גאר־



Credit: U. S. Fish and Wildlife Service

אַ קאַליקאָ בעס

ניט אַ שמעק טאָן אייער מאכל. זיי שווימען קיינמאָל ניט איינציקווייז אָדער אָפּגעזונדערט, נאָר שטענדיק אין אַ גאַנצער מחנה, אָדער, ווי מען רופט עס אין „שולן". זיי זיינען בעלנים אויף אַלץ: אַ וואָרים, אַ פליג, אַ „פלאָג" און בפרט אַ קליין פישל. דאָס שווערסטע אָבער איז זיי צו געפינען. זיי שטייען ניט אויף איין פּלאַץ, בייטן זייערע ערטער זייער אָפט און זוכן שטענדיק נאָר טיפע וואַסערן. אַמאָל פאַנגט מען זיי נאָענט צום גרונט, און אַן אַנדערש מאָל נאָענט צו דער אויבערפלאַך פון וואַסער. דע־ריבער איז טאַקע דער בעסטער מיטל, אַרויסצולאָזן צוויי „לאַינס"; איינע זאָל שווימען טיף און נאָענט צום גרונט, און אַ צווייטע גאָר נאָענט צו דער אויבערפלאַך. דאָס שיפל דאַרף זיך רירן זייער, זייער פּאַמעלאַך. אויף יעדן האָקן דאַרף זיין צוגעטשעפּעט אַ קליין פישל און פאָרויס, פאַר דעם האָקן, איז גוט צו האָבן אַ קליין לעפעלע. אַזוי דאַרף מען שווימען געדולדיק און פּאַמעלאַך ביז די „קאַליקאַס" וועלן אייך אָנזאָגן די בשורה טובה, אַז זיי זיינען דאָ. דאַן ווייסט איר שוין, וואָס איר האָט צו טאָן. בלייבט אין דער זעלבער געגנט, מאַכט שוין די צווייטע „לאַין" אויף דער זעלבער הויך, ווי די, וואָס האָט געפאַנגען דעם פיש, און זעצט פאָר דאָס פאָרן ווייטער; דרייט זיך אַרום אין אַ מין קאַראַהאָד, און זייט זיכער, אַז זיי וועלן שוין אייך האַלטן פאַרטאָן און פאַרנומען. האָט שטאַרק אין זינען דעם פּאַפּירענעם מויל פון אָט דעם מין פיש! ווען איר פאַנגט אַ קאַליקאַ", שלעפּט ניט צו שטאַרק, ווייל איר קענט אים פאַרלירן. האַלט טאַקע די „לאַין" אָנגעצויגן, אָבער שלעפּט ניט מיט צופיל כח; באַהאַנדלט אים איידל; היט זיך פאַר זיין מויל, מחמת זיינע דינע ליפּעלאַך קאָנען זיך גיך איבערייסן.

אַסך מאָל, ווי נאָר איך פאַנג איינעם פון די „קאַליקאָס", ווענד איך אָן אַזאַ מין מיטל: דורך שיפן זיך פּאַמעלאַך, פאָר איך אָפּ אַן ערך הונ־דערט פוס ווייטער, לאָז אַרונטער שטילערהייט דעם אַנקער, און דורך דעם לאַנגן שטריק קום איך צוריק צו זייער פּלאַץ. אַזוי אַרום ווערן זיי ניט צושראָקן דורך אַראָפּלאָזן אַ שווערן שטיין אין וואַסער, און בלייבן דעריבער אויף דעם זעלבן אָרט. עס איז אויך אַ מעלה פאַר דעם מין פיש, צו האַלטן דאָס שיפל בלויז מיט איין אַנקער, אַזוי אַז עס זאָל זיך פון צייט צו צייט באַוועגן. דאָס וויגן זיך פון שיפל, מאַכט די שפּיז באַוועג־לאַך און די „קאַליקאָס" האָבן ליב אַ פישל, ווען עס האַלט זיך אין באַ־וועגן. מיט אָט די מיטלען האָב איך אַ סך מאָל געהאַט גדוים פאַרגעניגן ביים פאַנגען די שיינע טעמפּעראַמענטפולע „קאַליקאָס".

איך האָב שוין פריער אָנגעוויזן, אַז די „קאַליקאָס" האָבן ליב צו זיין מערסטנס אין טיפע וואַסערן פון טייך. דאָס מיינט אָבער ניט, אַז שטענדיק אַזוי. טיילמאָל טרעפט מען זיי גאָר נאָענט צו די ברעגן, בפרט דאָרט, וואו עס וואַקסט פיל גראָז, און וואו פון וואַסער שפּראָצן אַרויס קאָלירטע ליליעס, באַדעקט מיט ברייטע גרינע בלעטער, אונטער וועלכע עס האָדעווען זיך קליינע פּישעלאַך. אַהינצו לאָזן זיך די גרויסע הערשער פון דער טייך־מלוכה אויף צו כאַפּן אַ געשמאַקן ביסן. מען קאָן זיי דאָרט טרעפן אָוונט־צייט, ווען די זון האַלט ביים זעצן זיך. אין אַזעלכע מאָ־מענטן, איז זיי גרינג צו פאַנגען מיט פּליגעלאַך. זיי קומען גערן אַרויף, ווי נאָר דאָס קונציק אויסגעפּוצטע „פּליגעלע" דערגרייכט נאָענט צו די גרינע בלעטער און ווערט געפירט צוריק איבערן וואַסער. מיט אַ גיכן שווים קומט אַפיר דער „קאַליקאָ" פון אַונטער דעם וואַסער און מיט אַ מאַגנעטישן צי ווערט פאַרשוואונדן דאָס „פּליגעלע", און ערשט דאַן ווייזן זיך סימנים אויפן וואַסער, דורך דער באַוועגונג פון דעם פיש. עס איז פּונקט דער היפּך פון אַנדערע פיש, וואָס פריער דערזעט מען זייער שפּרונג און לויף, און ערשט שפּעטער — דאָס פאַרשוואונדן פון פּליגעלע. דערי־בער איז גוט צו האַלטן אַן אויג אויף יעדן באַוועג פון שווימענדיקן פּליגעלע און ווי נאָר עס ווערט פאַרשוואונדן, דאַרף מען גלייך, מיט אַ קורצער האַנט־באַוועגונג, אָנציען די „לאַין". איך מוז אָבער זאָגן, אַז צו דער פינקלעכקייט פון „בעס", סיי דעם קליין־ אָדער גרויס־מויליקן, קומען די „קאַליקאָס" ניט. אַ „בעס" וועט זעלטן, זייער זעלטן פאַרפעלן צו כאַפּן דאָס פּליגעלע, ווי נאָר ער אַטאַקירט. די „קאַליקאָס" דאַגעגן, זיינען ניט אַזוי פּעאיק צו טרעפן; זיי גיבן זיך אַ יאָג נאָך דעם פּליגעלע, אָבער אָפט טרעפן זיי ניט אין ציל, און דאַן קאָן מען זען, ווי זיי באַמיען זיך ווידער און ווידער צו טרעפן, ביז עס גיט זיך זיי איין.

די „קאַליקאָס" ווערן אַריינגערעכנט צווישן די מינים פיש, וואָס יאָגן זיך נאָך שפּייז מערסטנס ביינאַכט. וועגן דעם פאַקט אָבער, ווייסן זייער ווייניק פישערלייט.

איינער פון די אינטערעסאַנטע כאַראַקטער־שטריכן פון די „קאַלי־קאָס" איז, וואָס זיי זוכן שטענדיק אין וואַסער אַזוינע פּלעצער, וואו עס געפינען זיך אַ סך צווייגן פון פאַרפוילטע ביימער. ווייס איך ניט, צי דאָס איז דערפאַר, וואָס אין אַזעלכע פּלעצער, איז פאַר זיי גרינגער צו געפינען שפּייז, אָדער זיי האָבן דאָרט אַנדערע באַקוועמלעכקייטן, ווי, למשל, דאָס פאַרהיטן זיך פון דער זון, שאַפן זייערע היימען, אָדער דורכ־

מאַכן זייערע פּעריאָדן פון ברענגען אַ נייעם דור. אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם, האָב איך אַמאָל געמאַכט אַזאַ מין עקספּערימענט: דורך די לאַנגע ווינטער־חדשים האָב איך אויף אַ געוויסן פּלאַץ אין טיפן וואַסער, ניט ווייט פון מיין זומער־היים, געלאָזט אַנקלייבן אויף דעם אייז אַ סך פּאַר־דאַרטע צווייגן, צוהאַקטע בוימער, פאַרפרוירענע בלעטער, און דאָס אַלץ צונויפגעבונדן און אָנגעהאָנגען דאַרויף אַ שווערן שטיין. געלאָזט האָב איך עס אַזוי ליגן ביזן פרילינג, ווען דאָס אייז איז צוגאַנגען און דאָס גאַנצע בינטל איז אַרונטער צום גרונט. לויט די אָנגענומענע כּללים, האָבן די „קאַליקאָס" זיך געדאַרפט אַהין צונויפקומען.

אין איין שיינעם טאָג, ווען די זון איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז מען האָט געקאָנט זען דורכן וואַסער גאָר טיף, בין איך צוגעקומען צום באַשטימטן פּלאַץ, אָפּגעשטעלט דאָס שיפל, און אַרונטערגעלאָזט דעם אַנקער. מיינע אויגן, שטאַרק אָנגעשטרענגטע, האָבן געזוכט טיף אין וואַסער, כּדי צו דערגיין און אויסצוגעפינען, וואָס דאָרט קומט פאָר. נאָך געציילטע מינוטן האָב איך דערזען, פריער אַ קליין פישל, נאָכדעם איז פאַרביי געשוואומען אַ „פּוירטש" און נאָך אים אַ היפּשער קאָרעסל. פּלוצלינג האָב איך דערזען פון דריי ביז פיר שורות פיש, אויסגעשטעלט ווי סאָלדאַטן. זייערע אויגן זיינען געווען געווענדעט צום שיפל און כּמעט אָן שום באַוועגונג האָבן זיי מיך מיט מיין שיפל אָנגעקוקט און באַטראַכט. מינוטן לאַנג, האָב איך פון דעם בילד ניט אַראָפּגענומען מיינע אויגן און האָב באַלד באַשלאָסן צו זען ווי זיי וועלן רעאַגירן אויף אַ לעבעדיקן וואָרים. אַ רגע — און איינער פון די פיש, האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם וואָרים און גענומען פירן די „לאַין" אין אַ זייט פון די צווייגן. איין קורצער, אָבער שאַרפער צי פון דער ווענטקע — און דער האָקן איז שוין געווען פאַרטשעפּעט אין „פּאַפּירענעם" מויל פון אַ „קאַליקאָ". דער ערשטער „קאַליקאָ" אויף דעם אָרט איז שוין געווען אַ געפאַנגענער. באַלד זיינען געקומען אַנדערע, און ווער ווייס, ווי לאַנג איך וואָלט זיי דאָן געהאַלטן אין כאַפּן, ווען ניט אַ פּלוצלינגער שטאַרקער ווינט, וועלכער האָט אויפגעכאַפּט און פאַרטראָגן מיין שיפל מיטן אַנקער גאָר ווייט פון פּלאַץ. במשך אַ גאַנצן זומער האָב איך דאָן געטראָפן דאָרט די „קאַליקאָס", כּמעט צו יעדער צייט.

נאָכדעם, ווי איך האָב וועגן דעם אָפּגעגעבן אַ באַריכט צו אונזער פיש־פאַנג־קלוב, האָט מען דעם זעלבן עקספּערימענט דורכגעפירט אין פיל

פּלעצער פון טייך, און אויך אַ סך אַנדערע קלובס אין אונזער געגנט האָבן דאָס זעלבע נאָכגעטאָן אויף זייערע טייכן.

די „קאַליקאָס" זיינען פון דעם מין פיש, וואָס זיינען שטאַרק און קאָנען איבערטראָגן אַ סך שוועריקייטן, נאָך דעם ווי מען פאַנגט זיי, לעבן זיי אויך פיל לענגער פון אַנדערע פיש. ווען דער „קאַליקאָ" פאַנגט זיך אָן צו פּלאָדיען, טראָגט ער אָפט טויזנטער אייערלאַך (טייל־מאָל אפילו ביז צען טויזנט), און ווי גרויס עס זאָל ניט זיין זייער שטערבלעכקייט, ווען זיי זיינען קליין, גיט זיך דאָך איין אַ גרויסע צאָל פון זיי, איבערצוקומען אַלע געפאַרן און זיך אַנטוויקלען צו אַ גרויסן וואוקס.

איך וואָלט געוועז צופרידן, ווען מיר זאָל זיך איינגעבן דורך דעם קאַפּיטל אייך פאַראינטערעסירן אין דעם מין אינטערעסאַנטן פיש, וואָס שווימט אונטער דעם נאָמען „קאַליקאָס".

פיש־פאַנג אין האַרבסט

פאַראַן מענטשן, וועלכע באַקלאָגן זיך, אַז אין די זומער־חדשים איז זיי עפעס ניט געווען מזלדיק דער פאַנג פון פיש. וואָלט איך זיי וועלן דערמאָנען, אַז האַרבסט איז די בעסטע צייט צו פאַרריכטן זייער מזל.

באַלד ווי די ערשטע קילע ווינטן הייבן אָן בלאָזן און די שטיקנדיקע היץ האַלט אין פאַרשווינדן; ווען די אלול־טעג הייבן זיך אָן צו דער־נעענטערן; ווען עס קומט די צייט, ווען „די פיש אין וואַסער הייבן אָן ציטערן" — דעמאָלט איז גוט זיך אַרויסצולאָזן אויף אַ פיש־פאַנג־רייזע. אַלע פיש אָן אויסנאַם ווערן אין גאַנצן אַנדערש אין דער צייט. די נאַטור און אַלעם וואָס לעבט אין איר בייט דעם כאַראַקטער. די פעלדער און דיביימער אין די וועלדער בייטן זייערע קאָלירן און פוצן זיך אויס, ווי זיי וואָלטן וועלן זיך איבעריאָגן אין דער פאַרביקייט פון קאָלירן. אין דער צייט פון יאָר ליגט דאָס טייכל ווי פאַרכּישופט; שטאָלץ און צופרידן מיט די אויסגעפוצטע ביימער, וואָס זעען אויס ווי מחותּנים אויף אַ חתונה. די זון וואַרעמט, די לופט איז קיל און דער הימל טונקט זיך אין וואָלקנס, וואָס קומען גיך און שוועבן גיך פאַרביי. די גראָזן, וואָס האָבן געשפּראָצט אַ גאַנצן זומער ביי די ברעגן און אין די בוכטעס פון טייכל, זיינען שוין אָפּגעשטאָרבן און האָבן זיך ביסלעכווייז אַוועק־געטראָגן מיטן וואַסער. ווי נאָר די בוכטעס זיינען געוואָרן נאַקעט, אַזוי האָבן אַלע קליינע פישעלאַך, וואָס האָבן אין זיי און אַרום זיי געלעבט אַ גאַנצן זומער, זיך געלאָזט, מחנותווייז, אין די אָפענע וואַסערן פון טייך. מען קאָן זיי זען שווימענדיק גרופּענווייז אין פאַרשיידענע געגנטן פון טייך. נאָך זיי, שווימען נאָך אַלע גרויסע און היפשע פיש, זוכנדיק אַ געלעגנהייט אָנצופאַלן אויף דער באַוועגלעכער אַרמיי פון די קליינע פישלאַך. און אַזוי ווי אַלע פיש, אָן אויסנאַם, בפרט ווען זיי וואַקסן אונטער, האָבן ליב די קליינע פישלאַך, ווי דעם בעסטן מאַכל, ווערט טאַקע זייער אומרואיקייט אין דער צייט, פיל שטאַרקער, ווי אין די זומערדיקע טעג. האַרבסט־צייט ברויזט דאָס גאַנצע טייכל מיט אַקטי־וויטעט. אַלע פיש איילן זיך, אַלע פיש יאָגן זיך, אַלע זיינען הונגעריק.

מיט איין וואָרט, ווען די בלעטער אויף די ביימער שיינען מיט קאָלירן פייערדיק־רויט, ליכטיק־געל, ברוין, העל־גרין און גאָלד; ווען די

וואַסערן זײַנען רײַן — זײַנען די פֿיש גרייט צו קעמפֿן, כּדי צו באַפֿרידיקן זייער הונגער. אין דער צײַט זײַנען די „בעס" אַמבעסטן צוגעפּאַסט און גרייט צו דער שלאַכט. אין די שטאַרק הייסע טעג פֿון זומער ליגן די „בעס" אין די טיפֿע וואַסערן, דאָרט וואו עס איז קילער. אָבער באַלד ווי דער זומער גייט אַוועק און די אויבערשטע דעק פֿון וואַסער ווערט אָפּגעקילט, דאַן קומען די „בעס" נעענטער צו די ברעגן און שווימען אַרײַן אין די ווינציקער טיפֿע פּלעצער אין די בוכטעס און אַרום די אינדזלען.

מען דאַרף נעמען אין אַכט, אַז איינע פֿון די הויפּט־שטריכן אין דעם כאַראַקטער פֿון די „בעס", איז זייער טעמפּעראַמענט. אין די הייסע טעג זײַנען זיי פֿויל, יאָגן זיך ניט שטאַרק נאָך שפּײַז. אַחוץ שפּעט אין אָוונט, אָדער גאָר פֿרי אין פֿרימאָרגן, באַוועגן זיי זיך ניט פֿיל. אָבער פֿון סעפּטעמבער אָן, ביז דער צײַט, ווען דאָס אײַז באַווײַזט זיך אויפֿן וואַסער, רוען זיי ניט קיין רגע, נאָר שווימען אַרום און זוכן אַכילה. ווען עס מאַכן זיך אָבער ווידער וואַרעמע טעג, אָדער עס ברעכט אויס אַמאָל, האַרבסט־צײַט, אויף אַ קורצער צײַט אַ היץ, רופֿט עס זיך באַלד אָפּ אויף די פֿיש און זיי הערן אויף זיך צו באַוועגן, ביז עס ווערט ווידער קאַלט. טייל האַלטן, אַז אין די חדשים ערב דעם ווינטער, זײַנען די „בעס" ניט נאָר מער ענערגיש, שטאַרקער, נאָר זיי זײַנען אויך בעסער צום עסן, ווי אין דער זומער־צײַט. אַ סך פֿישערלײַט גלויבן, אַז נאָך דעם ווי די גראָזן שטאַרבן אָפּ און בלײַבן ליגן פֿאַר־דאַרטע אויפֿן גרונט פֿון טײַך, און די וואַסערן ווערן ריינער און קלאָרער, — ווערן אויך די פֿיש ריינער פֿון בלאָטע, וואָס זיי נעמען אָן אויף זיך, שווימענדיק אין די גראָזן. מיט איין וואָרט, זיי זײַנען בכל אופֿן בעסער אין דער צײַט פֿון יאָר. מחמת דעם, וואָס האַרבסט־צײַט ווערן די וואַסערן שטאַרק קלאָר, איז כּדאַי צו וואַרפֿן די שפּײַז גאַנץ ווײַט פֿון שיפֿל, ווײַל אין קלאָרע וואַסערן זעען אויך די פֿיש בעסער דעם פֿישערמאַן, און קיין מעלה איז דאָס זיכער ניט.

די מערסטע פֿיש פֿון מײַן טייכל, שלאָפֿן איין אין די קאַלטע ווינטער־חדשים. דעריבער טאַקע זוכן זיי האַרבסט־צײַט אָנצופֿילן זייערע בײַכער מיט עסנווארג, און יאָגן זיך נאָך אַלץ, וואָס גאָט שיקט צו אויפֿן וואַסער — אַ פֿליג, אַ זשאַבע, אַ קליין פֿישל, אַבי נאָר עס באַוועגט זיך און ווײַזט אַרויס סימנים פֿון לעבן. די פֿיש גרייטן זיך צום ווינטער, פּונקט ווי עמעצער וואָלט זיי אָנגעזאָגט, אַז אָט, אָט וועלן פֿאַרשווינדן

די פליגן און פליגעלאַך, מיט וועלכע די נאַטור איז אַזוי רייך געווען זומער־ צייט.

האַרבסט איז די צייט, ווען די פיש אַליין גייען פישן... ווען זיי אַליין יאָגן זיך נאָך קלענערע און שוואַכערע. דעריבער איז גוט, אין דער צייט פון יאָר, זיך אַרויסצולאָזן אויף פיש־פאַנג־רייזעס. געדענקט וועגן דעם, און איר וועט זיין מזלדיק מיט אייער פאַנג.

פון אַלע צוציאונג־שפייזן איז אין דער צייט פון יאָר דאָס קליינע לעבעדיקע פישל דאָס בעסטע און זיכערסטע מיטל. איך האָב אַמבעסטן ליב אַנצוהענגען אַ פישל אויף דער ווענטקע מיט אַ קאָרק אויף דער „לאַין", אַרויסוואַרפן ווייט פון שיפל, און לאָזן דעם ווינטל טרייבן דאָס שיפל. שוין דערמיט אַליין, וואָס דאָס שיפל לאָזט זיך טראָגן דורך פאַרשיידענע ערטער, גיט עס די מעגלעכקייט צו פאַנגען אַלערליי פיש. אָפט טרעפט מען אָן אין דער צייט גאַנצע מחנות פיש. אַריינוואַרפן די ווענטקע שטילערהייט אין אָט אַזאַ מין מאַסע, ברענגט שטענדיק גוטע רעזולטאַטן. מערסטנס, האַלטן זיך אַזעלכע מחנות אין איין געגנט אַ היפּשע צייט, און עס שאַט ניט צו פאַראַנקערן דאָס שיפל, ווען מען טרעפט אָן אַזאַ חברותא. איר קענט זיך אויסקלייבן יעדן מעטאָד פון פישן, ווי „טראָלן", „קעסטן", אָדער אַן אימיטירטע פליג, און איר מעגט זיין זיכער, אַז אין דער צייט וועט איר האָבן דערפאָלג.

קיינער קען זיך ניט באַקלאָגן אויף אַ לאַנגווייליקער פיש־פאַנג־רייזע האַרבסט־צייט.

צו אַלע מעלות קומט אויך צו די גוטע מעלה, וואָס מען דאַרף אין דער צייט, ניט אויפשטיין אַזוי פרי, ווי אין די זומער־טעג. גאָר פרי, ווען די לופט האָט זיך נאָך ניט אָנגעוואַרעמט נאָך דער קאַלטער נאַכט, איז דער פיש־פאַנג נאָך ניט אַזוי גוט, ווי ערשט שפּעטער, אין פרימאָרגן, ווען עס ווערט וואַרעמער. ווען די זון פאַרגייט, און די קאַלטע נאַכט רוקט זיך אָן, איז אויך ניט אַמבעסטן צום פישן. דערפאַר אָבער וועט איר דעם אמתן תענוג פון פיש־פאַנג פילן אין מיטן אַ האַרבסט־טאָג; ווען איר דערזעט די ענדערונגען אין דער נאַטור; ווען איר פילט, ווי אַלע באַשעפענישן באַהאַלטן זיך אין די טיפענישן און גרייטן זיך אָן שפייז פאַר דעם ווינטער. עס דערמאָנט אונז, אַז אויך מיר וועלן דאַרפן לאַנגע חדשים זיין אָפּגעריסן פון דעם טייכל און פון פיש־פאַנג־שפּיל.

צו וואָס לייקענען? — עס טרייבט טאַקע אָן אַ שטיקל אומעט, אָבער איר האָט דערביי אַ גרויס פאַרגעניגן דערוויייל נאָך צו פישן, און ס׳ווילט זיך איינראָמען אַ סוד אין אויער פון אייערע פריינט און באַקאַנטע: „פאָלגט מיך. גייט פישן אין האַרבסט״.

פיש־פאַנג דורכן אייז

אַווינטער־פרימאָרגן. איינער פון יענע פרימאָרגנס, ווען די זון באַווייזט זיך מיט איר ליכט און שיין אויף אַ לויטערן הימל. דער ברע־נענדיקער פראָסט האָט פאַרגליווערט און איינגעוויקלט די געגנט אין קעלט און שניי. אַלץ אַרום איז באַפּוצט אין אויסטערלישע קאָלירן, וואָס שפּיגלען זיך אָפּ פון דעם בלויען הימל און דער זון. די ביימער — נאַקעטע, קרומע, מיט פאַרדאַרטע צווייגן, שטייען ווי סקעלעטן און רוען אויס זייערע שאָטנס אויף דעם פינקלדיקן שניי. די הייזער מיט שניי־באַדעקטע דעכער און מיט אייז־פאַרקאָוועטע פענצטער, טוליען זיך צו די אייגענע קוימענס, וואָס רויכערן פון גאַנץ פרי אָן און טרייבן דעם רויך גלייך אַרויף צום הימל.

פון אונטער דעם שניי שטאַרצן אַרויס פּלויטן, שפּיצן פון פאַר־פרוירענעם גראָז, פאַרדאַרטע יונגע ביימלעך און פון ווינט אַראָפּגעריסענע צווייגן. קיין זאַך באַוועגט זיך ניט, ווי די נאַטור וואָלט איינגעהאַלטן איר אָטעם; אַ פאַרגליווערטע, זעט זי אויס ווי אַ ווינטער־פּייזאַזש פון אַ מאָלער, אויפגעהאָנגען אויף אַ וואַנט, אָדער, ווי זי וואָלט געמאַכט אַן ערנסטע מינע, גרייט געמאָלן צו ווערן.

אַ קליין לויפנדיק טייכל, וואָס מאַטערט זיך זומער־צייט מיט דער אייגענער טרוקעניש, איז היינט פול מיט וואַסער און מיט כוואַליעס, וואָס רוישן און טומלען. דאָס טייכל איז שטיפעריש און פרייליך. עס געדענקט, ניט איצט געדאַכט, יענע הייסע זומער־חדשים, ווען עס איז אַליין שיער ניט אויסגעגאַנגען פון דאָרשט נאָך אַ טראָפּן וואַסער... היינט איז עס אויפגעריכט; זיינע וואַסערן לויפן, ווי עמעצער וואָלט זיי געיאָגט, און שלאָגן זיך דורך צווישן די ברעגן, באַדעקטע פון אויבן מיט שניי און אונטן מיט אייז. אַ דורכזיכטיקע פאַרע הויבט זיך איבערן וואַסער און די לופט איז קלאָר און ריין, ממש מיט די הענט אָנצוטאַפּן.

ס׳איז איינער פון יענע טעג, ווען עפּעס רופט, ציט, רוימט איין אַ סוד אין אויער: זע נאָר, ווי איך האָב זיך היינט אויסגעפּוצט פאַר דיר, פאַרלאָז אַלץ און קום!... איך ווייס, וואָס דאָס מיינט. פאַר מיר איז עס שוין לאַנג קיין סוד ניט און איך באַשליס טאַקע באַלד: היינט פאָר איך פישן דורכן אייז, און טאַקע מיט מיין אַלטן שותּף צום פיש־פאַנג, מיין זיבעציק יעריקן שכן, וועלכער איז ווי אַ יינגל שטענדיק גרייט צו דעם מין ספּאָרט.

מיר מאַכן אין אייַלעניש אַלע צוגרייטונגען: ריכטן אויס די אויטאָמאָבילן פאַר דער נסיעה איבערן פאַרשנייטן וועג, פאַרפּאַקן די פישערמכשירים און גרייטן צו עסנוואַרג, ניט פאַרלירנדיק קיין איבעריקע רגע. אַלץ ווערט פון אונז געטאָן פּיבערהאַפּט און סיסטעמאַטיש, אַזוי, אַז ווען עמיצער אַ „פרעמדער" זאָל זיך צו דעם צוקוקן, קען ער מיינען, אַז גאָט ווייסט צו וואָס פאַר אַן אונטערנעמונג מיר גרייטן זיך...

מיר לאָזן זיך אין וועג, פאָרן פאַרביי די שטאָט, אָבער מיר ווילן ניט אָנטרעפן קיין באַקאַנטע. נאָך אַלעמען, איז עס אַ מיטן וואָכן־טאָג און מיר פילן זיך ווי שול־יינגלעך, וועלכע באַהאַלטן זיך אויס פון לערנען... אָט האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט לעבן אַ געוועלבל אויף איינצוקויפן עטלעכע קלייניקייטן. דאָס פענצטער פון געוועלבל איז באַפּוצט מיט קווייטן פון פראָסט און מען קאָן גאָרניט זען דורכן גלאָז. מיר גייען אַריין אינעווייניק. אַ פאָרפאָלק, אָנגעטאָן אין שווערע ווינטערמלבושים, שטייט ביי אַן אייל־אייוועלע און וואַרעמט זיך. דער מאַן דערלאַנגט אונז די סחורה און די פרוי, ניט אַראָפּנעמענדיק די אויגן פון אונזערע אויסטערלישע קליידער, פרעגט מיט אַ ניט זיכערן טאָן: איר מיינט צו זאָגן אויף אַן אמת, אַז איר גייט פישן אין אַזאַ ביטערער קעלט? — אָט זעט איר דאָך — האָט מיין שותף געענטפערט מיט אַ יינגלעשן שטאָלץ.

זיי האָבן זיך ביידע איבערגעקוקט. ער — אַ קנייטש מיט די פּלייצעס, זי — מיט אַ פאַרפרוירן און פאַרגליווערט פנים, און דוכט זיך, אַז אַ בלינדער האָט געקענט באַמערקן, ווי אויף ביידנס ליפּן איז געבליבן הענגען דאָס וואָרט: משוגעים...

מיר פאָרן איבערן בריק, שניידן דורך אַ וועג צווישן אָנגעלאָדענע לאַסט־מאַשינען, קריכנדיקע באַסעס און אויטאָמאָבילן, וואָס זעען אויס אין דעם ווינטער־פרימאָרגן ווי מיליטערישע פעלד־קיכן. דער וועג צום טייך, וואָס פירט איבער בערג, וועלדער און טאָלן, איז באַדעקט מיט זון און בלענדיקן שניי. דאָ און דאָרט זעען זיך פוס־טריט פון אַ חיהלע, וואָס איז פאַרבייגעלאָפן איבערן גלאַטן שניי. ערטערווייז טרעפן מיר אָן אַ מחנה שוואַרצע פויגלען, רייסנדיק זיך איבער אַ פאַרפרוירענער שמאַטע אין מיטן וועג; ווען מיר דערנעענטערן זיך, צעפליען זיי זיך אין אַלע זייטן און קערן זיך באַלד צוריק, ווי נאָר מיר פאָרן פאַרביי. די פאַרמס ביים וועג זעען אויס פאַרלאָזענע, אָן אַ סימן פון לעבן. הויכע

וועגענער, מאַשינען, פֿאַרם־פֿאַרמעגנס, ליגן צעוואָרפֿענע, צוגעדעקט מיט שניי, און אַלץ זעט אויס, ווי עס וואָלט זיך איינגעוויקלט אין שניי אויף צו קענען ביישטיין דעם פֿראָסט.

אויפֿן וועג פֿאַרפֿאָרן מיר אין הויף פֿון אַ פֿאַרמער, אויף איינצוקויפֿן קליינע פֿישעלאַך — שפּייז פֿאַר די גרויסע פֿיש. אין אַ ברייטן קאַסטן, וואָס שטייט אין מיטן פֿון אַ קוואַל, שווימען אַרום די קליינע פֿישעלאַך. ווען דער פֿאַרמער קומט אַרויס פֿון הויז, באַגלייט אים אַ מחנה קאָלירטע קעץ, וועלכע ווייסן שוין, אַז ווען מען עפֿנט דעם קאַסטן און עס שווימען אַרום פֿון אויבן טויטע פֿישלאַך, איז עס זייער חזקה. מיר פֿילן אָן די עמערס מיט אַ צאָל פֿישלאַך, וואָרפֿן אַרויף שטיקלאַך האָלץ, אַז דאָס וואַסער זאָל זיך ניט איבערגיסן, און לאָזן זיך ווייטער אין וועג, מחמת דער טאָג שטייט ניט.

ענדלעך פֿאַרקערעווען מיר פֿון הויפּט־טראַקט און לאָזן זיך אויף אַ שמאָלן פֿאַרם־וועג, וואָס ציט זיך דורכן וואַלד ביז צום טייך. עס ווייזן זיך טאַקע שוין די ערשטע סימנים פֿון טייך און מיר פֿילן, אַז אָט באַלד, וועלן מיר זיך טרעפֿן מיט אַ ליבן פֿריינט. מיר פֿאָרן אַריבער די קליינע בריקלעך איבער די וואַסערן און עס ווייזן זיך שוין די גרינעביימער פֿון סאָסנע־וועלדל; די איינציקע, וואָס זעען אויס אין זייערע גרינע בגדים, ווי יום טובדיק אויסגעפּוצטע און שפּיגלען זיך אָפּ אויף דעם פֿינקלדיקן שניי, ווי זיי וואָלטן געפֿירט אַ שפּיל מיט די אייגענע שאָטנס.

אַרומגערינגלט מיט הויכע ברעגן, באַוואַקסענע מיט ביימער, ליגט אין טאָל דער טייך איינגעדעקט אין שניי. ערטערווייז האָט דער ווינט איבערגעלאָזט אויפֿן טייך אַ קלאָר־ריינעם אייז. די זון שיינט אַזוי שטאַרק, אַז מיר מוזן פֿאַרזשמורען די אויגן, כּדי צו זען וואָס עס טוט זיך אויפֿן טייך. מיר שטעלן אָפּ אונזער מאַשין אונטער אַ ברייטן גרינעם סאָסנע־בוים, פּונקט ווי מיר וואָלטן זיך אַריינגעקליבן אין אַ שיינער דירה פֿון אונזערס אַ רייכן פֿריינט.

מיר טוען אָן שטיוול מיט ספּעציעל געמאַכטע פּאָדקאָוועס, כּדי צו קענען לויפֿן איבערן אייז און זיך ניט אויסגליטשן. מיר נעמען אַרויס אונזערע מכשירים, די עמערס מיט די פֿישלאַך, אַן אייז־האַקער, אַ זייערל, און לאָזן זיך אויף דעם אייז. היינט האָבן מיר דעם גאַנצן טייך פֿאַר זיך, מחמת קיינער איז נאָך אַהער ניט געקומען, און קענען דעריבער פֿאַר־

נעמען יעדע געגנט, וואָס אונז געפעלט. עס ווילט זיך אָבער זיין אין דער זעלבער צייט איבערן גאַנצן טייך. מיר באַשליסן זיך אָפּצושטעלן ניט ווייט פון אַ בוכטע, וואו אונטער דעם אייז, אין ניט טיפן וואַסער, געפינט זיך גראָז און ליליע־בלעטער, צווישן וועלכע העכט האָבן ליב אַרומצושווימען, זוכנדיק אַ געשמאַקן ביסן. פון דאָרט וועלן מיר אויס־שטעלן אַ לאַנגע ליניע ביז צו די טיפע וואַסערן, וואו אין דער צייט פון יאָר שווימען אַרום די „פּערטש", אָדער „אָקוניעס", ווי אַנדערע רופן זיי, אויף דעם נאָמען פון דער אַלטער היים.

דער אַלטער נעמט דעם אייז־האַקער, איך — די האַק, און ווי אײַנ־זשינערן, וואָס מעסטן אַ פּלאַץ לויט אַ באַשטימטן פּלאַן, הויבן מיר אָן האַקן דעם אייז. יעדער קלאַפּ איבערן אייז הילכט אָפּ איבער דער שטילער געגנט. שטיקער אייז פליען אין דער הויך, פאַלן צוריק און צעדרויבלען זיך אין קליינע פינקלדיקע שטיקלאַך. עס דונערט אונטער די פיס און יעדער קלאַפּ וואַרפט אָן אַ שרעק אויף די, וואָס זיינען צום ערשטן מאָל אויף אַ טייך אין אַ קאַלטן ווינטער־טאָג. עס דוכט זיך, אַז דאָס אייז שפּאַלט זיך און אָט, אָט עפנט זיך דער טייך און די וואַסערן וועלן אַלץ פאַרשלונגען.

בעת דער אַלטער האַקט לעכער, בוי איך אויף מיט דער האַק אויפן אייז אַ באַקוועם באַהעלטעניש, אויף צו האַלטן די פישלאַך אין פרישן טייך־וואַסער, ווי אויך אָן אָרט פאַר די לעבעדיקע פיש, וואָס מיר וועלן כאַפּן.

נו, און איצט וועל איך אייך באַקענען מיט דעם אופן פון פיש־פאַנג דורכן אייז. אויב איר זענט מער, אָדער ווייניקער באַהאַוונט, ווי אַזוי מען פאַנגט פיש אַ גאַנץ יאָר און איר מיינט, אַז ווינטער איז עס מסתּמא אַביסל אַנדערש, וויל איך בלויז צוגעבן: ניט אַביסל, נאָר אין גאַנצן אַנדערש. ניטאָ קיין ווענטקע אין האַנט, ניטאָ קיין קאָרק פאַר די אויגן, ניטאָ קיין אָפן וואַסער — עפּעס גאָר אַנדערע מכשירים.

איר דאַרפט, למשל, אַ שיין־געשניצט שטעקעלע צו וועלכן עס איז צוגעטשעפּעט אַ פרונזשינע, מיט אַ רויטן „פליגעלע", וואָס הענגט אויף דער ענד; אַ „פישינג־לאַין" מיט אַ היפּשן האָקן און אַ שטיקל בליי, וואָס ווערט אויף אַ שפּאַלעכל („ריעל"), אָדער סתּם אַזוי באַפעסטיקט צום שטעקעלע. אויפן האָקן טוט מען אָן אַ לעבעדיק פישל און מען לאָזט עס אַרונטער ביז צען — צוועלף אינטשעס פון גרונט. ווי נאָר

דער פיש הויבט זיך אָן פּאַרען אַרום דעם פּישל אין וואַסער, שפּרינגט אויף דער רויטער „פּלעגעלע". אויף דער רגע וואַרט דער פישערמאַן מיט אומגעדולד. יעדער שפּרונג פון „פּלעג" מאַכט אַן איבערקערעניש: מען לויפט, מען פּליט און מען יאָגט זיך, ווי נאָך דעם גרעסטן געווינס. די שטעקלעך ווערן אויפגעשטעלט לעבן די אויסגעהאַקטע לעכער אין אייז און באַפּעסטיקט דורכן פראָסט אַזוי, אַז זיי שטייען ווי צוגע־שמידטע. לויטן געזעץ מעג אַ פישערמאַן אויפשטעלן אַזעלכע זעקס שטע־קעלאַך און ניט מער.

עס דויערט גענוג לאַנג, ביז מיר ווערן פאַרטיק מיטן אויפשטעלן אַ לאַנגע שורה שטעקלאַך, וואָס זעען אויס ווי זעלנער אויף זייערע פּאָסטנס. די שטעקלאַך שיינען, די „פּלאָגס" אַרונטערגעבויגן צום שניי, רויטלען זיך נאָך מער אַנטקעגן דער זון; די „לאַינס", אָנגעלאָדענע מיט צאַפּלדיקע פישלאַך און אַרונטערגעלאָזענע אין וואַסער, ציען זיך אויף דער לענג פון דער בוכטע ביז כּמעט צום מיטן טייך, און מיר זיינען גרייט צו כאַפּן פיש.

— ווייסט איר גאָר וואָס — זאָג איך צו מיין שותּף — איצט וואָלט ניט געשאַדט אַ וואַרעם טעפּעלע ציקאָריע.

— ניט איך — שרייט אויס דער אַלטער — ביז איך כאַפּ ניט דעם ערשטן פיש, נעם איך גאָרניט אין מויל אַריין.

בין איך מסכּים מיט זיין נדר און מיר וואַרטן ביידע אויף דעם ערשטן פיש־קרבן. אונזערע אויגן צילן נאָך אַן אויפגעהויבענעם „פּלאָג", אַלס סימן פון אַ פיש, וואָס פישט נאָך אונזער שיפּל אויפן „לאַין".

איך זוך אַ באַקוועמען פּלאַץ ביים ברעג, וואוהין צו קענען איבער־טראָגן עסנוואַרג, אויף צו פּראַווען אַ סעודה, אָנקלייבן האָלץ, מאַכן אַ פייער און זיך איינאָרדענען אויף צו פאַרברענגען די צייט פון טאָג. פּלוצים האָט דער אַלטער, שטייענדיק נאָענט צו מיר, זיך געגעבן אַזאַ וואָרף, פּונקט ווי אַ שלאַנג זאָל אים האָבן אַ ביס געטאָן, און גלייך זיך געלאָזט לויפן מיט אַ ווילד געשריי.

איך האָב פון דער וויטנס נאָכגעפאָלגט זיינע באַוועגונגען. ער איז געשטאַנען אָנגעבויגן איבער דעם אויסגעהאַקטן לאָך אין אייז און גע־פּאָרעט זיך מיט דער „לאַין". נאָך עטלעכע מינוט האָט ער זיך אויפ־

געהויבן און מיט צעשפּרייטע הענט געלאָזט וויסן אויף שטום־לשון, אַז אומזיסט דער טומל, אַז דאָס פישל איז אַפילו ניט אָנגערירט.

אָבער, ווייזט אויס, אַז די העכט, שווימענדיק אַרום, האָבן אונזערע פישלאַך יאָ באַמערקט און גענומען זיך פאָרען אַרום זיי. איין „פלאָג" נאָך דעם צווייטן האָט אָנגעהויבן שפּרינגען, שאָקלענדיק זיך הין און צוריק, ווי זיי וואָלטן געלאָזט וויסן, אַז מען זאָל זיך צואײַלן וואָס גיכער, ווייל ס'איז עפּעס דאָרט פאַראַן. זיינען מיר טאַקע געלאָפן פון איינעם צום צווייטן, געשלעפּט, געכאַפּט, פאַרלוירן, אָנגעטאָן פרישע פישלאַך, געבראָכן דעם אייז, וואָס האָט גענומען דעקן די אָפענע לעכער און פרירן די „לאַינס", און געוואָרן אַזוי פאַרנומען, אַז מיר האָבן קיין צייט ניט געהאַט אויסצורעדן אַ וואָרט.

דער פאַנג האָט זיך אָנגעהויבן. און אַזוי זיינען די געכאַפּטע העכט און „פּערטש" אַרומגעשוואומען, אָבער ניט מער אונטערן אייז, נאָר אין וואַסער אויפן אייז...

האָבנדיק פאַרזיכערט דעם דערפאָלג פון אונזער עקספּעדיציע, האָבן מיר מיט אַן אינערלעכער פרייד זיך געלאָזט וואוילגיין מיט הייסער קאַווע. איך ווייס שוין לאַנג דעם סוד, אַז קאַווע האָט מער ווי איין טעם און אַז עס איז אויך אָפּהענגיק פונעם אָרט און פון דער צייט וואו מען טרינקט זי. אָבער אַלע טעמים האָט קאַווע דעמאָלט, ווען מען טרינקט אויפן אייז, שטייענדיקערהייט, לעבן נאָר וואָס געכאַפּטע שיינע העכט און „פּערטש".

מיר האָבן זיך געלאָזט צוריק אַהיים און פון דערווייטנס נאָך געכאַפּט אַ בליק אויפן הויכן ברעג פון טייך, וואו עס האָט זיך געטראָגן דער רויך פון צעלייגטן פייער הויך איבער דיביימער אין וואַלד אַריין.

פּאַסירונגען

דער עיקר, וואָס ציט צו אַ סך צום ספּאָרט פון פיש־פאַנג, זיינען פּאַסירונגען וואָס טרעפן אויף די פאַרשיידענע רייזעס, און וואָס בלייבן אין זכּרון אויף אייביק; עפּעס אַזוינס וואָס לאָזט ניט פאַרגעסן, וואָס צווינגט טיילן זיך מיט אַנדערע ספּאָרטסלייט און דערציילן עס צו באַקאַנטע. יעדער פישערמאַן האָט עפּעס וואָס צו דערציילן וועגן אינ־טערעסאַנטע צופאַלן. ווער פון אַ גרויסן, ריזיקן פיש, וואָס האָט צעבראָכן די ווענטקע, צעריסן די „לאַין", און אַוועק; ווער פון צוויי פיש וואָס האָבן זיך אָנגעכאַפּט אין דער זעלבער צייט אויף איין האָקן; ווער פון אַ פיש וואָס האָט ערשט ביים אַריינגעמען דעם „פלאָג", כּמעט שוין פון וואַסער אַרויס, זיך אַ יאָג געטאָן און אַרויסגעריסן דאָס גאַנצע קלאַפּער־געצייג פון די הענט פון דעם איבעראַשטן פיש־פאַנגער.

מען וואָלט געקאָנט פון אָט די פּאַסירונגען צונויפשטעלן אַ גאָר גרויסע זאַמלונג פון פאָלקלאָר־שאַפונגען אַרום דעם ספּאָרט פון פיש־פאַנג. געוויס ווערן די אַלע פּאַסירונגען צוגעשריבן צו די באַקאַנטע גוזמאַדיקע „פיש־געשיכטעס", פון וועלכע פישערלייט האָבן אַ שם. מען האַלט, אַז פיל מעשׂיות זיינען פּשוט אויסגעטראַכטע. אַוודאי איז אמת, אַז אַ סך ספּאָרטלייט האַלטן פון כּלל, אַז כּדי צו זיין אַ גוטער פיש־פאַנגער מוז מען אויך קאָנען דערציילן געשיכטעס, וואָס זיינען ניט געשטויגן, ניט געפלויגן. אַז פישערלייט זיינען מגזם ביים איבערגעבן געוויסע פּאַסירונגען, דאָס איז זיכער, אָבער דאָס קומט אין אַ גרויסער מאָס פון ענטוזיאַזם, פון זיין פאַרקאָכט און פון לאָזן די פאַנטאַזיע זיך אַ ביסעלע צעשפּילן. בכלל, ווען אַ פישערמאַן זוכט צו דערציילן וואָס ער האָט איבערגעלעבט ביי אַ געוויסער איבעראַשנדיקער געשעעניש אויף זיינער אַ פיש־פאַנג־עקספּעדיציע, קלינגט עס אין די אויערן פון אַ פרעמדן אינגאַנצן ווי אַן אויסגעטראַכטע זאַך. און ביי דעם בלייבט עס. אַזאַ מזל און אַזאַ רעפּוטאַציע האָבן שוין די פיש־פאַנגער.

נעמט, למשל, אַזאַ פאַל. דאָס איז געווען אויף מיין ערשטער רייזע קיין פלאָרידאַ. צוזאַמען מיט אַ פריינד, אַ געניטער פיש־פאַנגער, האָבן מיר זיך אַרויסגעלאָזט אויף אַ שיפל ניט ווייט פון ברעג און לויט דער אָנווייזונג פון אַ היגן פישערמאַן האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט נעבן אַ פּלאַץ, וואו מיר זיינען די גאַנצע צייט געווען פאַרנומען מיט אַ מחנה „שיפּהעדס", אָדער „אַרעסטאַנטן", ווי אַנדערע רופן זיי צוליב זייערע

שטרייפן, וואָס דערמאָנען דעם אָנצוג פון אַרעסטאַנטן. פלוצלינג האָט זיך עפּעס אַ לאָז געטאָן מיט מיין „לאַין”, אַזוי, אַז איך האָב קוים געהאַט כּוח איינצוהאַלטן די ווענטקע מיטן „ריעל”. איך האָב באַלד דערפילט, אַז איך האָב דאָ צו טאָן מיט אַ באַשעפעניש, וואָס איז געוואַלדיק גרויס און שווער און דעריבער אָנגעווענדט מיין גאַנצע קענטעניש צו באַהאַנדלען דעם פיש לויט אַלע כּללים, כּדי אים אויסצומאַטערן און אַריינקריגן אין שיפל. דער פיש האָט זיך געיאָגט אויף אַלערליי וועגן; אויף אַ שטייפער „לאַין” האָט ער געשניטן דאָס וואַסער ווי מיט אַ מעסער און איז אַרומגעגאַנגען אַרום דער שיף מיט דער גאַנצער „לאַין”, אַזוי, אַז איך האָב שוין אָנגעהויבן פילן אַז מיינע הענט ווערן שוואַך. און דאָך האָט זיך מיר ניט איינגעגעבן אַרויסצוברענגען דעם פיש, כּדי כאָטש צו וואַרפן אַ בליק אויף אים. דער פיש האָט געאַרבעט מעשים, אָבער אַלץ אין דער טיפעניש פון וואַסער. איך האָב באַשלאָסן אָנצוואָווענדן אַביסל כּוח אויף אַרויסצוברענגען אים פון דער טיפעניש, אָבער ווי נאָר ער האָט דערפילט, אַז מען מיינט שוין טאַקע אויף אַן אמת מיט כּוח עפּעס צו טאָן קעגן אים, האָט ער פלוצלינג אַזאַ ריס געטאָן די „לאַין”, אַז עס איז אַ נס וואָס איך בין געבליבן מיט דער ווענטקע אין האַנט. די „לאַין” האָט געפּלאַצט און דער פיש איז אַוועק. אונזער גרעסטער פאַרדרוס איז געווען, וואָס מיר האָבן ניט געוואוסט וואָס פאַר אַ פיש מיר האָבן פאַרטשעפּעט. אָבער מיר האָבן ניט געקענט פאַרגעסן, אַז דאָס איז געווען אַ פיש פון אַזאַ מין גרויס, אַז ס'איז אַפילו ניט מעגלעך געווען צו כאַפּן אַ בליק אויף אים, ווער שמועסט פון אַריינברענגען אים אַ געפאַנגענעם, איז דאָך שוין געווען אָפּגערעדט.

אויף צומאָרגנס זיינען מיר ביידע געפאָרן צו אַ פּלאַץ, וואו דער גאָלף פון מעקסיקאָ גיסט זיך אַריין אין אַ ריי טייכן. מען רופט עס „מידנייט פּעס” און פיש־פאַנגער זיצן דאָרט אין שיפלעך טאָג און נאַכט. מיר האָבן זיך באַזאָרגט מיט לאַנגע, שטאַרקע באַמבו־ווענטקעס, מיט וועלכע די היגע איינוואוינער באַנוצן זיך. ווען עס איז געקומען די צייט עפּעס איבערצוכאַפּן, האָב איך איבערגעלאָזט די „לאַין” אין וואַסער און זיך געקוויקט מיט אַ געשמאַקן זאַפטיקן מאַראַנץ. פלוצלינג, האָט זיך דער לאַנגער באַמבו־שטעקן גענומען פאַמעלאַך רירן און ביז איך האָב צייט געהאַט משיג צו זיין, וואָס דאָ קומט פאָר, איז שוין די ווענטקע אין איר גאַנצער לענג געשוואומען אין וואַסער, געשלעפּט פון אַ פיש.

מיר האָבן זיך ניט פאַרלוירן. דער נעכטיקער אינצידענט מיטן פיש איז נאָך געווען צו פריש אין אונזער זכרון און מיר האָבן גיך אויפגע־הויבן די אַנקערס און זיך געלאָזט צו דער שווימענדיקער ווענטקע.

מיין פריינד האָט געאַרבעט מיט אַלע כּוחות, ביז מיר האָבן אָנ־געיאָגט דעם פּלאַץ און איך האָב געכאַפּט דעם באַמבו אין האַנט, אַרונטערגעלאָזט דעם אַנקער, און אָנגעהויבן זיך ראַנגלען מיטן פיש. דאָס וואַסער איז געלאָפן גיך אונטערן שיפל און דער פיש האָט גענומען אַרויסווייזן גבורות. אָן אַ גוזמא האָב איך זיך געראַנגלט מיט אים אַ האַלבע שעה צייט, און דאַן זיך געביטן מיט מיין פריינט; איינער האָט געקעמפט, דער צווייטער אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם. מיר זיינען שוין ביידע געווען גוט אויסגעמאַטערט. אַלע פישערלייט פון די שיפלעך אַרום האָבן ניט אַרונטערגענומען זייערע אויגן פון אונזער ספּעקטאַקל, און דער סוף איז געווען דער איינענער ווי נעכטן: דער פיש האָט אַ ריס געטאָן מיט אַ מאָדנעם פרישן און שטאַרקן כּוח; דער שפּיץ פון דער גרויסער מעכטיקער ווענטקע האָט זיך איינגעבראָכן און דער פיש איז אַוועק מיטן „לאַין" און מיטן שפּיץ פון דער ווענטקע.

ווי אָפּגעשמיסענע, אויסגעמאַטערטע און באַנאַרישטע, זיינען מיר געבליבן זיצן אין שיפל און דער גרעסטער פאַרדרוס איז ווידער געווען ניט דער פיש, וואָס איז אַוועק, נאָר וואָס מיר האָבן ניט באַוויזן אַפילו צו כאַפּן אַ קוק אויף דעם קעגנער אין וואַסער. דער פאַקט, וואָס דאָס איז געשען איין טאָג נאָכן צווייטן, האָט געמאַכט דעם איינדרוק נאָך שטאַרקער.

אויף צומאָרגנס, נאָך דעם צווייטן אינצידענט, זיינען מיר ווידער געקומען צום זעלבן פּלאַץ וואו נעכטן, צום „מידנייט פּעס". מיר האָבן זיך באַזאָרגט מיט שטאַרקע „לאַינס" און זיך פאַרזיכערט מיט נייע, שטאַרקע באַמבו־ווענטקעס. מיר האָבן דאָרט פאַרבראַכט אַ היפּש ביסל צייט און געכאַפּט מער פיש ווי מיר האָבן געדאַרפט אָדער געזוכט. מיר זיינען געשטאַנען אפשר 100 פוס פון דעם אָרט, וואָס האָט זיך אונז נעכטן אַזוי טיף איינגעקריצט אין זכרון. די זון האָט זיך גענומען אַרונטערלאָזן צו מערב. דער הימל איז געווען לויטער; דאָס וואַסער, וואָס האָט געררוישט און געשטורעמט אַ גאַנצן טאָג, האָט זיך אָנגעהויבן באַרואיקן און די פיש האָבן אונז ניט געלאָזט זיך אָפּרייסן. אַזוי אַנדערש איז געווען דאָס פישן אין די וואַסערן פון זוניקן פלאָרידאַ, אַז עס האָט דערקוויקט ממש יעדן אבר.

מיט אַמאָל האָב איך דערפילט אַ שטאַרקן צי אויף דער „לאַין" און ווען איך האָב אַ נעם געטאָן די ווענטקע צו כאַפּן דעם פיש, וואָס טשעפּעט זיך צו מיין „לאַין" אין וואַסער, האָט זיך מיר געדוכט, ווי איך וואָלט זיך פאַרטשעפּעט אין אַ קלאָץ. די „לאַין" האָט זיך אָנגעצויגן און זיך ניט גערירט פון אָרט. איך האָב זיך אַפילו געוואונדערט, מחמת איך האָב געוואוסט, אַז דער גרונט אין וואַסער איז אַ זאַמדיקער און קיין קלעצער אָדער שטיינער זיינען דאָרט ניט פאַראַן. פּלוצלינג האָב איך דערפילט דורך מיין „לאַין", ווי דער קלאָץ באַוועגט זיך, ווייזט אַרויס לעבן. עס האָט לאַנג ניט געדויערט און דער גאַנצער נעכטיקער פּראָצעס האָט זיך איבערגעחזרט מיט אַלע פּרטים, ניט מער וואָס דאָס מאָל האָבן מיר שוין געאַרבעט מיט פיר הענט אויף איין ווענטקע. אָבער נאָך אַ האַלבער שעה צייט האָט דער פיש צעריסן די „לאַין" און מיר האָבן אים פאַרלוירן.

ביז היינט צו טאָג הויבן מיר ניט אָן צו וויסן וועגן אָט דעם מין פיש, און וועגן זיין גרויס, פּונקט ווי מיר ווייסן ניט וואָס פאַראַ פיש ס'האָבן אונז אין די ערשטע צוויי טעג אויסגעמאַטערט און אָפּגעטאָן אויף טערקיש. איין זאַך ווייסן מיר אָבער יאָ, אַז דריי טעג נאָכאַנאַנד, האָבן מיר פאַרטשעפּעט אַזעלכע גרויסע פיש, אַז זיי האָבן צעבראָכן די „לאַין", אויסגעשעפּט אונזערע כוחות און ניט געלאָזט אַפילו אויף זיך אַ קוק טאָן... און כאָטש מיר האָבן זיי ניט געזען, קענען מיר זיי אָבער קיינמאָל ניט פאַרגעסן. און זאָל עס אויך בלייבן אַ סוד צווישן אונז: אויפן פערטן טאָג זיינען מיר מער ניט געגאַנגען פישן. מיר האָבן זיך אָפּגערוט...

מיט אַ צייט שפּעטער, איז אונז אויסגעקומען צו פאַרברענגען אויף אַ טייך אין פלאָרידאָ, וואָס איז באַקאַנט מיט זיין מאָדנעם אויסזען און מיט די וואַסערן וואָס זיינען אַ געמיש פון זיסע און געזאַלצענע שטראָמען צוזאַמען. אַ גאַנץ היפּשע צאָל פיש געפינען זיך אין אָט די וואַסערן און גאָר אַ סך פיש־פאַנגער קומען צו דעם טייך, וואָס הייסט „מאַיאַקי ריווער". זייענדיק צום ערשטן מאָל אויף פרעמדע וואַסערן, האָב איך, לויט מיין געוואוינהייט באַשטעלט אַ וועג־ווייזער, וועלכער האָט אויף אונז געוואַרט אין אַ צוגעגרייט שיפל, און נאָך דעם ווי ער האָט איבערגעקוקט אונזערע מכשירים, האָט ער זיך העפלעך אַנטשולדיקט און געבעטן, יעדער פון אונז זאָל אים ווייזן, ווי אַזוי מיר זיינען באַהאַוונט אין דער קונסט פון „קעסטן". מיר האָבן זיך באמת ביידע אַביסל

פֿאַרשעמט און אַביסל באַליידיקט. האַלט מען דאָך אונז פֿאַר גרויסע עקספּערטן און מיר אַליין האַלטן פֿון זיך נאָך מער, ווי אַנדערע, און דאָ שטעלט מען אונז גאָר צו אַ פּראָבע?...

אָבער וואָס טוט ניט אַ פֿיש־פֿאַנגער צוליב פֿיש כאַפּן? האָבן מיר טאַקע איינער נאָך דעם צווייטן אַ פּאָר מאָל פּאַרוואָרפֿן דעם „פֿלאָג" אי ווייט, אי שיין, און באַלד דערזען אַ שמייכל פֿון צופֿרידנקייט אויף דעם פֿאַרברענטן פּנים פֿון אונזער וועגווייזער. דער ברייטביייניקער „פֿלאָרידאַ קרעקער" ווי מען רופֿט זיי דאָ אין שפּאַס, האָט אונז גענומען דערקלערן דעם צוועק פֿון דער פּראָבע: „איר זעט, איך נעם אַרויס יעדן טאָג אַנדערע געסט. צווישן זיי טרעף איך גאַנץ אָפֿט אַזעלכע, וועלכע ווילן גיין פֿישן, ווילן כאַפּן גרויסע פֿיש, און עס הויבט זיי ניט אָן צו אַרן, וואָס זיי ווייסן ניט ווי צו האַלטן אַ ווענטקע אין האַנט; אַבי זיי האָבן אַ וועג־ווייזער און ער וועט שוין זען, אַז אַלץ זאָל זיין אין אָרדענונג... קומט מיר אויס, אָדער צו זיצן שעהן לאַנג אין אַ שיפֿל מיט מיין נשמה אויפֿן שפּיץ נאָז און ווערן אַזוי נערוועז, אַז איך זאָל פֿאַרזאָגן אַ צענטן מער ניט נעמען אַזעלכע קאַליקעס; אָדער זיך צו קריגן מיט מיינע געסט. גלויבט מיר, אַז איך בין זיי מוחל די דריי דאָלער אַ טאָג און וועל בעסער גיין אַליין פֿישן.

איך האָב דעם שומר אונזערן אי פֿאַרשטאַנען, אי מוחל געווען און מיר האָבן זיך געלאָזט אויף אַ רייזע פֿון עטלעכע מייל. דאָס וואַסער דאָרט איז שטראָמיק, דער טייך — אַ שמאָלער, בלויז ערטערווייז צעגיסט ער זיך גאָר ברייט. די ברעגן — ווילד באַוואָקסענע; די ביימער ביי די ברעגן — אויסגעדרייטע, מיט מעך באַדעקטע און די צווייגן צעוואָקסענע אין דער ברייט, גרייכן צו דער ערד און ביזן וואַסער. דאָס בילד איז אַזוי אַנדערש פֿון אונזערע טייכן און ברעגן, אַז פֿאַר אַ צייט זיינען מיר ביידע געווען פֿאַרכאַפּט מיט דעם אויסזען פֿון דער נאַטור, און פּשוט געשלונגען דעם גאַנצן אַרום.

דער מאָטאָר איז אָפּגעשטעלט געוואָרן, דער וועגווייזער האָט זיך געזעצט אין מיטן אויף די ווענטקעס, גענומען רעגולירן דאָס שיפֿל און אָנוויייזן וואוהין מיר זאָלן צילן אונזערע „פֿלאָגס". ס'האָט ניט לאַנג גע־דויערט און די „סנוקס", אַן אָנגעזעענער מיוחס צווישן די פֿלאָרידאַ־פֿיש, האָבן זיך גענומען מיט אונז רייצן, טשעפּען, כאַפּן און פֿאַרלירן. אונזער בלוט האָט זיך צושפּילט און מיר זיינען גלייך פֿאַרכאַפּט געוואָרן מיטן שפּיל.

נאָכדעם, ווי מיר האָבן געכאַפּט אַ צענדליק קלענערע „סנוקס", האָבן מיר גענומען זוכן דעם גרויסן, דעם, נאָך וועמען אַלע יאָגן זיך. אָבער ערשט נאָך עטלעכע שעה אַרבעט האָט זיך מיר איינגעגעבן אַריינצופּאַקן אַ צען פונטיקן „סנוק", וועלכער האָט ניט פאַרפעלט צו ווייזן וואָס ער קאָן און ניט פאַרשעמט די משפחה זיינע. מיין פריינד האָט נאָך ניט צייט געהאַט זיך גוט אָנזעטיקן מיט דעם אויסזען פון מיין פאַנג, ווען מיר זיינען פּלוצים געוואָרן טויט צעשראָקן פון אַן אויפרייס, ווי עס וואָלט עפּעס עקספּלאָדירט אונטערן שיפל. און ביז מיר האָבן צייט געהאַט צו באַגרייפן וואָס דאָ האָט פּאַסירט, האָט מיין פריינד דערפילט, אַז זיין ווענטקע שאָקלט זיך אין זיינע הענט, ווי אַ לולב, און די „לאַין" לויפט שנעל, אָן אַן אָפּשטעל. דער וועגווייזער איז געווען דער ערשטער צו פאַרשטיין וואָס דאָ קומט פאָר און האָט גלייך אויסגעשריגן צו מיין פריינד: — „האַלט אים! — דאָס איז ער!" אָבער מיין פריינד האָט די „ריעל" ניט געקאָנט האַלטן. די „לאַין" איז געלאָפן אַזוי גיך, אַז מען האָט מיט אַ פינגער זיך ניט געקאָנט צו איר צורירן, מחמת, ס'האָט געברענט ווי מען זאָל זיך צורירן צו פייער. „דער פיש האָט זיך אַליין אָפּגעשטעלט" — האָבן מיר געקלערט. ווען מיין חבר, אָבער, האָט זיך גענומען צו דער ווענטקע און זיך געשטעלט אין דער פּאָזיציע אָנצוּפאַנגען דעם געראַנגל, איז שוין געווען נאָך אַלעמען. די „לאַין" בלויז איז געבליבן אויפן „ריעל" און דער פיש מיט דעם „פלאָג" זיינען פאַרשוואונדן.

— „אַ שאָד", האָט דער וועגווייזער שטיל באַמערקט, „אַ גוטער פלאָג געווען, מען קריגט זיי אַזוי זעלטן היינטיקע צייטן".

— „וואָס דרייט ער אַ קאָפּ מיטן „פלאָג"? — אַ שאָד דער פיש!" — האָט מיין פריינד מיט שרעק און האַרצווייטאָג אויסגערופן. — „איך וואָלט כאָטש וועלן זען ווי דער „בחור" האָט אויסגעזען".

— „וואַרט", האָט דער וועגווייזער געענטפערט, — „ער וועט זיך באַלד ווייזן. האַלט אַן אויג אויפן וואַסער, וועט איר עפּעס זען".

מיר זיינען געבליבן זיצן אין שיפל, די ווענטקעס אָן אַ זייט און מיט די אויגן אָנגעשטרענגט אויף דעם וואַסער אַרום. און כּך הוה: אַ גרויסער „סנוק", זיכער איבער צוואַנציק פונט, האָט ווי טאָרפּעדאָ אַרויסגעשאָסן פון וואַסער, און אין זיין גאַנצער גרייס פון קערפּער,

מיט אַ שטאַרקן שאָקל פון קאָפּ, אַרויסגעטרייסלט פון זיך דעם „פּלאָג", זיך באַפרייט פון די האָקנס און איז פאַרשוואונדן.

דער וועגווייזער האָט זיך גלייך געלאָזט מיט דעם שיפל נאָך דעם „פּלאָג", מיר אָבער זיינען פון אָט דער סצענע געבליבן זיצן ווי פאַרכּישופטע. ביים וועגווייזער איז דאָס געווען אַ טאָגטעגלעכע פּאַסירונג — ער קאָן די פיש און ווייסט זייערע געוואוינהייטן. מיר אָבער האָבן עס ניט פאַרגעסן. לעבעדיק איז דער טאָג, דער טייך, דער „סנוק", דער אויפרייס און אונזער איבערלעבונג. דאָס זיינען פון די פּאַסירונגען, וואָס מען פאַרגעסט ניט כּל זמן דער זכּרון איז פעאיק צו אַרבעטן...
איז עס אַ חידוש, וואָס פישערלייט האָבן אַזוי ליב צו רעדן און דערציילן פון אַזעלכע פּאַסירונגען?

אין געיעג נאָך גרויסע ים־פיש

אַ צייט לאַנג האָב איך געהאַט אַ שטאַרקן חשק צו זען און ביי־וואוינען דעם גאַנצן פּראָצעס, וואָס איז פאַרבונדן מיט פאַנגען די גאָר גרויסע ים־פיש. איך בין בכלל ניט קיין גרויסער אָנהענגער פון פישן נאָך די ים־חיות און פון יאָגן זיך נאָך די ריזיק גרויסע באַשעפענישן. אָבער עס ווערט אַזוי פיל געשריבן און דערציילט וועגן די דערפאַרונגען פון פיש־פאַנגער אויף די גרויסע ימים, אַז איך האָב פון לאַנג געזוכט אַ געלעגנהייט דורכצומאַכן אַזאַ נסיעה. איך האָב ניט בדעה צו פאַר־בייטן דעם ספּאָרט פון פישן אין די זיסע וואַסערן אויף דעם געיעג פון פאַנגען די ווילדע ים־פיש; אָבער אַליין בייצוּוואוינען איז עס ווערט. היינטיקן ווינטער האָב איך געהאַט דערצו די געלעגנהייט און איך וויל טאַקע וועגן דעם דערציילן.

נאָך אַ לאַנגן, וואַרעמען ווינטער אין פלאָרידאַ, האָבנדיק פאַרבראַכט אויף די וואַסערן כּמעט די גאַנצע צייט וואָס איך בין געווען אין דער וואַרעמער געגנט, האָב איך געהאַט צו פאַרצייכענען אַ גרויסן דערפאָלג אין געיעג מיט פאַרשיידענע פיש. בפרט איז מיר געלונגען צו פאַנגען אַ געוואַלדיק גרויסע צאָל „טראַוט". עס זיינען געווען טעג, ווען אין משך פון עטלעכע שעהן איז מיר געלונגען צו פאַנגען אַן ערך פון 40 ביז 50 „טראַוט", וואָס האָבן געוואויגן פון 60 ביז 70 פונט. עס איז געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז נאָכדעם ווי איך האָב באַזאָרגט אַלע פריינד און שכנים מיט פיש, וויפל זיי האָבן נאָר געקאָנט באַנוצן, האָב איך געהאַט אַ פּראָבלעם וואָס צו טאָן מיט די איבעריקע. סיידן, כאָטש נעם און פאַרקויף — און דאָס איז גרינגער צו זאָגן ווי צו טאָן.

שוין יאָרן לאַנג, ווי איך ראַנגל זיך מיט דעם געדאַנק, צי זאָל איך ברעכן די טראַדיציע פון אַ ספּאָרטסמאַן, אַ ליהאָבער פון פישן, און אַריבערגיין אין דער קאַטעגאָריע פון איינעם וואָס דערלויבט זיך צו פאַרקויפן די פיש פאַר געלט. דעם יאָר האָב איך דעם נסיון ניט אויס־געהאַלטן און געזינדיקט מיט פאַרקויפן אַ היפּשע פּאָר פונט גלייך צום מאַרקעט. יאָ, איך בין זיך מודה און מתודה אויף מיינע זינד...

סוף ווינטער, ווען אין די קאַלטע געגנטן הייבט אָן ווערן וואַרעם און אין די וואַרעמע היים, הויבן אָן די פישערלייט צו וואַרטן אויף דעם וועלט־באַרימטן פיש, „טאַרפּאָן". לכתחילה ווייזן זיי זיך אין

די „עווערגלײדז״״ און אין אַ קורצער צײַט שפּעטער קומען זיי אין פּלאָרידאָ און מען כאַפּט זיי דורך דעם גאַנצן זומער. מיר איז באַשערט געווען ניט נאָר צו גיין צום ערשטן מאָל אויספּרואוון מײַן מזל אין אַזאַ מין געיעג, נאָר אויך צו פּאַרטשעפּען און ראַנגלען זיך מיט דעם ערשטן „טאָרפּאָן״, וואָס האָט זיך באַוויזן דעם סעזאָן אין די „עווערגלײדז״. צוזאַמען מיט מײַן פרוי זײַנען מיר אָנגעקומען אין אַ קליין דערפל, וואו עס שטייען עטלעכע געציילטע הײַזער מיט אַ קליינער צאָל אײַנוואוינער, וועלכע לעבן נאָר פון פיש־פאַנג. יעדן פרימאָרגן פאָרן פון דאָרט אַרויס כלערליי שיפן, באַלאָדן מיט אַלע נויטיקע מכשירים און גרייט צום געיעג. אָט די שיפן פירן גאַנצע מחנות ספּאָרטסלײַט, וועלכע קומען אַהער פון אַלע עקן לאַנד. דער פירהויז פון האָטעל, אין וועלכן מיר זײַנען אײַנגעשטאַנען, זעט אויס ווי אַן אַקוואַריום מיט כלערליי ים־פיש. ניט מער, וואָס דאָ הענגען זיי אויף די ווענט פאַרגליווערטע, אָבער אַזוי קינסטלעך אויסגעשטאָפּט, אַז זיי זעען אויס ווי לעבעדיק. אַלע מענטשן אין אָט דעם דערפל לעבן אין אַן אַטמאָספערע פון פיש־פאַנג. מען איז פאַרטאָן, פאַרנומען אין קומען, גיין, מאַכן הכנות פאַר אַ פיש־רייזע.

גאַנץ פרי זײַנען מיר אַרויסגעפאָרן מיט אַ דערפאַרענעם וועגווײַזער, וועלכער האָט אונז געפירט דורך די צען טויזנט אינדזלען, דורך וועלכע מען טאָר זיך אַליין חלילה ניט לאָזן, ווײַל מען וועט קיינמאָל אַליין ניט געפונען דעם וועג צוריק. די רייזע צווישן די אינדזלען האָט געדויערט איבער אַ שעה צײַט. ווי נאָר מען דערגרייכט די וואַסערן פון מעקסיקאַנער גאָלף, לאָזט מען אַרויס די „לאַינס״, באַוואָפנט מיט גרויסע האָקנס און ווענטקעס, שווערע און אָנגעלאָדן מיט נאָך שווערערע „ריעלס״. פאַר אַ פישערמאַן וואָס קאָן הנאה האָבן פון אַ לײַכטער ווענטקע פון דריי און אַ האַלב „אָנצעס״, ווערט אַביסל קאַלעמוטנע אויפן האַרצן, ווען מען דערלאַנגט אים פלוצים אַזעלכע שווערע מכשירים. מען מוז אָבער זײַן קאַלטבלוטיק און אויך דאָס אויספּרואוון. דאָס פישן איז אויסשליסלעך דורך „טראָלן״. די „לאַינס״ ווערן אַרויסגעלאָזט אַן ערך 70 אָדער 80 פוס ווײַט און דאָס שיפל ווערט געפירט פּאַמעלעך. צום האָקן ווערט צוגעטשעפּעט, אָדער אַ פעדער, אָדער אַ טייל פון אַ פיש, וואָס ווען מען פירט עס דורכן וואַסער, מאַכט עס דעם אײַנדרוק פון אַ לעבעדיקן פיש.

מיר זײַנען אין דער געגנט געווען אַרומגערינגלט מיט אַ גרויסער צאָל שיפן, אָבער קיין פיש האָבן זיך עפּעס ניט געכאַפּט. אין משך פון

אנדערהאַלבן שעה זיינען צווישן אַלע שיפן אפשר געפאַנגען געוואָרן נעצײלטע דריי אָדער פיר פיש און דערצו גאַנץ קליינע. די וועג־ווייזער זיינען געוואָרן אומרואיק און באַזאָרגט, און געקלערט, צי דאָס איז ניט אַמאָל איינער פון יענע טעג, ווען די פיש פאַרעקשנען זיך און ווילן זיך ניט צורירן צו קיין שפּייז. זייענדיק אַ שטענדיקער זוכער און צו יעדער צייט גרייט צו עקספּערעמענטירן, האָב איך אַרויסגענומען אַ גאַנץ קליינעם „פּלאָג", מיט וועלכן איך האָב אַ גאַנצן ווינטער גוט געאַרבעט, און אויף מיין אייגענער פאַראַנטוואָרטלעכקייט, אים צוגעטשעפּעט צום „לאַין" און אַרויסגעלאָזט פון שיף. איך האָב געטראַכט: די פיש בייסן דאָך במילא ניט, וואָס האָב איך צו פאַרלירן? אָבער מיין „פּלאָג" איז נאָך רעכט ניט אַרויס האַלב וועג, ווען איך האָב דערפילט, אַז ער גייט ניט ווייטער, ווייל ער האָט זיך אין עפּעס פאַרהאַקט. ניט וועלנדיק פאַרלירן דעם „פּלאָג", אָדער צעריסן די „לאַין", האָב איך אויסגעשריגן צום קאַפּיטאַן, אַז איך בין פאַרטשעפּעט, און נאָך איידער ער האָט גע־האַט אַ געלעגנהייט זיך פונאַנדערצוקלייבן אין דעם וואָס איך שריי צו אים, האָט מיין „לאַין" זיך אַ ציי געטאָן מיט אַזאַ גיכקייט, אַז איך האָב מיינע ווערטער ניט פאַרענדיקט, און מיט אַלע כּוחות אָנגעשטעלט דעם „ריעל", כּדי צו פאַרהאַלטן דעם וועג. די ווענטקע האָט זיך אַ בויג געטאָן אַזוי, אַז עס האָט מיך גאַנץ גוט צעטרייסלט און פון וואַסער איז אַרויס אַ חיה, וואָס האָט דערגרייכט אין דער לופט די הויך פון 40 אָדער 50 פוס. די קאָלירן פון פיש, זון און הימל, האָבן געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ פאַרביקן רעגנבויגן, אויף וועלכן עס גלוסט זיך איינקריצן מיט די אויגן און ניט וועלן זיך אָפּרייסן. און באַלד איז דער פיש אַרונטער אין וואַסער.

מען קען זיך פאָרשטעלן די געשרייען און דעם טומל אַרום פון די אַנדערע שיפן. די לופט איז דורכגעשניטן געוואָרן מיט איין איינ־ציקן קול: „טאָרפּאָן! „טאָרפּאָן!" אָבער הטאָרפּאָן איננו. ער האָט אויס־געשפּיגן מיין „פּלאָג", וואָס איז אַרויסגעפלויגן פון זיין מויל, ווי אַ קויל פון אַ ביקס, און איז פאַרשוואונדן. ער האָט צעבראָכן אַלע האָקנס פון „פּלאָג" און עס האָט ניט געקאָנט זיין קיין רייד פון פאַנגען אים. בכלל פאַנגט מען אַ „טאָרפּאָן" זייער זעלטן. דאָס מויל פון „טאָרפּאָן" איז אַזוי האַרט און ביינערדיק, אַז סיידן מען זעצט אַריין דעם „האָקן" טיף אין זיין האַרטן מויל, אַזוי, אַז זיין שפּרונגען, טאַנצן און קעמפן קאָן אים ניט באַפרייען; אַנדערש קאָן מען אים ניט פאַנגען. אָבער

ספּאָרטסלייט זיינען צופרידן זיך צו ראַנגלען מיט אַ „טאַרפּאָן" און צו ציילן וויפל מאָל און ווי הויך ער שפּרינגט אַרויס פון וואַסער. דעריבער זיינען מיך אַלע מקנא געווען, וואָס מיין מזל האָט מיר צוגעשפּילט און איך האָב געהאַט די זכיה צו פאַרטשעפּען דעם ערשטן שליח פון דער „טאַרפּאָן" משפחה. אָבער אין אַ צען מינוט אַרום האָט געטראָפן עפּעס אַזוינס, וואָס האָט גיך געמאַכט פאַרגעסן דאָס פריערדיקע.

אויף איינעם פון די שיפלאַך האָט אַ פרוי פאַרטשעפּעט דעם צווייטן „טאַרפּאָן" און ווען ער איז אַרויס פון וואַסער, האָבן אים די וועג־ווייזער געשאַצט כּמעט צוויי מאָל אַזוי גרויס ווי „מיינעם", דאָס הייסט קרוב צו 130 פונט. ער האָט מיט אַזאַ כּוח אַ צי געטאָן די „ליין", אַז ער האָט פון די הענט פון דער פרוי אַרויסגעריסן די ווענטקע מיטן „ריעל" און גאַנצן קלאַפּערגעצייג. מיר זיינען אַלע געבליבן זיצן אויף אונזערע שיפלאַך פאַרגליווערטע פון דעם בילד. איבער אַ שעה צייט האָט מען געזוכט צו כאַפּן די ווענטקע מיטן „ריעל", אַנשטאָט דעם „טאַרפּאָן". מער קיין פיש האָט מען דעם טאָג ניט געכאַפּט. אָבער די צוויי געשעענישן זיינען געווען גענוג, אַז די גאַנצע געגנט זאָל זיין פול מיט די נייעס, אַז די „טאַרפּאָנס" זיינען שוין דאָ. אַזוי אַרום האָב איך דעם יאָר באַוויזן צו עפענען דעם „טאַרפּאָן"־סעזאָן.

פון יענעם אָרט זיינען מיר געפאָרן צום „גאָלף־שטראָם". מיר האָבן געוואָלט זען, ווי מען פאַנגט די „סייל־פיש". דאָס מאָל זיינען מיר געווען אַ גרופּע פון פינף. מיר האָבן זיך גאַנץ פריי אַרויסגעלאָזט אויף אַ שיינער שיף וואָס ווערט באַדינט פון דריי מענטשן. דער סאָרט פאַנגען איז גאָר אויף אַן אַנדער אופן: פיר ווענטקעס זיינען צוגעשרויפט צו דער שיף, און אַזוי ווי די שיף פאָרט, שלעפּט זי מיט די פיר „ליינס", און פירט זיי דורכן וואַסער. קיינער פון די פישערלייט האַלט ניט די ווענטקעס אין זיין האַנט. ווען, אָבער, אַ פיש כאַפּט זיך צו דער שפּייז, דאַן גיט די „ריעל" אַזאַ מין זינג, אַז עס גייט דורך אַלעמענס נערוון, און דאַן נעמט מען ערשט די ווענטקע אין האַנט און מען פאַנגט אָן די מלחמה פון ברענגען דעם פיש אויף דער שיף.

דער קאַפּיטאַן שטייט די גאַנצע צייט, פון אויבן אויפן דאַך פון שיף און בשעת ער פירט דאָס שיפל, זיינען זיינע אויגן אָנגעשטרענגט, צו זען וואָס עס טוט זיך אויף דער פלאַך פון וואַסער. דאָרט וואו ער זעט סימנים פון פיש, אַהינצו טרייבט ער דאָס שיפל; און זיינען זיי

נאָר פאַראַן אין דער געגנט, דאַן זעט מען זיי שפּרינגען און זיך וואַרפן פון וואַסער, ווי זיי וואָלטן גערופן און געבייטש מען זאָל קומען צו זיי.

אַזוי פאָרנדיק, זיינען מיר אַריינגעפירט געוואָרן אין אַ מחנה „דאָל־פינס“. זיי זיינען געשפּרונגען אין דער לופטן, וואַרפנדיק זיך אויף אונזערע האַקנס. ניט איינמאָל האָבן זיי אונז אַזוי צעטומלט, אַז אונזער שיפל האָט אויסגעזען ווי אויף אַ יאַריד אין אַ קליין שטעטל. די „ריעלס“ האָבן געזונגען, די פישערלייט האָבן געשריגן און געאַרבעט מיט די ווענטקעס, דער קאַפּיטאַן האָט געגעבן באַפעלן פון דאַך און די וועג־ווייזער האָבן געהאָלפן. איינער האָט ניט געוואוסט וואו דער צווייטער האַלט מיט זיין פיש. די אויפרעגונג איז געווען ניט צו באַשרייבן און אויב דאָס איז נאָך געווען ווייניק, האָט אונז נאָך גאָט צוגעשיקט איינעם, מיט אַ פאָטאָ פילם־אַפּאַראַט, און אים איז געגאַנגען אין לעבן צו פאָטאָגראַפירן אונז גראָד אין מיטן פון געראַנגל; ער איז מיט זיין פאָטאָ־אַפּאַראַט געקראָכן אונז אין פּנים, גראָד ווען אונז איז געשטאַנען אין קאָן צו געווינען, אָדער צו פאַרלירן דאָס גרויסע געווינס...

די קאָלירן פון די „דאָלפינס“ אין די וואַסערן פון „גאָלף־שטראָם“ זיינען ניט צו באַשרייבן. דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן איז מיר אויסגעקומען צו זען אַזוי פיל באַוועגלעכע קאָלירן בלישטשען דורכן וואַסער. מיר האָבן זיך פאַרגינען אַריינצוברענגען 35 „דאָלפינס“, וואָס האָבן געוואויגן אַן ערך פון אַכט ביז צען פונט יעדערער.

אַגב, וויל איך פאַרצייכענען אַן עפּיזאָד, וואָס מיר האָבן דורכ־געמאַכט ביי דעם דאָזיקן פאַנג: איינער פון אונזערע פריינד האָט זיך געראַנגלט מיט אַ „דאָלפין“. ווייזט אויס, אַז דער פיש איז געווען אַ גאַנץ היפשער, ווייל ער האָט אַוועקגעשלעפּט אַ פּאָר הונדערט פוס „לאַין“ און זיך ניט געלאָזט אַזוי גרינג צוברענגען צו דער שיף. פּלוצ־לינג, האָט דער קאַפּיטאַן פון אויבן גענומען שרייען, אַז ער זאָל שלעפּן דעם „דאָלפין“ וואָס שנעלער, מחמת אַ גרויסער „שאַרק“ יאָגט זיך נאָך אים. מיר האָבן טאַקע אַלע באַלד דערזען, ווי דער „דאָלפין“ שפּרינגט פון איין זייט צו דער צווייטער און דער „שאַרק“ יאָגט און שפּרינגט נאָך אים. די צוויי געהילף־קאַפּיטאַנען האָבן זיך ניט פאַרלאָזט אויף אונזער פריינדס כּוח, און ווייסנדיק אַז דער „שאַרק“ וועט באַזיגן דעם „דאָלפין“, האָבן זיי גיך אַ כאַפּ געטאָן די „לאַין“ אין האַנט און גענומען שלעפּן מיט אַלע כּוחות. דער „דאָלפין“ איז געשפּרונגען, דער

„שאַרק״ האָט געיאָגט, און דורך דעם שלעפּן פון „לײַן״ האָט מען געקענט זען דעם גאַנצן געיעג צווישן זיי. מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם האָבן מיר נאָכגעפאָלגט יעדער באַוועגונג. אָט, ווייזט אויס, האָט דער „שאַרק״ געפאַנגען דעם „דאָלפין״, און מען האָט אים, דוכט זיך, פון זײַן מויל אַרויסגעשלעפּט. דער געיעג קומט נעענטער און נעענטער צו דער שיף. עס איז אַ פראַגע ווער וועט זיגן: די פישער, דער „שאַרק״, אָדער דער „דאָלפין״. חברה אַרבעט מיט אַלע כּוחות און באַווייזט צו ברענגען דעם „דאָלפין״ ביז צום שיף. אָבער דער „שאַרק״ באַווייזט אויך איינצושלינגען דעם „דאָלפין״ לעבן שיף, פאַר אונזערע אַלעמענס אויגן. ער האָט אי געכאַפּט דעם פיש, אי איבערגעביסן די „לײַן״, און איז אַוועק. מיר זיינען שטאַרק איבערראַשט געוואָרן פון דער דאָזיקער סצענע און לאַנג ניט געקענט פאַרגעסן דאָס זעלטענע בילד פון קאַמף און געראַנגל צווישן פיש אויף די וואַסערן פון „גאָלף־שטראָם״.

דער פיש־פאַנג איז ווייטער אָנגעגאַנגען, הגם מיר זיינען שוין פּולשטענדיק געווען אויסגעשעפּט פון אונזערע כּוחות. עס איז געווען אַ דערפאָלגרייכע רייזע, אָבער עס האָט נאָך געפעלט כאָטש איין גרויסער, ריזיקער „סייל־פיש״. דער קאַפּיטאַן האָט געחלשט צו פאַנגען כאָטש איינעם, כּדי אונז צו ווייזן ווי דאָס ווערט געטאָן. אָבער אַז דאָס מזל שפּילט, איז דאָך ניט שייך. אין אַ קורצער צייט אַרום, שרייט אויס דער קאַפּיטאַן, מען זאָל זיין גרייט; ער האָט דערזען אַ פּאָר גרויסע „סייל־פיש״! ער פּאָרט צו זיי. מיר שטייען מיט אָנגעשטרענגטע נערוון און הגם די שיף ווערט געטריבן מיט אַלע כּוחות, דוכט זיך אונז, אַז זי גייט צו פּאַמעלעך. און פּלוצלינג הייבט אָן איין „ריעל״ זינגען אויף דער העכסטער אָקטאַווע. די „לײַן״ לויפט שנעל אָן אָפּשטעל. דער קאַפּיטאַן זעט שוין פון אויבן, ווי דער פיש טראָגט זיך מיט אונזער שפּייז, און גיט אָנווייזונגען וואָס צו טאָן. קיינער פון אונז כאַפּט זיך אָבער ניט צו דער ווענטקע, ווייל דער פיש וואָס האָט ערשט געבראָכן די וואַסער־פלאַך, זעט אויס אַזוי גרויס, אַז מיר טרויען זיך אַליין ניט און שטייען אויף אַ זייט, ניט וועלנדיק זיך פאַרמעסטן מיט אַזאַ חברה־מאַן. איינער פון די געהילפן נעמט אָבער פּאָרט אַ ווענטקע, ברענגט זי אין אָרדענונג, שטעלט אָפּ דעם פיש פון לויפן ווייטער פון זיינע 800 פוס, וואָס ער האָט שוין אַרויסגעצויגן פון דער „לײַן״, און פּועלט ביי איינעם פון אונז צו נעמען די ווענטקע, כּדי אָנצוהייבן די אַרבעט;

ער פאַרזיכערט דערביי, אַז אַלע וועלן מיטהעלפן אַריינצוברענגען דעם פיש.

און די אַרבעט האָט זיך אָנגעהויבן: איינער פון די געהילפן האַלט דאָס בענקל מיטן פיש־פאַנגער, דער צווייטער העלפט האַלטן די ווענטקע, אונזער פריינד פאָכעט מיט דער נשמה צו קענען כאַטש גיבן עטלעכע דריי מיט דעם „ריעל״, און עס פאַנגט זיך אָן אַ פּראָצעס פון געווינען אַ שפּאַן נאָך אַ שפּאַן. אָט בלייבט מען שטיין ווי אויף איין פּלאַץ; ניט דער פיש וויל נאָכגעבן אַ שפּאַן און ניט דער פישערמאַן וויל נאָכגעבן דעם פיש.ביידע רירן זיך ניט פון אָרט. און אַזוי געדויערט עס איבער אַ שעה־צייט. אונזער פריינד, וואָס טוט עס צום ערשטן מאָל, איז זייער צופרידן, אָבער ער בלייבט שוין אָן כוחות. דער קאַפּיטאַן פון אויבן פאָלגט נאָך יעדער באַוועגונג. אָט שרייט ער, אַז ער זעט אַז דאָס איז ניט קיין „סייל־פיש״ נאָר אַ „מאַרלין״, אַ „ווייט־מאַרלין״; און אַזוי פּאָמפּעט מען — דיר אָן אינטש, מיר אָן אינטש, דיר אַ שפּאַן, מיר אַ שפּאַן, ביז מען דערגרייכט צום שיפל. און דאָ הויבט זיך אָן גאָר אַ נייער פּראָצעס; דער קאַפּיטאַן מיט זיינע געהילפן נעמען איבער די אַרבעט, און אונז בעט מען במחילה זיך שטעלן אָן אַ זייט. דער קאַפּיטאַן קומט אַרונטער פון דאַך, טוט אָן אַ פּאָר גרויסע הענטשקעס אויף זיינע הענט, און איינער נעמט זיך צום רעדל פון שיף. דער פיש, וועמען זיי זעען שוין אין זיין גאַנצער גרויס, הגם אויסגעמאַטערט פון דעם לאַנגן קאַמף, ווייזט נאָך גענוג כוח צו גיין פון רעכטס אויף לינקס און שלעפּן פון לינקס צו רעכטס, בעת דער קאַפּיטאַן זוכט די געלעגנהייט צו כאַפּן אים אין אַ לאַגע, וואו ער זאָל אים קאָנען אַריינשלעפּן.

דאָס שיפל גייט זייער פּאַמעלאַך, כמעט וואָס עס רירט זיך. עפּעס פּלאָנעווען די וועג־ווייזערס, אָבער וואָס ווייסן מיר ניט. עס בלייבט טאַקע די פראַגע, ווי אַזוי וועט מען פאַרט אַריינשלעפּן אַזאַ גרויסן פיש, וואָס וועגט צענדליקער פונט. דער קאַפּיטאַן אָבער, בייגט זיך איבער גאָר נאָענט צום וואַסער און כאַפּט אָן מיט ביידע הענט דעם לאַנגן שנאָבל וואָס שטעקט אַרויס ווי אַ שפּיז פון קאָפּ פון פיש. און אַזוי גיך, ווי ער האָט אים אָנגעכאַפּט מיט די הענט, האָט דער, וואָס איז געשטאַנען ביים רעדל, אַ לאָז געטאָן די שיף מיט אַלע כוחות. פון דעם אימפּעט און גיכער באַוועגונג פון דער שיף און דורך דעם וואָס דער קאַפּיטאַן האָט געהאַלטן דעם קאָפּ פון פיש אַרויס פון וואַסער, האָט דער גאַנצער

פיש זיך אַ הייב געטאָן פון וואַסער און זיך געפינען ווי אין דער לופטן. דעם מאָמענט טאַקע האָט דער קאַפּיטאַן אויסגענוצט אויף אים אַריינ־צוברענגען פון דער לופטן אין דער שיף אַריין. דאָס איז געטאָן געוואָרן אויף אַ וואונדערלעך שנעלן אופן און איידער מיר האָבן זיך אַרומגעזען, איז דער גרויסער פיש שוין געלעגן אַ געפאַנגענער.

עס איז געווען אַ „ווייס־מאַרלין", אַ פיש ענלעך צו אַ „סייל־פיש", אָבער ווייזט אויס, אַז מען פאַנגט אים זעלטן, מחמת דער קאַפּיטאַן פון שיף און זיינע געהילפן זיינען געווען מיט אים גאָר צופרידן. מיר זיינען געווען שטאַרק אויפגערעגט, און דער פריינד, אויף וועמענס נאָמען דער פאַנג ווערט פאַררעכנט און וועלכער איז געווען אין גאַנצן אויסגעמאַטערט און בלייך, האָט געשמייכלט מיט גרויס צופרידנקייט. אַ קליינע פאָן איז גלייך אויפגעהאָנגען געוואָרן אויף דעם שפּיץ פון שיף, אַנזאָגנדיק מיט שטאָלץ אַלע אַנדערע שיפן, אַז מיר האָבן דעם פאַר־מעגן פון אַ „ווייס־מאַרלין", וואָס וועגט קרוב צו 80 פונט.

איבעריק צו דערציילן וועגן דעם קבלת פּנים וואָס מיר האָבן געהאַט ביי אונזער צוריקקער. דער גרויסער עולם, וואָס האָט אונז אָפּגעוואַרט, איז געווען אויפגערעגט און טומלדיק. מיר זיינען באַטראַכט געוואָרן ווי געוואַלדיקע העלדן. פאָטאָגראַפיסטן האָבן גענומען בילדער, רעפּאָר־טערס האָבן פאַרשריבן די נעמען פון יעדן איינעם פון אונז, און עס איז געווען לעבעדיק. און פאָרט, ווייל איך זאָגן, אַז הגם די גאַנצע רייזע און דער פּראָצעס פון פאַנגען אַזאַ גרויסן פיש איז געווען, אָן ספק, גאָר אינטערעסאַנט, דאָך קען מען עס ניט פאַרגלייכן מיט דער קונסט און דעם פאַרגעניגן פון פישן אויף קלענערע פיש, אי אויף זיסע, אי אויף געזאַלצענע וואַסערן.

דעם פאַנג פון די גרויסע פיש קאָן מען מער פאַרגלייכן צו אַ שווערער אַרבעט, ווי צו דער קונסט פון פישן. אוודאי דאַרף מען זיין מסוגל צו אָט אַזאַ מין אַרבעט, אָבער זי איז, לויט מיין מיינונג, אַ סך ווייניקער קאָמפּליצירט און אינטערעסאַנט, ווי דאָס פישן אויף אַ פּשוטן און נאָר־מאַלן אופן. ווען מען נעמט נאָך דערצו אין אַכט דעם שעהן־לאַנגן גע־ראַנגל מיט אַן איינציקן גרויסן ים־פיש און דעם אָנטייל פון אַ סך מענטשן דערביי, בלייב איך פעסט ביי מיין מיינונג און איך זאָג: גיט מיר ווייטער אַ „פלאָג" צו וואַרפן; אַ ווענטקע, וואָס וועגט דריי און אַ

האַלב אָנצעם; אַ פליגעלע, וואָס איז לייכט ווי די לופט, און אַ פיש וואָס וועגט אַמאָל ניט קיין הונדערט חלק פון די גרויסע ים־חיות!

איך בין אָבער צו יעדער צייט גרייט, צו זיין אַן עדות אויך פון אַזאַ מין פישן און בייצוזוואוינען דעם אינטערעסאַנטן געראַנגל מיט די גרויסע, ווילדע ים־פיש.

נאָכוואָרט

ביים פאַרענדיקן די נאָטיצן פון מיין בוך, ווערט מיר ערשט קלאָר, ווי פאַרצווייגט עס איז דער גאַנצער ענין פון פיש־פאַנג־ספּאָרט. איך האָב אין מיינע פאַרצייכענונגען זיך אָפּגעשטעלט בלויז וועגן דעם פיש־פאַנג אויף די זיסע וואַסערן, און דאָס נאָר וועגן די קליינע אָזערעס און טייכן, מיט וועלכע אונזער לאַנד איז אַזוי רייך. וואָלט איך אַריבער די אָנגעצייכנטע ראַמען, בין איך זיכער, אַז אַ בוך פון טויזנט זייטן וואָלט ניט גענוג געווען, אויף צו באַשרייבן די כלערליי מינים פיש און די פאַרשיידענע מיטלען, איינפאַלן און מעטאָדן פון פיש־פאַנג.

עס איז כדאַי אַמאָל אַ בליק צו טאָן אין אַ פרייען, שיינעם טאָג אויף דעם וואונדערלעכן בילד, ווי טויזנטער מענער, פרויען און קינדער זיינען פאַרטאָן אין געיעג און אין צאַפּל פון פיש־פאַנג־ספּאָרט, כדי צו באַגרייפן, אַז דאָס איז אַ וועלט פאַר זיך.

ערשט אין די געזאַלצענע וואַסערן זיינען פאַראַן כלערליי מינים פיש, מיט באַשטימטע פעריאָדן פון קומען און אַוועקגיין; פיש מיט ספּעציפישע כאַראַקטערן, פאַר וועלכע עס פאָדערט זיך אַנדערע מיטלען, אַנדערע שפּייזן. יעדער געגנט פון לאַנד האָט זיך אויסגעאַרבעט פאַרשיידענע מעטאָדן און זיך ספּעציאַליזירט אין פאַנג פון באַשטימטע מינים פיש. אַנדערש איז דער פיש־פאַנג אין פלאָרידאָ, אָדער קאַליפאָרניע און אַנדערש אין די קאַלטע געגנטן פון מעין און קאַנאַדע, מישיגען און וויסקאָנסען, קאָלאָראַדאָ, אָדער אין די נאַציאָנאַלע פאַרקן פון אונזער לאַנד.

פאַרשטייט זיך, אַז אין ענגליש איז פאַראַן אַ רייכע ליטעראַטור אויף דעם געביט פון פיש־פאַנג און עס זיינען אַרויס גאַנצע ביכער וועגן באַזונדערע מינים פיש, ווי וועגן „טראַוט”, „בעס”, העכט און סעמען, אָדער וועגן פאַרשיידענע ים־פיש.

נו, מיין איצטיק בוך איז, אויב איך האָב קיין טעות ניט, די ערשטע אויסגאַבע אין יידיש, געווידמעט דעם ענין פון פיש־פאַנג, און איך וואָלט געווען שטאַרק צופרידן, ווען מיינע נאָטיצן וועגן דעם זאָלן אַרויסרופן אַן אינטערעס ביי אונזערע לייענער. איך וויל האָפן, אַז מיט דער צייט, וועל איך נאָך האָבן אַ געלעגנהייט זיך ברייטער אָפּצושטעלן אויך וועגן אַנדערע מינים פיש, וואָס איך האָב ניט באַוויזן צו טאָן אין מיין איצטיקן בוך.

ווערטער-טײַטש

„לײַן"
שנור

„פלאָג"
געפאַרבטע העלצל

„ריעל"
שפּאָלעכל

„קעסטן"
וואַרפן, פאַרוואַרפן (די ווענטקע אָדער נעץ)

„קאָרקס"
קאָרקעס

„בײַט"
פאַרנאַר־ביסן, צוציאונג־שפּײַז

„שטיל פישן"
כאַפּן פיש, שטייענדיק אויף איין און דעם זעלבן פּלאַץ

„טראָלינג"
פּאַמעלעך פירן דאָס שיפל, שלעפּנדיק מיט זיך די צוציאונג־שפּײַז

„בײַט־קעסטינג"
אַרויסוואַרפן, נוצן ביים פאַנג נאַטירלעכע און אויך נאָכגעמאַכטע צוציאונג־שפּײַז

„פלײַ־קעסטינג"
אַרויסוואַרפן, נוצן אימיטירטע צוציאונג־שפּײַז, מערסטנס פליגן

אינהאַלט:

	זייט
מיין טייכל	13
קאָרעסלאַך	18
„פערטש" (אָקוניעס)	26
„בולהעדז"	31
העכט	36
„בעס"	55
מכשירים	64
פיר אופנים	70
אַן עקספּערימענט	91
פיש און זייערע מאכלים	95
וועגן פאַרמערן פיש	109
פיש־פאַנג ביינאַכט	113
„קאַליקאָס" אָדער „קראפּוס"	125
פיש־פאַנג אין האַרבסט	132
פיש־פאַנג דורכן אייז	136
פאַסירונגען	142
אין געיעג נאָך גרויסע ים־פיש	149

געזעצט און געדרוקט ביי
מאַרכטין פרעס, אינק.,
228 איסט 45 סט., ניו-יאָרק
אייגנטימער: ישראל לאָנדאָן

438